STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00419

AMOL...

Jechiel Hofer

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Cyril & Harriet Mazansky
in memory of
Dave & Freda Mazansky & Israel Cartoon

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל האָפער * אַמאָל...

יחיאל האָפער

אַמאָל...

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

1963

JECHIEL HOFER / AMOL...

יחיאל האָפער / אַמאָל...
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

31, Allenby str. Tel-Aviv, Israel
I. L. Peretz Publishing House

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

אינהאַלט

זייט

א

לכבוד דעם אורח... 11

אַ דין־תורה 35

ר׳ פישעלע 59

ב

ריבקי נאַ סאָבאָטע (פיש אויף שבת) 101

„סימביאָזע“ 121

די מומע 143

דער שומר המתים 163

אַ גאַסט אויף אַ חתונה 175

בענקשאַפטן... 205

דער טויט פון קאַנאַריק 215

וואַליזקעס און נסיעות 227

סטראַזשאַקעס און קוימענקערערס 237

ג

האַנדי !... האַנדי... 251

א

לכבוד דעם אורח...

ר׳ דוד זילבערבערג האָט אַפּערגענומען פון אונטער דער זיידענער קאָלדרע זיין רעכטע האַנט. אַ מינוט האָט ער זי געלאָזט ליגן און זיך איינגעקוקט אין איר געלבלעכער הויט. דערנאָך האָט ער איבערגעדרייט די האַנט מיט דער פלאַך אַרויף און באַקוקט די שפּיצן פינגער, וועלכע זענען געווען ווייך און געקנייטשט.

ר׳ דוד האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן. די געלבלעכקייט פון די הענט און די ווייכקייט פון די שפּיצן פינגער האָבן אים אויפגערעגט. אין די דאָזיקע הענט האָט ער יאָרן לאַנג געהאַלטן זיינע ברייט־פאַרצווייגטע געשעפטן, וועלכע זענען נישט אַלע מאָל געגאַנגען גלייך און נישט אַלע מאָל צו גוט; אין די דאָזיקע הענט האָט ער געהאַלטן די לייצן פון זיין גרויסער שטוב מיט זין און טעכטער, מיט איידעמס און שנורן און מיט אייניקלעך, און אַלע זענען זיי געגאַנגען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט און ווו ער האָט געוואָלט. אָבער לעצטנס האָבן אים די הענט געשראָקן. געשראָקן מיט זייער קאָליר און שלאַבעריקייט.

די הענט האָבן אים נישט נאָר געשראָקן, נאָר אויך געוועקט אין אים רחמנות צו זיך אַליין. ער האָט געטראַכט, אַז בסך־הכל איז ער ערשט אַלט זיבן און פופציק יאָר. די נישט לאַנגע באָרד הייבט ביי אים אָן ערשט איצט גרוי צו ווערן, און שוין אַזאַ שוואַכקייט אין גוף און אַזאַ געלבלעכקייט פון דער הויט.

ער האָט אַ הייב געטאָן די האַנט און זי אַ פיר געטאָן איבערן פנים, דערנאָך אָנגענומען זיך ביים בערדל און געזאָגט אַ הויכן — מנע.

ר׳ דוד האָט אַפּערגענומען די צווייטע האַנט, אָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, אַוועקגענומען פון בויך די גומענע וואַרעם-פלאַש, אַן אָנגעטאָענע אין אַ העמדל פון געבלימטן שטאָף, און זי אַוועקגעלייגט אויפן נאַכט-טישל. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעזעצט, לאַנגזאַם זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעלאָזט די דינע פיס אויף דעם קליינעם, ווייכן טעפּיכל, וואָס איז געלעגן לעבן זיין בעט.

אין דער רעכטער זייט, דאָרט ווו עס ענדיקן זיך די רעבערעס און ס׳הייבט זיך אָן דער בויך, אויף דעם אָרט ווו עס איז פריער געלעגן די וואַרעם-פלאַש, דאָרט ווו די דאָקטוירים לייגן צו זייערע הענט און הייסן אים פריער טיף אַריינציען דעם אָטעם און דערנאָך פּאַמעלעך אים אַרויסלאָזן, און דערוויל זוכן זיי דאָרט עפּעס מיט די פינגער, דאָרט האָט אים אַ ווייטיקלעכער שטאָך געטאָן.

דער ווייטיק איז ר׳ דודן דערגאַנגען אַזש ביזן האַרץ און אויף אַ רגע אים איבערגעריסן דעם אָטעם. ר׳ דוד האָט פאַרביסן די ליפּן. ווען דער ווייטיק איז שטילער געוואָרן, האָט ער אַרויפגעצויגן די וואָלענע שקאַרפּעטן און זיי פאַרבונדן מיט די בענדלעך פון די ווייסע גאַטקעס.

אין שלאָף-צימער האָט דורך די דיקע, געהאַפטענע פאַרהאַנגען אָנגעהויבן זיך אַדורכשלאָגן אַ פאַרנאַכטיקייט. דאָס מאָל איז עס געווען אַן ערב-שבתדיקע פאַרנאַכטיקייט, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אויך אַ בהדרגהדיקע שטילקייט. די טונקל-מאַהאָגענע בעטן, וואָס צוקאָפּנס האָבן זיי געהאַט גלייכע ווענטלעך און צופוסנס קיילעכדיקע, ווי האַלבע, איבערגעזעגט אין דער לענג, פּעסלעך, און די פּעסלאַרטיקע נאַכט-שענקלעך, זענען איצט געוואָרן נאָך טונקעלער. ר׳ דוד האָט געלאָזט אויף זיך פאַלן די מילדע טונקלקייט און שטילקייט. ער האָט זיך איצט, אין דער מינוט, גוטוויליק אונטערגעגעבן דער שוואַכקייט זיינער, שלום געמאַכט מיט איר. ער האָט זיך פאַרטראַכט וואָס אָנטאָן, צי שוין די אַטלאַ-

סענע קאַפּאָטע, אָדער דערווייל דעם זיידענעם, אונטערגעבעטן שלאָפראָק.

ס'איז געווען אָנהייב ווינטער. ביי ר' דוד זילבערבערגן אין הויז האָט מען שוין געהייצט אין אַלע שטובן די אויוונס. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט וואַרעמקייט און אויך געפילט, אַז די וואַרעמקייט מאַכט אים גוט.

ווען ער איז אַזוי געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און פאַרבונדן די שקאַרפּעטן, האָט זיך שטיל און פּאַמעלעך אויפגעלענט די טיר. אַ פּאָר שוואַרצע, אָנגעשראָקענע אויגן, אַ ווייסער שטערן, אויף וועלכן ס'איז געווען טיף אַראָפּגערוקט אַ טונקל פעלן שייטל, האָבן זיך באַוויזן.

— דוד'שי, די הייבסט זעך אָף?

ער האָט גיך פאַרוואָרפן די קאָלדרע אויף די פיס. די טיר האָט זיך געעפנט.

— דוד'שי, די טיסט זעך און?

— ס'איז ערב-שבת.

— דוד'שי, די דאָקטוירים האָבן אָנגעזוגט די זאָלסט למען-השם בלאַבן אין בעט.

— ס'איז ערב-שבת, מען דאַרף זעך מכין זאַן צי קבלת-שבת אין צים קידוש.

— וואָלסט געקענט מקבל-שבת זאַן אין מאַכן קידוש אין בעט. כ'האָב אָנגעזוגט די קינדער, זיי זאָלן האַנט נישט קימען. שרה'טשען האָב יעך געשיקט דעם גאַנצן שבת אַ היים. דוד'שי, די דאַרפסט זעך פאָלגן די דאָקטוירים. דער רבי זאָל לעבן האָט אָך געזוגט זאָלסט טיען אַלץ ווּס די דאָקטוירים הייסן.

— אידעס, כ'האָב געבעטן דעם שמש פין שטיבל, הערש חיימען, ער זאָל שיקן אַן אורח. כ'וויל נישט בלאַבן שבת און אַן אורח.

— ני, טאָ ווּס האָסטי מורא, כ'וועל אים חלילה עפּעס זשאַלעווען? כ'וועל אים געבן פין כל-טוב. כ'האָב אָנגעגרייט אַ

שבת ווי אַלעמול. כ'וועל אים געבן צי עסן אין צי טרינקען. דוד, מעגסט זעך אָף מיר פאַרלאָזן. ביז הינדערט אין צוואַנציק בין איך שוין איבער פּערציק יור דאָן וואַב.

— יאָ, ביסט אפשר גערעכט. נאָר די פּאַרשטייסט נישט, אַז אַן אורח האָט ליב אַז דער באַלעבוס זיצט מיט אים באַם טיש.

— אין אַז מע איז נישט געזינט?

— אידעס, די ווייסט דאָך, האָסט דאָך געלייענט אין טאַטש־הומש, אַז די מצווה פין הכנסה־אורחים איז גרעסער פּין מקבל זאַן דום פּנים פין דער שכינה. פּאַרשטייסט, אַן אורח קען זאַן אַ ייד, ווּוּם וואַלגערט זעך אַרים אַ גאַנצע וואָך ווער ווייסט ווי. דאַרף מע אַזאַ ייד מקרב זאַן, מע דאַרף אים משמח זאַן. נישט אַלץ איז דום עסן.

— דוד'שי, די האָסט כוח דערצי?

— דער אייבערשטער וועט געבן כוח. זאַ אַזוי גיט, דערלאַנג מע דעם שלופראָק.

זי האָט אים דערלאַנגט דעם שלאָפראָק. ר' דוד האָט אים אָנגעטאָן זיצנדיק אויפן בעט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, גלייך געמאַכט דעם טלית־קטן, פאַרבונדן דעם גאַרטל און פּאַמעלעך אַריינגעגאַנגען אין סאַלאָן. זיין ווייב איז צוריקגעגאַנגען אין קיך.

ער איז געזעסן אין זיידענעם שלאָפראָק מיט די גרויסע רויטע בלומען, אַן אָפּהענטיקער, אַ נישט־אָנוועזנדיקער. ער האָט געקוקט אויפן הויכן קרישטאַלענעם קלאָש געפאַסט אין זילבער, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ קליין שוואַרץ אָוואַל טישל אין מיטן סאַלאָן, געקוקט אויף די ווייכע מעבל, אויפן זשיראַנדאַל פון בראָנדז און קרישטאַל. אויף דעם אַלעם, וואָס האָט אים תמיד פאַרשאַפט פאַרגעניגן, האָט ער איצט געקוקט מיט אַ בלינדן בליק, אָן דער מינדסטער הנאה, אין גאַנצן גלייכגילטיק.

ס'איז געוואָרן שטאַרק טונקל. ר' דוד האָט אָנגעטאָן אויפן קאַפּל דאָס סאַמעטענע היטל און אָנגעהויבן זאָגן דעם הודו לה', פאַר דער ערב־שבתדיקער מנחה.

ער האָט געזאָגט דעם הודו וואָרט ביי וואָרט, מיט גרויס כוונה. ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער „ויצעקו אל יהוה בצר להם, ממצוקותיהם יצילם" (האָבן זיי געשריגן צו גאָט פון זייער נויט און ער האָט זיי פון זייער באַדרענגטקייט מציל געווען), האָט ר' דוד פאַרקלעמט די פויסטן, געשלאָסן די אויגן, נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט די עטלעכע ווערטער און זיך איינגעהערט אין זייער קלאַנג, ווי זיי וואָלטן געקומען אַרויסגעזאָגטע פון אַ פרעמד מויל.

ער האָט געענדיקט דאַווענען מנחה און אַריין אין עס־צימער. אויף אַ שטול לעבן טיש, אויף וועלכן ס'זענען געשטאַנען זעקס ברענענדיקע ליכט אין זילבערנע לייכטער און פיר אין אַ קליינעם קאַנדעלאַבער, איז געזעסן זיין פרוי אין אַ ווייסער זיידענער בלוזקע מיט צוויי רייען קליינע גאָלדענע קנעפלעך. עטלעכע שנורן ראָזאַ געקנייטשטע פערל, אַרומגעוויקלט אַרום דעם האַלדז. פאַר איר איז געלעגן אַן אָפענער „מנורת־המאור" מיט עברי־טייטש.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון ספר און געפרעגט:

— דערלאַנגען דיר די זאַדענע קאַפּעטע?

— זאַ אַזוי גוט. נאָר גיב מע די אַטלאַסענע — האָט ער געענטפערט.

זי האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם שלאַפראָק און אָנטאָן די קאַפּאָטע.

— קאַ שטראַמל וועל איך האַנט נישט אונטין. כ'האָב פשוט נישט קאַ כוח — האָט ער זיך פאַר איר ווי פאַרענטפערט.

— מע דאַרף נישט גיין אַלע שבת אין קאַ שטראַמל. דעם רבינס, זאָל לעבן, ברידערס גייען אָך נישט אין שטראַמלעך, נאָר אין סאַמעטענע היטלעך — האָט זי צו אים גערעדט מעשה פוסק.

— אידעס, דום ווּם זיי מעגן, טור יעך נישט. ס'איז נאָך זייער וואַט דערפין, אַז יעך זאָל מעגן דום, ווּם זיי מעגן. נאָר כ'האָב האַנט באמת נישט קאַ כוח.

— דוד'שי, דער אייבערשטער וועט העלפן, ווּעסט הובן

כוח אין וועסט נאָך מעטשישעם טרוגן נישט איין ניי שטראָמל. אפשר וועסטי טרינקען אַ גלוז טיי?

ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלב גלאָז טיי און מקבל שבת געווען זיצנדיקערהייט. בלויז צו דער שמונה-עשרה האָט ער זיך אויפגעשטעלט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער ספרים-שאַנק, געוואָרפן אַ בליק אויף דעם גרויסן מדרש-רבה געבונדן אין דיקן לעדער, אַ זיפץ געטאָן און גענומען אַ קליינעם מדרש-תנחומא. ער האָט אָנגעטאָן די גאָלדענע ברילן, געעפנט דעם מדרש, אריינגעקוקט אין אים און געוואַרט אויפן אורח, לכבוד וועלכן ער איז אַרויס פון בעט און זיך געזעצט צום טיש.

* * *

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער פראָנט-טיר. ר' דודס ווייב האָט נישט גערופן דאָס דינסט-מיידל, נאָר אַליין געגאַנגען עפענען.

זי האָט געענטפערט אויפן אורחס „גוט שבת" און פאַרנייגט דערביי אַ ביסל דעם קאָפּ מיטן טיפן שייטל, וואָס איז איבערן שטערן געווען אַרומגענומען מיט אַ שוואַרץ זיידענער באַנד.

דער אורח האָט אויסגעטאָן דעם אויבער-מלבוש אין פּאָדער-צימער און עם אויפגעהאָנגען אויפן הענגער. זיינע באַוועגונגען זענען געווען אַזעלכע זיכערע, זיין פאַרהאַלטן זיך אַזוי פריי, ווי ער וואָלט דאָס דאָזיקע הויז געקענט שוין פון לאַנג, ווי ער וואָלט דאָ געווען שוין אַ סך מאָל. פון צווישן צוויי פלאַטן מאַט גרין גלאָז אויף אַ ניקלנער רער, פון וועלכע ס'איז באַשטאַנען דער זשיראַנ-דאָל, האָט אַפּערגעשיינט אַן עלעקטריש לעמפּל און באַלויכטן דאָס ברייטהדיקע פּאָדער-צימער מיט אַ מילד, היימיש ליכט.

ר' דודס ווייב איז שוין געווען צוריק אין עס-צימער און געזעסן ביים טיש, ווען דער אורח איז דאָרט אַריינגעקומען. פון דער שפע העלקייט, וואָס איז געגאַנגען פון די ליכט אין די לייכטער און קאַנדעלאַבער און פונעם גרויסן עלעקטרישן זשיראַנדאָל, האָט

דער אורח אויף אַ רגע צוגעמאַכט די אויגן און באַלד זיי ברייט געעפנט. זיין פּנים האָט זיך צעשמייכלט.

דער אורח האָט געזאָגט: גוט שבת, און ר׳ דוד האָט אים דערלאַנגט שלום מיט זיין שוואַכער האַנט מיט די ווייכע שפּיצן פינגער. דער אורח האָט געהאַלטן ר׳ דודס האַנט אין זיינער און זי מורא געהאַט אַרויסצולאָזן, ווי מען האָט מורא אַרויסצושטעלן פון דער האַנט זייער אַ קרוכע זאַך.

דער אורח איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ גע־קנייטשט פּנים, גרויע אויגן און אַ קורץ ווייס בערדל. ער האָט געטראָגן אַ מאַטע לאַסטיקענע קאַפּאָטע און געווען אַרומגענומען מיט אַ דינטשיקן גאַרטל ווי אַ שפּאַגאַט. אויפן קאָפּ אַ סאַמעטן היטל אויף אַ סאַמעטן קאַפּל.

ר׳ דוד האָט געזאָגט פאַרן קידוש דעם שלום עליכם, רבון כל העולמים און דעם אשת־חיל — זיצנדיק. דער אורח האָט דאָס אַלץ געזאָגט שטייענדיק. דערביי האָט ער ביים „בואכם לשלום" און ביים „צאתכם לשלום" זיך גענייגט אין דער ריכטונג פון דער טיר, ווי ער וואָלט באַגריסט די אַריינקומענדיקע און געזעגנט די אַרויסגייענדיקע מלאכים.

דערנאָך האָט ר׳ דוד זיך אָנגעגאָסן אַ בעכער ווייַן און געמאַכט קידוש. ער האָט געזאָגט די ווערטער זייער שטיל, מען האָט קוים געהערט זיין שטימע. ער אַליין האָט נאָר צוגעלייגט די ליפּן צום בעכער און געגעבן זיין ווייב אָפּצוטרינקען אַ ביסל ווייַן.

דער אורח האָט געמאַכט קידוש בקול רם. דער אַלטער, דאַרער ייד האָט געהאַט אַ לייבן־שטימע. יעדעס וואָרט איז אַרויס פון זיין מויל קלאָר און שאַרף. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך אָפּגעזעצט און אויסגעטרונקען רוב כוס, ווי דער דין איז.

ר׳ דוד איז צוגעגאַנגען צום וואַש־טיש, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין דער וואַנט, געהאַט אַן עמאַלירטע שיסל און אונטן אַ הילצערן שענקל פּאָליטורט אויף טונקל־ברוין, ווי דאָס גאַנצע

מעבל אין עס-צימער. זיין ווייב האָט גענומען אַ שעפּ וואַסער און אים אָפּגעגאָסן די הענט. ר׳ דוד האָט גענומען פון איר דאָס האַנטעך און זיך עס צוגעלייגט צו די הענט. ער האָט נישט געווישט די הענט אין האַנטעך, נאָר זיי אָפּגעטריקנט אין אים.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס געהאַפּטענע טישטעכל פון די חלות, אַרויפגעלייגט איינע אויף דער צווייטער, אַ פּיר געטאָן מיטן שאַרף פון שבתדיקן מוציא-מעסער איבער דער איבערשטער חלה און געמאַכט אַ באַוועגונג מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיי אויפגעהויבן.

דערנאָך האָט ער איבערגעשניטן אַ חלה און דערלאַנגט דעם ווייב אַ מוציא און פאַר זיך אָפּגעשניטן דאָס אויסגעבאַקענע, דאַרע שפּיצל פון דער חלה.

דער אורח האָט געוואַשן די הענט מיט צוויי שעפּערס וואַסער, געווישט די הענט אין האַנטעך מיט פעסטע ענערגישע באַוועגונגען און געזאָגט די ברכות הויך אויפן קול.

ער האָט איבערגעשניטן אַ חלה, פון די צוויי, וואָס זענען געלעגן פאַר אים, איבערגעדעקטע מיט אַ ווייס, וועבן סערוועטל, ער האָט זיך אָפּגעשניטן אַ מוציא פון דער מיטן, פון דעם סאַמע ברייטסטן אָרט. ער האָט געגעסן מיט הנאה דאָס ווייכע טייג פון דער געלער חלה, וואָס האָט געשמעקט מיט היימיש, נגידיש געבעקס.

די באַלעבאָסטע האָט גענומען דעם פאַרצעלייענעם פול-מיסעק און אָנגעהויבן טיילן די פיש. דעם מאַן האָט זי געגעבן אַ שטיקל קאַרפּ נישט אָנגעפילט, דעם אורח האָט זי געגעבן צוויי שטיקלעך, אַ געפילטס און אַ נישט געפילטס. זיך האָט זי גענומען איין שטיקל.

דער אורח האָט געזען ווי דער באַלעבאָס טיילט אָפּ מיטן גאָפּל דאָס פעטע שטיקל קאַרפּ ביים בייכל, דאָס סאַמע גע-שמאַקסטע, און לייגט עס אַוועק אָן אַ זייט פון טעלער. ער דזשאָבעט

אַרוים מיטן גאָפּל קליינטשיקע שטיקלעך פון קאַרפּס רוקן און לייגט זיי זיך פּאַרזיכטיק אין מויל אַריין.

דעם באַלעבאָס שוואַכע עסן האָט געריייצט דעם אורחס אַפּעטיט. ער האָט געטונקען די חלה אין דער פיש־יויך, זיך אָפּגע־שניטן אַ פרישע מוציא און געפרעגט די באַלעבאָסטע:

— זאָלט מוחל, ס׳איז נישט דו קאַ כריין?

— יאָ, — און זי האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקל פון אַ פּאָרצעלייען שיסעלע אין געשטאַלט פון אַ פיש, אין וועלכן ס׳האָט געשטעקט אַ לעפעלע, ווי אַ פליספעדער, אָנצונעמען דעם כריין.

דער אורח האָט זיך אַרויפגעלייגט אויפן טעלער אַ שפּאָר ביסל כריין, אויפגעגעסן פריער די נישט געפילטע פיש און דערנאָך געגעסן די געפילטע. ער האָט דאָס געטאָן זייער פּאַמעלעך, פּאַרטאָן און מיט גרויס תענוג.

נאָך די פיש האָט ר׳ דוד געפרעגט דעם אורח:

— וואָס ווילט איר נעמען, געשטעלטן בראָנפן אָדער אַ ביסל ריינעם שפּערטעס?

— נוך די פיש איז גיט אַ ביסל ריינעם.

— נעמט געזינטערהייט וואָס איר ווילט.

דער אורח האָט געטרונקען לחיים און ר׳ דוד האָט אים דערלאַנגט די האַנט. ער האָט זי אים איצט דערלאַנגט אין גאַנצן אָן אָפּענע, אַ פלאַטשיקע, און דער אורח האָט זי קוים אָנגערירט.

— אפשר וועט איר זינגען „אזמר בשבחין?" — האָט ר׳ דוד אים געפרעגט.

דער אורח האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן עלעקטרישן זשיראַנדאָל, אויף די זילבערנע לייכטער, אויף דעם קאַנדעלאַבער און אויפן געשיר, אַ פיר געטאָן די אויגן איבער דער גאַנצער שטוב און פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט זיין בליק אויפן באַלעבאָס.

ער האָט געזען דעם באַלעבאָס געל פּנים, זיינע אומעטיקע אויגן און זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז דער ייד מוז זיין גאָר אַ חלוש.

טאָקע אַ ווילער ייד, אַ ייד מיט אַ ברייטער האַנט, אָבער נעבעך אַ קראַנקער. ס'וואָלט געווען אַ יושר אום שבת אים אַ ביסל משמח צו זיין. ס'איז פּשוט אַ מצווה אַזאַ ייד אַ ביסל אויפהייבן ביי זיך.

דער אורח האָט לאַנג נישט געטראַכט און אויפגעזונגען דעם „אזמר בשבחין" מיט אַ מיליטערישן מאַרש. זיין שטימע האָט געהילכט און די ווערטער פון האר"י הקדוש'ס זמר האָבן זיך אַזוי געפּאַסט צו דעם אורחס קאָזאַצקע ניגון, ווי שמן־זית אין אַ וואַש־טאָפּ.

ר' דודן איז פון דעם אורחס פריילעכן געזאַנג געוואָרן שטאַרק אומעטיק. — מן־הסתם איז דער ייד נישט קאַ קליינער עם־הארץ — איז ער געקומען צום אויספּיר. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז דער אורח וועט ענדיקן דאָס זינגען.

מען האָט דערלאַנגט די יויך. דעם באַלעבאָס האָט מען געגעבן אַ ביסל מאָגערע יויך, אַ ווייסע, כמעט ווי פּשוט וואַסער. ער האָט גענומען דעם לעפל און געשאַרט די יויך, טאָמער וועט ער חלילה געפינען אַן אייגעלע פעטס, גרויס ווי אַ שפּילקע־קעפּעלע. ער האָט געזופּט אַ צוויי־דריי לעפל און דאָס איבעריקע געלאָזט שטיין.

דעם אורח האָט מען דערלאַנגט אַ טעלער יויך מיט לאָקשן. די לאָקשן זענען געווען געל פון אייער און דין געשניטן, און די יויך איז געווען אַ פעטע, פול מיט שמאַלץ־אויגן.

דער ייד האָט געקוקט אויפן באַלעבאָס, ווי די הענט ציטערן ביי אים ווען ער טראָגט צו דעם לעפל צום מויל און מיט וויפל פּחד ער שלינגט אַראָפּ דאָס ביסל יויך. דעם באַלעבאָס שוואַכקייט האָט געוועקט כוח אין דעם אורחס דאַר לייב, געררייצט זיין אַפּעטיט. ער האָט מיט גרויס פאַרטאָענקייט געגעסן די לאָקשן מיט יויך. ווען ער האָט אָוועקגערוקט פון זיך דעם ליידיקן טעלער, איז זיין בליק ווידער געפאַלן אויפן באַלעבאָס געל פּנים, וואָס איז געווען פול מיט עצבות און קוועל.

דער אורח האָט, דאָס מאָל שוין נישט קיין געבעטענער,

אויפגעזונגען דעם „כל מקדש". און ווידער האָט ער געזונגען די ווערטער פון שבתדיקן זמר מיט אַ זעלנערישן מאַרש. דער ייִד האָט אַליין געפילט, אַז די הייליקע ווערטער ווענגן הייליקן שבת פּאַסן זיך נישט צו דעם סאָלדאַטסקן ניגון. נאָר דער ווילן, דער חשק משמח צו זיין דעם קראַנקן באַלעבאָס, אַ ביסל אים אויפצוהייטערן, איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גרייט געווען אַלץ צו טאָן אַבי דעם אײדעלן הלוש אַ ביסל אַרויסצוברענגען אום שבת פון זיין עצבות.

פון גרויס פאַרלעגנהייט, האָט דער אורח גענומען צוויי זילבערנע לעפל פון טיש און אָנגעהויבן מיט זיי צוצוקלאַפּן צום טאַקט פונעם געזאַנג. גאָר גיך האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער איז אַ משמיע קול בשבת און דאָס איז אָסור. אַ פאַרשעמטער האָט ער גיך אַוועקגערוקט פון זיך די לעפל.

ר׳ דוד זילבערבערג איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די אויגן פאַרשטעלט מיט דער האַנט. ער האָט זיך געוויגט אויף דער פאָטער-שטול אויף אַהין און צוריק, נישט געקאָנט זיך געפינען קיין אָרט. ער האָט נישט געזען ווי דער אורח האָט אַוועקגערוקט פון זיך אַ פאַרשעמטער די צוויי לעפל, ער האָט נאָר געהערט דעם קלאַנג וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, און אַ טראַכט געטאָן, אַז דער ייִד מוז זיין אַ גאָר וואַזשנער עם-הארץ.

ווען דער אורח האָט ענדלעך פאַרענדיקט דעם זמר, איז ר׳ דודן איינגעפאַלן אַ שמועס צו טאָן אין לערנען. נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס, האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן חילוק צווישן צום און תענית.

כאָטש, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן ביידע, סיי ר׳ דוד און סיי דער אורח, געוווּסט, אַז להלכה איז נישטאָ פאַראַן קיין חילוק צווישן צום און תענית, האָט זיך אָבער דער אורח אַ וואָרף געטאָן אויפן שמועס. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַלע מקורות, אַזוי אין מקרא ווי אין דער גמרא, ווו ס׳רעדט זיך וועגן צום און תענית.

פון דעם שמועס איז ר׳ דוד געבליבן זיצן אין גאַנצן אַ

געפּלעפּטער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. נישט תופס געווען דעם אורח זיינעם. — אויב דער ייד איז אַזאַ שיינער בן-תורה, טאָ ווי קומט עס ער זאָל זינגען די זמירות מיט אַזעלכע קאָזאַצקע ניגונים?

מען האָט אויפגעגעבן דאָס פלייש. דעם באַלעבאָס האָט מען דערלאַנגט אויף אַ גרויסן טעלער אַ פליגעלע פון אַ הון, דעם אורח האָט מען געגעבן אַ פּאָרציע שפּאַנדרע און אַ גרויס פערטל עוף. דער באַלעבאָס האָט גיך אַוועקגערוקט פון זיך דעם טעלער, מורא געהאַט זיך צוצורירן צום פיצל פלייש, דער אורח האָט גיך צוגערוקט צו זיך דעם טעלער, אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שפּאָר ביסל כריין, אָפּגעשניטן אַ גרויסע מוציא חלה און זיך גענומען צום עסן.

צי פון דעם שמועס וועגן צום און תענית, צי סתם די שיינע פּאָרציע פלייש, נאָר דער ייד האָט געגעסן מיט אַזאַ חשק, מיט אַזוי פיל הנאה, אַז מען האָט געזען בחוש ובעין אַז דאָס עסן גייט אים אין אַלע אברים אַריין. ער האָט בעתן קייען פאַרמאַכט די אויגן, געקנייטשט דעם שטערן און פון פאַרגעניגן אונטערגעברומט אונטער דער נאָז.

נאָכן פלייש האָט דער אורח געזונגען דעם „מנוחה ושמחה“. דאָס מאָל האָט ער געזונגען מיט אַ מאַדזשיצער ניגון. ער האָט געמאַכט אַזעלכע תנועות און העוויות, אַזוי אויסגעצויגן די הענט פאַר זיך, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביים באַלעבאָס, ער זאָל אים צוהעלפן זינגען, צי גאָר געוואָלט אים ווייזן, אַז דאָס זינגט ער פאַר אים, פאַר זיין כבודס וועגן.

ווען ר' דוד האָט געהערט דעם „כל מקדש“ מיטן סאָל-דאַטסקע ניגון און דאָס צוקלאַפּן זיך מיט די לעפל, איז ער געווען גרייט, תיכף ווי דער ייד וועט ענדיקן זינגען, אים איבערלאָזן ביים טיש און זיך גיין לייגן אין בעט אַריין. ראשית, האָט ער זיך געפילט שלעכט, געהאַט יסורים, שנית, איז אים דעם אורחס געזאַנג געוואָרן ללא נשוא, ממש נישט צום פאַרטראָגן.

אָבער נאָך דעם, ווען ער האָט אַזוי ווי נישט ווילנדיק אַ

שמועס געטאָן מיטן אורח אין לערנען און נאָך דעם „מנוחה ושמחה“, איז ער נישט נאָר געבליבן זיצן ביים טיש ביז וואַנען דער אורח האָט אויפגעגעסן דעם צימעס, נאָר געוואַרט ביז דער אורח האָט געזונגען „שיר המעלות“, געבענטשט בקול רם און נאָכן בענטשן אויסגעטרונקען צוויי גלעזער טיי. ערשט ווען דער אורח האָט געזאָגט אַ פריילעכן „גוט שבת“ און אַוועקגעגאַנגען, האָט ר׳ דוד זיך אויפגעשטעלט, שווער אָפּגעקרעכצט, געגאַנגען זיך לייגן און זיך געהייסן דערלאַנגען אין בעט אַריין אַ וואַרעם־פלאַש.

* * *

ווען מען האָט נאָך געהאַלטן ביים פלייש איז געקומען שרהטשע, ר׳ דוד זילבערבערגס יינגסטע טאָכטער. זי איז שוין געהאַט אַראָפּ פון די קעסט, געוווינט מיט איר מאַן אהרן און זייער קינד אין אַ דריי־צימערדיקער וווינונג אויף דער עלעקטאָ־ראַלנע גאַס. נאָר שבתים פלעגן זיי נאָך עסן ביי טאַטע־מאַמע.

דאָס מאָל, ערב שבת, ווען ר׳ דוד האָט זיך געפילט זייער נישט גוט און די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן בלייבן אין בעט, האָט ר׳ דודס ווייב גענומען אַ טייל פון די צוגעגרייטע מאכלים מיט חלות און קוכן און געשיקט מיטן דינסט־מיידל צו שרהטשען. דאָס דינסט־מיידל האָט איבערגעגעבן, אַז די מאַדאַם האָט געהייסן זאָגן, אַז דער הער פילט זיך נישט גוט, אַז ער וועט נישט קאָנען זיצן ביים טיש. די עלטערע מאַדאַם האָט געשיקט דעם גאַנצן שבת און געבעטן עסן ביי זיך אין דער היים און געווונטשן, אַז אַלץ זאָל דער יונגער מאַדאַם און דעם יונגן הער און דעם קינד וווּיל באַקומען.

נאָך דעם ווי מען האָט ביי שרהטשען פרייטאָג צו נאַכטס אָפּגעגעסן, האָט זי איבערגעלאָזט דאָס קינד מיטן מאַן און געגאַנגען געוואָר ווערן וואָס עס הערט זיך ביי די עלטערן. ווען זי איז אריין אין שטוב און דערזען דעם פאָטער זיצן ביים טיש און לעבן אים אַ פרעמדן ייד, וואָס זינגט זמירות, מאַכנדיק מיט די הענט אַזעלכע

ברייטע תנועות, איז זי געוואָרן פול מיט כעס, זי האָט פאַרשנורע־וועט די ליפּן און אַראָפּגעלאָזט די נאָז.

ווען דער ייד האָט געענדיקט זינגען, האָט זי פון צווישן די פאַרקוועטשטע ליפּן קוים אַרויסבאַקומען:

— ווי פילט זיך דער טאַטשי?

ר׳ דוד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרגלאָצט די אויגן, ווי ער וואָלט זאָגן: דער אייבערשטער זאָל העלפן. שרהטשע האָט מער קיין וואָרט נישט געפרעגט.

ערשט ווען דער אורח איז אַוועקגעגאַנגען און ר׳ דוד איז אַריין אין שלאָף־צימער, איז זי אַרויס מיט אַ טענה:

— מאַמעשי, ווען ס׳וואָלט האַנט נישט געווען שבת, וואָלט יעך געזאָגט, אַז דער האַנטיקער טוג זאָל מער זאַן פאַר אַן אופּקי־מעניש. כ׳בין דאָך געקימען און אַן אוטעם! כ׳האָב דאָך געמיינט חס וחלילה מי יודע וואָס איז געשען!

— שרהטשע, אינזערע שונאים זאָלן זאַן אין אַזאַ מעמד ווי דער טאַטשי איז.

— מאַמעשי, אַלע, אַלע, אהרן, חוהטשע אין אסתר אין שלמה אין ברוך, אַלע זוגן, אַז די מאַמעשי צעפּיעשטשעט דעם טאַטשי, אַז די מאַמעשי מאַכט אים פאַר אַ קראַנקן! דער טאַטשי האָט זעך פּין שטענדיק ליב געהאַט צי דאָקטאָריזירן, אין לעצטנס האָט ער זעך גור אַראַנגעלאָזט אין די זאַכן. ער פאַרנאַכלעסיקט די געשעפטן, מאַכט פּין אַלעם אַ תל, אין די מאַמעשי העלפט עים נאָך מיט, אנשטאָט דעם טאַטשי דערפין אופּציהאַלטן.

— קינד, וואָס רעדסטי! דער טאַטשי איז נעבעך חרוב קראַנק.

— יאַ, כ׳האָב טאַקע געזעען! פאַר די אייגענע קינדער איז דער טאַטשי קראַנק, אָבער פאַר אַ פרעמדן ייד, אַ שלעפּער, איז דער טאַטשי געזינט. מיט עים זעצט זעך דער טאַטשי אַוועק אָף שעהען לאַנג אין ס׳שאַדט אים חלילה נישט.

— שרהטשע! ווּס פֿאַר אַ רייד זענען דוס! ווּס זוגסטי עפּעס שלעפּער אָף אַ ייד אַן אורח, אַ ייד אַ תּלמיד־חכם. דער טאַטשי האָט זעך ספּעציעל אָפּגעהויבן פֿין בעט דעם ייד מקרב צי זאַן, אים משׂמח צי זאַן אין שבּת.

— אין יעך האָב געזעען פֿינקט פֿאַרקערט. יעך האָב געזעען, אַז דער ייד באַמיט זעך דעם טאַטשי משׂמח צי זאַן.

— אויב אַזוי, אויב אַזוי איז עס טאַקע געווען, קענעך דער זוגן, שרהטשע, אַז אַ פֿרעמדער מענטש פֿאַרשטייט אמול מער ווי אַן אייגן קינד.

— צי אייגענע קינדער האָט מען נאָר טענות. אָבער, זאָל נאָר דער טאַטשי זאַן געזינט — איז שרהטשע מיט אַ מאָל מילד געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, גענומען איר קאָפּ אין די הענט און געקושט מיט אירע פֿרישע ליפּן דער מוטערס שוין אויסגעטריקנט פּנים.

— מאַמעשי, כ׳האָב איבערגעלאָזט דוס קינד באַ אַהרונען. כ׳מיז אַהיימגיין עס לייגן שלופֿן.

— גיי געזינטערהייט. שטער זעך נישט.

די מוטער האָט געקוקט אויף איר יינגסטער טאָכטער, ווי אַזוי זי טוט אָן דאָס פֿוטערנע מענטעלע, דעם הוט, די הענטשקעס, זי האָט געקוקט אויף אירע זיכערע באַוועגונגען און זיך געטראַכט, ווי לאַנג איז דען, ווי זי איז נאָך געווען אַ קינד, זיך געלאַשטשעט צו איר, און איצט גייט זי מיט אַזעלכע דרייסטע טריט, אַ מענטש, אַ וועלט פֿאַר זיך...

ר׳ דוד זילבערבערגס ווייב איז געזעסן אַליין ביים שבּתדיקן טיש און געזויינט. זי האָט געזויינט ביי דעם טיש, ביי וועלכן דער אורח, דער פֿרעמדער, אָרעמער ייד, האָט ערשט נאָר־וואָס אַזוי פֿריילעך געזונגען. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז וויינען אום שבּת איז אַן עבֿירה. האָט זי זיך גיך אויסגעווישט די אויגן און אַריין צום מאַן אים דערמאָנען וואָס פֿאַר אַ רפֿואות ער דאַרף נעמען פֿאַרן שלאָף.

* * *

צו מאָרגנס, שבת אין דער פרי, האָט ר׳ דוד זיך געפילט אין גאַנצן אַ צעבראָכענער, נישט געקאָנט אַראָפּשטעלן קיין פוס, געבליבן ליגן אין בעט, אויסגעטרונקען אַ ביסל טיי און געהייסן דערלאַנגען דעם טלית.

ער האָט געדאַוונט אין בעט. געדאַוונט מיט גרויס כוונה. פאַרקוועטשט די אויגן און געביילט די פויסטן. ער האָט לאַנג געהאַלטן אויף די ליפּן יעדעס וואָרט פון דאַוונען, ווי ער וואָלט פון זיי אויסגעזויגן זייער גאַנץ תמצית. זיין ווייב האָט זיך ביי אים געבעטן אַז ער זאָל זיך אַזוי נישט אָנשטרענגען. ער האָט איר נישט געענטפערט. אפשר גאָר נישט געהערט, אַז זי רעדט צו אים. ביי שמונה-עשרה האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פיס אויפן קליינעם טעפּיכל, וואָס איז געלעגן פאַר זיין בעט.

אָבער ווען דער ייִד, דער אורח, האָט באַדאַרפט קומען פון שטיבל, האָט ר׳ דוד נישט געקאָנט ביי זיך פועלן צו בלייבן אין בעט. ער האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן. נישט געקאָנט זיך אויפהייבן און ס׳איז אים אוממעגלעך געווען צו בלייבן ליגן. ער האָט מורא געהאַט פאַר יסורים און דאָך נישט געוואָלט צעשטערן דעם שבתדיקן טיש, ביי וועלכן ס׳דאַרף זיצן אַן אורח.

ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

— אידעס, זאַ אַזוי גוט און דערלאַנג מיר די אַטלעסענע קאַפּאָטע.

זי האָט אויפגעכאַפּט דעם עקשנותדיקן בליק פון זיינע אויגן. אַ ליפּ איז געווען ביי אים פאַרביסן, ווי ביי אַן אָנגעברוגזט קינד, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום ווערטער וועלן שוין דאָ נישט העלפן.

זי האָט אים דערלאַנגט די אַטלעסענע קאַפּאָטע און אים געהאָלפן זי אָנטאָן. ר׳ דוד איז פּאַמעלעך אַריין אין סאַלאָן און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל.

ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער דרויסנדיקער טיר, האָט ר׳ דוד זיך אויפגעהויבן און אַריבערגעגאַנגען אין עס־צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, געזאָגט דעם אורח גיט־שבת און אים אָנגעוויזן אויפן פלעשל ספּירט, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, ער זאָל מאַכן קידוש.

זיך אַליין האָט ר׳ דוד געהייסן דערלאַנגען אַ וואַרעם־פלאַש, צוצולייגן צום בויך, און אַ גלאָז טיי. ער האָט זיך געוואַשן און אָפּגעשניטן פאַר זיך אַ שפּיצל פון דער חלה. ער האָט פּאַמעלעך געקייט די חלה און נאָכגעטרונקען די טיי.

דער אורח האָט זיך אָנגעגאָסן אַ שפּאָר גלעזל ספּירט, געמאַכט קידוש, פאַרביסן מיט האָניק־לעקעך. זיך געוואַשן, געגעסן הערינג מיט ציבעלע, דערנאָך די פיש מיט די געפרווירענע פיש־יויך. ער האָט געשניטן דיקע מוציאם חלה, זיך אַרויפגעלייגט אויפן טעלער כריין און געקייט דאָס עסן מיט גרוים איבערגענומענקייט.

ביי ר׳ דודן האָט מען דעם שבת קיין טשאָלנט נישט געשטעלט. נאָר פאַרן אורח האָט מען אַראָפּגעבראַכט פונעם שכן, ר׳ שלמה טורקאַ, אַ וואַרשעווער גסה־שוחט, אַ טיפן טעלער טשאָלנט און קישקע. פון די פאַרברוינטע קאַרטאָפל האָט געשפּריצט מיט שמאַלץ און די גרויסע צוקער־באָבעס האָבן געשמעקט מיט פעטער מעליקייט.

דער אורח האָט געגעסן און, צווישן איין מאכל און דעם אַנדערן, געזונגען זמירות. ר׳ דוד זילבערבערג איז געזעסן אַ פאַר־טראַכטער, אַ פאַרקלעמטער. ער האָט שוין קלאָר געפילט, אַז ער מיט דער וואַרעם־פלאַש אויפן בויך, מיט זיין נישט־עסן, מיט די יסורים, וואָס ער האָט, קאָן מיט זיין זיצן ביים טיש דעם אורח נישט משמח זיין, אַז ער קאָן לכבוד אים גאָרנישט טאָן.

אָבער דער אורח האָט גאָר נישט געוואַרט, אַז דער באַלעבאָס זאָל אים משמח זיין. ער האָט געגעסן און געזונגען, ער האָט שוין געהאַט אויסגעזונגען אַלע זמירות פון שבת אין דער פרי. און וואָס מער ער האָט געזונגען, אַלץ פריילעכער איז ער געוואָרן.

אין ר׳ דודן איז מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען אַ פּאַרדראָס אויף דעם פרעמדן ייד, וואָס מאַכט זיך אַזוי פריילעך ביי זיין טיש. ר׳ דוד איז געווען אַ ייד אַ חסיד און אַ בן־תורה, ער האָט געוווּסט, אַז שמחה איז אַ מדרגה, און שמחה אום שבת — אַוודאי און אַוודאי. פון דעסטוועגן האָט ער נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך דעם אומווילן צו דעם אָרעמען יידס פריילעכקייט.

ער האָט זיך אָבער באַהערשט. נישט געזאָגט דעם ייד קיין וואָרט. ער איז געבליבן זיצן ביים טיש, און זיך געגאַנגען לייגן אין בעט ערשט דעמאָלט, ווען דער אורח האָט אויסגעטרונקען נאָכן עסן די טיי און אָפּגעבענטשט.

צום שלוש־סעודות האָט זיך ר׳ דוד נישט אויפגעהויבן. דער אורח איז געזעסן אַליין ביים טיש און בנעימותדיק געגעסן די חלה מיט הערינג און אַ שטיקל פיש. ער האָט געזונגען דעם „בני היכלא״ שטיל, ווי ער וואָלט אריינגעזונגען אין זיך. אַזוי שטיל האָט ער אויך געזונגען דעם פריילעכן זמר „שבת היום לה׳.״ די טיר פון שלאָף־חדר איז געווען אויפגעלענט און ר׳ דוד האָט זיך געוווּנ־דערט, וואָס ער הערט נישט דעם אורח זינגען.

ער האָט געזאָגט צום ווייב, וואָס איז געזעסן לעבן זיין בעט:

— אידעס, זאַ אַזוי גוט און געב אַ בליק אַראָן וואָס דע אורח טוט.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון עס־צימער און באַלד זיך צוריקגעקערט:

— ער זינגט זמירות.

ס׳איז געוואָרן אין גאַנצן טונקל און מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. ר׳ דוד האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך אויפגעהויבן מאַכן הבדלה. ער איז אַריינגעקומען אין עס־צימער אַן אָנגעברוגזטער און געקוקט אויפן אורח מיט אַ קרומען בליק.

ער האָט געמאַכט הבדלה, און מיט אַ ביסל וויין, וואָס האָט זיך פון איבערפולטן בעכער אויסגעגאָסן אין זילבערנעם טעצל אַריין, האָט ר׳ דוד זיך לייכט איינגעשמירט זיינע מאַטע, מידע אויגן.

דערנאָך, ווען דער אורח האָט געוואָרט אויף דער פרישׁ אויפגעקאָכ־טער טיי, האָט ער גענומען אַ סידור און שטיל, מיט אַ שוואַך קול געזאָגט דעם „ויתן לך”.

ווען מען האָט דערלאַנגט די פרישׂע, שמעקעוודיקע טיי אין געשליפענע, קרישטאָלענע גלעזער, האָט דער אורח אַריינגעלייגט אין זיין גלאָז עטלעכע שטיקלעך געהאַקטן, ווייס־בלויען צוקער. ער האָט געמישט די טיי מיטן זילבערן לעפעלע און אָנגעהויבן זינגען הויך די „אל תיראם”.

ר׳ דוד האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ביז דער אורח וועט ענדיקן, און ווען דער אורח האָט אויסגעלאָזט מיט די לעצטע ווערטער „תתן אמת ליעקב — אַל תירא עבדי יעקב”, — איז ר׳ דוד אַ צערייצטער אַרויס מיט אַ טענה צו אים:

— הערירט ר׳ ייד. מילא שבת, פאַרשטיי יעך. שבת איז אַ מצווה צו זינגען און זיך משמח צי זאַן. אָבער יעצט, שוין נאָך שבת, וויל יעך אַך פרעגן, ווּס איז די גדולה אַף אַך, ר׳ ייד?

ר׳ דוד האָט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט מיט איין מאָל, גערעדט מיט כעס, מיט אַן אויפגעהויבענער, פּלוצעם ענערגיש געוואָרענער שטימע. ער האָט אויף אַ רגע איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און גע־רעדט ווייטער:

— זעיט, דוס האַז, אין וועלכן יעך ווויןָ, איז מאַנס, דוס מעבל, דוס זילבערנע געשיר, אַלץ ווּס איר זעיט איז מאַנס. אין פינדעסטוועגן זינג יעך נישט, בין נישט אַזוי פריילעך. אין איר, אַ ייד אַן אורעמאַן, איז נאָר איר זינגט און פרייט זעך, ווי אַ גרויס גליק וואָלט אַך געטראָפן. וויל יעך אַך פרעגן, ווּס איז די גדולה אַף אַך, ר׳ ייד?

אין דער העל־באַלויכטענער שטוב איז געוואָרן שטיל מיט זייער אַן אומהיימלעכער שטילקייט. ר׳ דודס ווייב איז געזעסן אַ דערשטוינטע פון איר מאַנס רייד, פון זיין כעס און פון זיין הויך קול, ווי ביי אַ געזונטן מענטש. ר׳ דוד אַליין איז נאָך דער אָנשטרענ־

גונג, וואָס ער האָט געמאַכט, שוין געזעסן אַן איינגעפאַלענער, אַן אויסגעלאָשענער.

נאָר דער אורח איז געבליבן אין גאַנצן אַ רויִקער. ער האָט אויסגעהערט ר׳ דודס טענה און אויף זיין פּנים האָט מען נישט אָנגעזען דעם מינדסטן סימן פון צערודערטקייט, צי פאַרשעמטקייט. ער האָט אַ הויכן זופּ געטאָן פון דעם גלאָז טיי, זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

— העיערט. דאַכט זיך, אַז איר הייסט ר׳ דוד, יאָ?

— יאָ.

— ר׳ דוד זילבערבערג הייסט איר, יאָ?

— יאָ, — האָט ר׳ דוד געענטפערט אָן חשק.

— הערט זשע, ר׳ דוד זילבערבערג, ווען יעך זיץ באַ אַך, באַ אייער טיש, איז עפּעס אַ נפקא-מינא צי ס׳איז אייער טיש, צי ס׳איז מאַן טיש, איז עפּעס אַ חילוק צי ס׳איז אייער לעפל, צי מאַן לעפל, צי ס׳איז אייער טישטעך, צי ס׳איז מאַן טישטעך. זוגט, ס׳איז עפּעס אַ חילוק, ס׳איז עפּעס אַ נפקא-מינא?

— ניין, ס׳איז נישט קאַ חילוק, ס׳איז נישט קאַ נפקא-מינא — האָט ר׳ דוד אַ ביסל אַ צעטומלטער געענטפערט.

— ס׳איז יאָ אַ חילוק. דער חילוק איז אין דעים, ווּס דוס אַלץ איז טאַקע אייערס, דוס הייסט, אַז איִער קענט די אַלע זאַכן פאַרזעצן אין לאָמבאַרד, אין איך נישט. ווּעט שוין חלילה זאַן אַך און וויי צי אַך, ווען איר ווּעט דוס אַלץ האַלטן באַ פאַרזעצן...

ר׳ דוד איז אין דער ערשטער רגע געבליבן זיצן אַ געפּלעפּ־טער פון דעם יידס רייד. דערנאָך זיך צעשמייכלט מיט אַ ביטערן שמייכל. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט גערעדט נאַרישקייטן, אַז איין טראָפּן אמתע שמחה איז בכוח צו פאַרווישן די גרענעצן צווישן „מאַנס אין דאַנס״.

ר׳ דוד האָט זיך פאַרטראַכט און פאַר אים איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מי און מאַטער דערוואָרבן, איז אין דעם אָרעמען יידס אויגן כלא היה, ווי עס וואָלט גאָרנישט

געוועזן. ער האָט מיט אַ מאָל דערזען די גאַנצע נישט־שטאַנדהאַפ־טיקייט פון האָבן אייגנס. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער האָט געפּטרט זיין געזונט אין דעם געראַנגל אויף צו דערהאַלטן זיין האָב און גוטס, פון וועלכן ער האָט איצט אַפילו נישט קיין כוח צו געניסן, און ער האָט מקנא געווען דעם אָרעמען ייד, וואָס קאָן הנאה האָבן פונעם עסן ביי אַ פרעמדן טיש...

ווען דער אורח האָט געזאָגט „אַ גיטע וואָך" און געוואָלט אַוועקגיין, האָט אים ר' דוד אַריינגערוקט אין האַנט אַ צענער זלאָטע און צו אים געזאָגט ווייך און איידל:

— אַ ישר כוח אַך פאַרן וועלן מיך משמח זאַן. יעך האָב דום געוואָלט טיען פאַר אַך, נאָר נישט געקאָנט, נישט געהאַט קאַ כוח.

און ווען דער אורח האָט נאָכן אָנוווּנטשן „אַ גיטע וואָך אין אַ גיט יוער" פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט ר' דוד זיל־בערבערג ווידער אויפגעמישט דעם סידור און אָנגעהויבן מיט גרויס כוונה:

„איש חסיד היה בלי מזון ומחיה..."

א דין־תורה

ר׳ תנחום, דער „אויסערן-מיניסטער" פון אונדזער הויז, האָט געדאַוונט אין דעם זעלבן שטיבל אין וועלכן ס׳האָט געדאַוונט מיין טאַטע, ווי ס׳האָט געדאַוונט אונדזער שטענדיקער אורח, ר׳ זלמן, איטשעלע קובאַץ און אַ סך אַנדערע אַלעקסאַנדער חסידים.

ר׳ תנחום מיט ר׳ זלמנען האָבן זיך ביי אונדז אין שטוב נישט צוזאַמענגעטראָפן. זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט אונדזער הויז. ר׳ תנחום האָט געגומען אַלע וואָכעדיקע טעג און ר׳ זלמן די שבתים און ימים-טובים.

אין שטיבל האָבן זיי זיך אויך, ווי ווייט מעגלעך ס׳איז געווען, אויסגעמיטן. ר׳ תנחום האָט שטענדיק געדאַוונט ביים ערשטן מנין, ר׳ זלמן ביים צווייטן, צוזאַמען מיט מיין טאַטן.

ר׳ זלמן האָט נישט געקאָנט פאַרגינען ר׳ תנחומען וואָס ער איז ביי אונדז זעקס טעג אין דער וואָך, אין דער צייט וועןּ ער, זלמן, איז ביי אונדז נישט מער ווי איין טאָג, שבת. און כאָטש שבת איז שקול כנגד זעקס טעג פון דער וואָכן, און ווי ס׳זאָגט דער זוהר הקדוש „כל שיתא יומא מתברכאן מיומא שביעאה", אַלע זעקס טעג ווערן געבענטשט פון דעם זיבעטן טאָג, זיי ציען זייער יניקה פון שבת, איז אָבער די צאָל זעקס פון די וואָכעדיקע טעג, בעת וועלכע ר׳ תנחום איז געווען ביי אונדז אין הויז, געשטאַנען ר׳ זלמנען ווי אַ ביין אין האַלדז.

ווען ר׳ זלמן פלעגט אַ מאָל מוזן צו אונדז אַרויפקומען אין מיטן דער וואָך, צי ווען ער האָט גאָר שטאַרק באַדאַרפן אַ זלאָטי, צי אַ העמד ערב-שבת, צי אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, פון די, וועלכע

ביילע די שטאָפּערין איז געזעסן ביי אונדז אין די אָוונטן און גע־צערעוועט, איז עס פאַר אים געווען אַ ריין אַפּקומעניש.

נישט דאָס בעטן עפּעס פאַר זיך האָט אים געאַרט. חס וחלילה! צו דעם איז ר׳ זלמן געווען צוגעוווינט און דאָס איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. ר׳ זלמן האָט אונדזער שטוב געהאַלטן פאַר זיין אייגענע און ס׳האָט אים נישט געקוועלט דאָס בעטן אַ מטבע אָדער עפּעס אָנצוטאָן.

נאָר ווען ר׳ זלמן איז אַרויפגעקומען צו אונדז און געזען ווי ר׳ תנחום זיצט ברייט ביים טיש אין פאַלטן מיטן אַרויפגעשטעלטן קאָלנער, טרינקט טיי און רייכערט זיך בנעימותדיק אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, אָדער שמייעט אַרום איבער די שטובן, ווי ער וואָלט געווען ביי זיך, האָט אין ר׳ זלמנען געקאָכט און געזאָטן, ער האָט דאָס נישט געקאָנט סובל זיין, ס׳איז אים געווען ללא נשוא ממש, נישט צום פאַרטראָגן.

אַליין האָט ר׳ זלמן מבטל געווען ווייבער בתכלית הביטול, און ווען ער פלעגט אַפּחוזקן פון ווייבערישע רבים און פון ווייבער, האָט ער אַפילו נישט געשאַנעוועט מיין מאַמען, וועלכע איז געווען צו אים אויסערגעוויינטלעך גוט און געדולדיק. אָבער טאָמער האָט ער געהערט ווי ר׳ תנחום רופט מיין מאַמען: — ר׳ איטשע מאירם וואַב, זאָטץ אַזוי גיט, כ׳דאַרף אַך עפּעס זוגן! — האָט ר׳ זלמן גע־קריצט מיט די ציין, זיך אין גאַנצן געוואָרפן. צו מיר פלעגט ער זאָגן:

— חיליש, זעי נאָר ווי דער מחוצף איז מטריח דאָן מאַמישי אַזש פין דער דריטער שטיב. — ער פלעגט דעמאָלט קוקן אויף ר׳ תנחומען מיט אַ פּאָר גזלנישע אויגן.

סיי מיין מאַמע און סיי איך, ווי אַלע ביי אונדז אין שטוב, זענען שוין געוווינט געווען צו דעם, אַז ר׳ תנחום זאָל אָפּט רופן מיין מאַמען. דער עיקר האָט ער דאָס געטאָן, ווען מיין טאַטע איז נישט געווען אין וואַרשע. דעמאָלט האָט ר׳ תנחום זיך געפילט ביי אונדז ווי אַ באַלעבאָס, ער האָט מאַרשירט פון איין שטוב אין דער צוויי־

טער, אומעטום אַריינגעשטעקט זיין נאָז און ביי יעדער מינדס־טער זאַך אַ נישט געבעטענער געזאָגט זיין דעה. אָבער ווען כ׳האָב געהערט ווי ר׳ זלמן זאָגט אויף ר׳ תנחומען, אַז ער איז אַ מחוצף, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט. ווייל ר׳ זלמנען האָב איך ליב געהאַט און ר׳ תנחומען נישט.

צוקוקנדיק זיך צו ר׳ תנחומס התנהגות ביי אונדז אין שטוב, צו זיין גאַנץ אויפפירן זיך און פאַרהאַלטן, איז ר׳ זלמנען נישט באַקומען נישט די טיי און נישט דער כיבוד וועלכן מיין מאַמע האָט אים דערלאַנגט. אויך דאָס געלט, צי די זאַך, וועלכע ער האָט באַקומען, האָט אים נישט פאַרשאַפט די מינדסטע הנאה.

די קנאה צו ר׳ תנחומען צוליב דעם וואָס ער איז אַזאַ גאַנצער באַלעבאָס ביי אונדז אין הויז, האָט אים, ר׳ זלמנען, אויפגעגעסן. זי האָט זיך אין אים איינגעביסן ווי זשאַווער אין אייזן.

ר׳ תנחום האָט געוווּסט וועגן דער קנאה פון ר׳ זלמנען צו אים. ער האָט אויך גוט געוווּסט, גוט געקענט ר׳ זלמנען פאַר אַ מוראדיקן כעסן. דעריבער פלעגט ר׳ תנחום אים אויסמיידן. אָבער ווי נאָר זיי פלעגן זיך אַ מאָל צונויפטרעפן, איז באַלד צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ מחלוקת.

יעדע קלייניקייט, יעדער דבר קטן שבקטנים, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן ביי ר׳ תנחומען האָט ר׳ זלמן צעבלאָזן און געמאַכט דערפון אַ גאַנצן ענין. ער פלעגט אַפילו נעמען זיין געשוווי־רענעם בר־פלוגתא, איטשעלע קובאַץ, אין שותפות אַריין קעגן ר׳ תנחומען. ר׳ זלמן פלעגט זיך כסדר טשעפּען צו ר׳ תנחומען. זידלען אים בריש גלוי, פאַרן גאַנצן עולם כאחד הריקים. געמאַכט פון אים אויסצודרייען. און דאָס אַלץ פאַר בילע־וואָס, אָדער גאָר סתם אין דער וועלט אַריין.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט אַ מעשה מיט אַ פּאָר שטיוול פאַר ר׳ תנחומען. ס׳איז געווען אַ גאַנץ פאַרקאָכעניש מיט אַ דין־תורה. ר׳ זלמן האָט דעמאָלט געאַרבעט מעשים, געלייגט וועלטן, און דאָס אַלץ בכדי צו דערגיין ר׳ תנחומען די יאָרן.

* * *

און געווען איז אַזוי:

צווישן די אָנגעזעענע חסידים וואָס האָבן געדאַוונט אין אַלעקסאַנדער שטיבל צוזאַמען מיט מיין טאַטן, ר׳ זלמנען און ר׳ תנחומען, איז אויך געווען איינער אַ חסיד און אַ יודע ספר, ישראל יאַנקל.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אויפן אויג אויסגעזען צו זיין אַ ייד אַ גבר. הויך און ברייט, מיט גרויסע הענט און פיס. ער האָט געהאַט אַ ברייטע ברוינע באָרד און ברוין איז געווען זיין פּנים, ווי אָפּגע־ברענט פון דער זון.

ער האָט זיך אָבער שטענדיק געקלאָגט אויף חולשת־הלב, אַז עס ציט אים ביים האַרץ און ער מוז אָפט עפּעס נעמען אין מויל אַריין. די דאָקטוירים, ביי וועלכע ער איז געווען, האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זייער אַ קראַנק האַרץ און דאַרף דווקא מיטן אָפטן נעמען אין מויל אַריין זיין שטאַרק אָפּגעהיטן.

ר׳ ישראל יאַנקל איז געווען אַ מטופל מיט קינדער, מיט עטלעכע זין און טעכטער. קיין אייגן געשעפט האָט ער נישט גע־האַט. ער האָט נאָר געהאַט צוויי רייכע ברידער, באַלעבאַטים פון אַ גרויסער גאַרבעריי פון האַרטער לעדער.

להיפוך צו אים, ישראל יאַנקלען, וואָס איז געווען אַ ייד אַ חסיד, זענען זיינע צוויי ברידער געווען אין גאַנצן פרייע. נידעריקע, דיקע, מיט פעטע פּנימער, גוט אויסגעראַזירטע, מיט לאַנגע וואָנ־סעס, שטענדיק אָנגעטאָן אין קראַטעוּנע אַנצוגן און אין האַרטע קאַפּעליושן, האָבן זיי לגמרי נישט אויסגעזען ווי יידן.

מיט זייער חסידישן ברודער האָבן זיי זיך אָבער שטאַרק געגרייסט. זיי האָבן זיך ממש אין אים געשפּיגלט. אים געהיטן ווי אַן אבן־טוב. פאַר זיינעטוועגן האָבן זיי געעפנט אַ געשעפט פון האַרטער לעדער אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס און אים דאָרט אַריינגעזעצט פאַר אַ קאַסירער.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט באַקומען פון זיינע ברידער אַ שיינעם

געהאַלט און געפירט אַ גאַנץ בכבודיקע שטוב. די ברידער האָבן אַכטונג געגעבן, אַז ישראל יאַנקלס שטריימל זאָל שטענדיק זיין פריש און אים דערמאָנט ער זאָל עס געבן פון צייט צו צייט צום שטרייכן. זיי האָבן אים געגעבן ספּעציעל געלט אויף זיידענע און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס. די פרייע ברידער האָבן אויך שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז ישראל יאַנקלס קינדער זאָלן גיין אין זייער חסידישן טאַטנס דרכים...

די ברידער פלעגן ר׳ ישראל יאַנקלען אָפט שיקן צום רבין קיין אַלעקסאַנדער. זיי האָבן מיטגעשיקט פאַרן רבין און דעם רבינס שטוב מתנות און אויך שיינע פּדיונות. דורך זייער ברודער פלעגן זיי פרעגן דעם רבין פאַרשידענע עצות.

אַ דאַנק די ברידער זיינע, האָט ר׳ ישראל יאַנקל מיט זיין משפּחה געלעבט אַ שיין, רויִק לעבן. נאָר דאָס חולשת הלב, דאָס וואָס ער האָט אַזוי אָפט געמוזט נעמען אין מויל אַריין, אָט די שוואַכקייט זיינע האָט געשראָקן.

און נאָך אַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט, ר׳ ישראל יאַנקל, אָבער שוין נישט אַזאַ וואָס האָט געשראָקן, נאָר עפּעס אַ קינדישע, פריילעכע שוואַכקייט, אַזאַ וואָס האָט גיכער געפּאַסט פאַר זיינע פרייע ברידער, ווי פאַר אים, דעם חסידישן ייד.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שטיוול.

היות ר׳ ישראל יאַנקל האָט געהאַט, צוליב זיינע ברידערס לעדער-געשעפט אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, צו טאָן מיט שוס-טערס, פלעגט ער אָפט ביי זיי באַשטעלן פאַר זיך שטיוול.

ער האָט זיי געהאַט אַ גאַנצע קאָלעקציע. געמזענע און בראָמענע. פון גאָר דינער פראַנצויזישער און ענגלישער געמזע ביז צו דיקן דייטשן בראָם. ער האָט געהאַט שטיוול מיט הויכע כאָלע-וועס, מיט אַ ביסל נידעריקערע, און מיט גאָר נידעריקע. מיט אַזעלכע נידעריקע, אַז צווישן דער לאַנגער קאַפּאָטע און די שטיוול האָבן זיך אַרויסגעזען די הויזן, וואָס האָבן זיך געלייגט מיט פאַלדן אַרום די ראַנדן פון די כאָלעוועס.

צוליב די שטיוול מיט די נידעריקע כאַלעוועס איז געקומען צו אַ מחלוקה צווישן איטשעלע קובאַץ און ישראל יאַנקלען. איטשעלע קובאַץ האָט געשריגן, אַז די שטיוול מיט די נידעריקע כאַלעוועס, פון וועלכע מען זעט אַרויס די איבערגעלייגטע הויזן, זענען גערער נוסח, און פאַר אַן אַלעקסאַנדערער חסיד זענען זיי בפירוש טריף.

ר' ישראל יאַנקל האָט געענטפערט שטיל און געלאַסן, אַז אויב די שטיוול מיט די קורצע כאַלעוועס זענען גערער נוסח, איז איטשעלע קובאַצעס עזות און זיין גרויס מויל אַוודאי און אַוודאי גערער נוסח און מיט די דאָזיקע צוויי זיינע „מעלות" וואָלט ער זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין דער גערער עדה.

עפּעס ערגערס פון אַזאַ זאָג, האָט פאַר איטשעלע קובאַץ נישט געקאָנט זיין...

* * *

אונדזער „אויסערן-מיניסטער" ר' תנחום האָט מיט גאָרנישט נישט מקנא געווען ר' ישראל יאַנקלען, נישט מיט די רייכע ברידער, נישט מיטן געשעפט, און אַפילו נישט מיט זיינע חסידישע קינדער. נאָר מיט איין זאַך האָט ער אים יאָ מקנא געווען — מיט די שטיוול.

ר' תנחום האָט געוווּסט אַז ער איז צוליב די שטיוול עובר אויף לא תחמוד, אָבער העלפן האָט ער זיך נישט געקאָנט.

פאַרוואָס האָט ר' תנחום מקנא געווען ר' ישראל יאַנקלען דווקא מיט די שטיוול, פאַרוואָס נישט מיט זיין שיין, שטענדיק פריש געשטראָכן שטריימל, פאַרוואָס נישט מיט זיינע נייע אַטלאַסענע און זיידענע קאַפּאָטעס? דאָס איז פאַר מיר נישט אין גאַנצן קלאָר.

כ'בין זיך אָבער משער, אַז ר' תנחום האָט דערפאַר מקנא געווען ר' ישראל יאַנקלען מיט די שטיוול, ווייל ער האָט געליטן אויף די פיס. ר' תנחום האָט זיך שטענדיק געקלאָגט אויף ווייטיקן אין די פיס. די דאָזיקע ווייטיקן זענען דאָס געווען די סיבה צו נעמען שטענדיק אויף אַ דראָזשקע, ווען מען האָט אים געשיקט מיט

אַ שליחות אַפּילו אין דער סאַמע נאָנטסטער גאַס, כאָטש געגאַנגען איז ער שטענדיק צו פוס, אַפּילו ווען דער, צו וועמען מען האָט אים געשיקט, האָט געוווינט אין דעם צווייטן עק שטאָט.

איין מאָל, אין אַ שבת, ווען ר׳ ישראל יאַנקל איז געקומען אין שטיבל אַריין מיט אַ נייע פּאָר שטיוול, האָט זיך ר׳ תנחום אָנגערופן הויך, אַז ר׳ ישראל יאַנקל זאָל הערן:

— ווען יעך וואָלט געהאַט אַזאַ פּוער שטיוול, וואָלט יעך געווען אַ געהאָלפענער. מאַנע פיס וואָלטן זעך מחיה גווען.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך געמאַכט כלא־ידע, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס ר׳ תנחום האָט געזאָגט.

וואָס אָן אמת, האָט קיינער אין שטיבל נישט באַמערקט, אַז ר׳ ישראל יאַנקל טראָגט אַ פּאָר נייע שטיוול. ער האָט זיי געהאַט אַזוי פיל, אַז אַלע וואָס ער האָט געטראָגן האָבן אויסגעזען ווי ניי.

אָבער די קנאה צו די שטיוול האָט ביי ר׳ תנחומען אַזוי אויסגעשאַרפט דאָס אויג, אַז ווי נאָר ר׳ ישראל יאַנקל האָט דאָס מאָל איבערגעטרעטן די שוועל פון שטיבל, האָט ר׳ תנחום תיכף דערבליקט אַז די שטיוול זענען נייע.

ר׳ זלמן האָט געוווּסט וועגן ר׳ תנחומס תאווה צו שטיוול, וועגן זיין קנאה צו ר׳ ישראל יאַנקלען צוליב זיי. ער איז געווען אש להבה אויף ר׳ תנחומען, געברענט אויף אים מיט אַ העליש פייער. מיט זיינע שמאָלע, בייזע, מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן, האָט ער אַדורכגעשפּיזט ר׳ תנחומען, ווי נאָר ער האָט באַמערקט ווי יענער כאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף ר׳ ישראל יאַנקלס שטיוול. ער האָט געקוקט מיט גאַליקן שפּאָט אויף ר׳ תנחומען, ווען ער האָט אויפגעכאַפּט זיין פאַרגאַפטן בליק, מיט וועלכן יענער האָט אַ קוק געטאָן אויף די פּאָר נייע שטיוול אויף ר׳ ישראל יאַנקלס פיס.

— שוין יורן ווי יאַך גיי אין די זעלבע שטיוול. זיי זענען שוין טלאי על גבי טלאי, לאַטעס אויף לאַטעס, איין לאַטע אויף דער צווייטער, ני, וועל יאַך עימיצן מקנא זאַן צוליב אַ פּור שטיוול? וועל יאַך צוליב דעים עובר זאַן אָף לא תחמוד? — האָט ר׳ זלמן

גערעדט מיט היץ. — אַ פּיסטע כלי, דעיער תנחום, יאָך האָב דום שטענדיק געזוגט, אין יאָך האָב נישט קאַ טבע זעך טועה צי זאַן — און ר׳ זלמן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעפּסקנט, און גענוג.

אָבער ר׳ תנחומען איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט אָנגעהויבן וואָס אַ מאָל עפּטער און וואָס אַ מאָל צודרינגלעכער קוקן אויף ר׳ ישראל יאַנקלס שטיוול, און דערביי אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע קרעכצן און אָכצן, ווי בעתן האָבן שטאַרקע יסורים, רחמנא ליצלן.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך דאָס אַלץ געמאַכט נישט זען און נישט הערן. אָבער ר׳ תנחום איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אים. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געמאַכט פאַרשידענע אָנצוגעהערעניש, פאַרשידענע אָנדייטונגען וועגן קראַנקע פיס, וועגן גוטע שטיוול, און ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט צו ר׳ ישראל יאַנקלען אָפן און קלאָר:

— ישראל יאַנקל, ווען די וואָלסט געוואָלט, וואָלט יעך גע־האַט גיזינטע פיס. כ׳דאַרף נאָר הובן אַזאַ פּור שטיוול ווי דאַנע. כ׳בין גרייט ס׳זאָל קאָסטן כל הון דעלמא אבי די זאָלסט זעען, אַז דאָן שיסטער זאָל מיר מאַכן אַזאַ פּור שטיוול ווי די טרוגסט.

דער „כל הון דעלמא" אין מויל פון אַזאַ אָרעמאַן ווי ר׳ תנחום, האָט נישט געקלונגען שטאַרק איבערצייגעוודיק, און ר׳ ישראל יאַנקל, בטבע אַ פּאַמעלעכער און אַ באַרעכנטער, האָט פיינט געהאַט פוילע געשעפטן. וועלנדיק פּטור ווערן פון ר׳ תנחומען, האָט ער אים אויף גיך אַ פרעג געטאָן:

— אין וועספּאַראַ שטיוול ווילסטי, געמזענע צי כראָמענע? אין אויב געמזענע, צי ווילסטי פין פראַנצויזישער געמזע פין „גריי־זאַן", צי פין ענגלישער? אין אויב כראָם, וועספּאַראַ כראָם ווילסטי, פריידענבערגס דאַטשן, צי מאַרגאָשעסעס פּוילישן? אין וואָספּאַראַ פאַסאָן ווילסטי, מיט הויכע, צי מיט נידעריקע כאַלעוועס, מיט ברייטע, צי מיט שמולע — מיט האַרטע, צי מיט ווייכע נאָסקעס? —

און אויסנוצנדיק ר׳ תנחומס צעטומלטקייט פון אַזוי פיל מיט איין מאָל אָנגעוואָרפענע פראַגעס, האָט ער גיך פאַרענדיקט: — ני, אַז די ווייסט אַליין נישט ווּס די ווילסט, טאָ ווּס דרייסטו מיר אַ מוח?!

ר׳ תנחום איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער און ר׳ ישראל יאַנקל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, זיך תיכּף אויסגעמישט צווישן די חסידים און גענומען שמועסן פון גאָר עפּעס אַנדערש.

* * *

ס׳זענען אַדורך די ימים-נוראים, ס׳איז אַוועק דער סוכּות מיטן פרייִלעכן שמחת-תורה, מען האָט שוין געהאַט אָפּגעבענטשט גשם, און וואָס עפּטער האָבן אָנגעהויבן פאַלן דינע רעגנס, וואָס האָבן אַדורכגענומען מיט קעלט דאָס לייב מיט די ביינער. ר׳ תנחום האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף ווייטיקן אין די פיס און געקוקט אויף ר׳ ישראל יאַנקלען מיט טענה און מאַנונג.

ר׳ ישראל יאַנקלען האָט די מעשה אָנגעהויבן ווערן איבער-דריסיק: — ווּס הייסט? ווייניק שיסטערס זענען פאַראַן אין וואַרשע ווּס מאַכן שטיוול, אַ וועלט מיט יידן, אָן עין-הרע, טראָגן שטיוול, טאָ ווּס האָט זיך דער תנחום אָנגעזעצט אויף מיר, אַז ער מיז דווקא הובן אַזאַ פּור שטיוול ווי מאַנע און פין מאַנס אַ שיסטער? האָט זיך ר׳ ישראל יאַנקל דערמיט ווי פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין פאַר דעם, וואָס ער מאַכט זיך נישט הערן ר׳ תנחומס קרעכצן.

אָבער שוין דאָס, וואָס ער האָט געפילט אַז ער דאַרף זיך פאַרענטפערן, אַפילו ווען נאָר פאַר זיך אַליין, שוין דאָס האָט ישראל יאַנקלען געשטערט, צוגענומען ביי אים די מנוחה, און איין מאָל, ווען ר׳ תנחום האָט ווידער געקוקט אויף אים מיט תרעומות, האָט ר׳ ישראל יאַנקל זיך אָנגערופן צו אים:

— תנחום, נאַדיר דעם אַדרעס אין גיי אַראַן צי מאַן שיסטער אין באַשטעל דיר אַ פּור שטיוול.

— ניין, ישראל יאַנקל, — האָט ר׳ תנחום געענטפערט זייער געלאַסן, — כ׳וויל אַז די אַליין, בכבודך ובעצמך, זאָלסט זאַן באַם

באַשטעלן די שטיוול. כ'וויל אַז דער שיסטער זאָל וויסן, אַז די שטיוול דאַרפן זאַן געמאַכט פּינקט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַר דיר.

ר' ישראל יאַנקלען איז די מעשה נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן. אָבער ער איז שוין געווען דעריין, אינעם עסק, עפּעס איז אים נישט געווען באַקוועם זיך צוריקצוציען, ס'האָט אים דאָס נישט געפּאַסט, און אָן גרויס חשק האָט ער געזאָגט צו ר' תנחומען:

— גיי אַראָן צים שיסטער אָף ניזקע אַכט. הייס אים קימען צי מיר אין געשעפט אַראָן נאָך זיבן, ווען קאַ קונים זענען שוין נישטאָ. די זיי אָך אין דער זעלבער צאַט, ווען מען דיר נעמען אַ מוס אין באַשטעלן פאַר דיר אַ פּור שטיוול. יעך וועל שוין דעם שיסטער זוגן ווּס אין ווען.

צו דער מינוט און צו דער רגע איז ר' תנחום געווען ביי ר' ישראל יאַנקלען אין געשעפט. ס'איז אויך געקומען דער שוסטער, אַן עלטערער ייד, אַ נידעריקער, מיט אַ ברייטער, גרויער באָרד און מיט אַ פּאָר זייער ערנסטע אויגן. ר' תנחום האָט אויסגעטאָן זיינע אַלטע, אָפּגעריבענע, שוין אָן קאָליר, שטיוול. אויף די פיס האָט ער געהאַט אַ פּאָר פרישע שקאַרפּעטקעס, וועלכע ער האָט גענומען ביי מיין מאַמען. ר' תנחום איז געזעסן אויף אַ שטול, נעבן אים איז געזעסן ר' ישראל יאַנקל און דער שוסטער איז געשטאַנען איינגעבויגן. ער האָט אָנגעלענט ר' תנחומס פוס אויף זיין קני און מיט אַן אין דאָפּלט איינגעלייגט שטיקל צייטונגס-פּאַפּיר אַראָפּ-גענומען די מאָס.

ר' ישראל יאַנקל האָט אַ קוק געטאָן אויף ר' תנחומס פּיס. ער האָט געזען אַז די גראָבע פינגער גייען ביי אים אַוועק אַ ביסל זייטיק. ער האָט באַמערקט פון אונטער די שקאַרפּעטקעס יעדע רעוומאַטישע גוליע, יעדעם אַרויסשטאַרטשנדיקע ביינדל, און זיך אָנגערופן:

— תנחום, די האָסט אַ שווערן פיס.

דער אַלטער שוסטער האָט אונטערגעהויבן אַ ביסל דעם

אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן זייטיק אויף ר׳ ישראל יאַנקלען מיט זיינע גרויסע, ערנסטע אויגן און געזאָגט:

— ר׳ ישראל יאַנקל, האָט נישט קיין מורא. כ׳וועל שוין אַזוי אַלץ מאַכן, אַז דעם ייד זאָל זאַן באַקוועם, ס׳זאָל אים חלילה גאָרנישט קווענקלען.

מיט גרויס מבינות און בקיאות אין שטיוול-ענינים האָט ר׳ ישראל יאַנקל גערעדט מיטן שוסטער וועגן די באַשטעלטע שטיוול פאַר ר׳ תנחומען. ער האָט אים געהייסן נעמען פריידענבערגס, אויס-לענדישן כראָם, אויסבעטן אינעווייניק די שטיוול מיט אַ דיקן, וואָל-כאַטענעם שטאָף. געהייסן מאַכן ברייטע נאָסקעס און אַ הויכע „פּאָדביציע", אַז דער פוס זאָל גרינג אַריין אין שטיוול. ער האָט אָפּ-גערעדט געגנוי וועגן דער ברייט און הייך פון די כאַלעוועס. יעדער מינדסטער פּרט איז געוואָרן אַרומגערעדט און באַשטימט.

די גאַנצע צייט ווען ר׳ ישראל יאַנקל האָט גערעדט מיטן שוסטער איז ר׳ תנחום געזעסן און זיך נישט אָנגערופן מיט קיין איין וואָרט. ער איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענער, מיט זייער אַ וואַזשנע מינע, ווי אַ יינגל אַ בן-יחיד, וועמען דער טאַטע האָט באַשטעלט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ פּאָר געפּאַסטע שטיוועלעך.

ווען דער שוסטער האָט אַריינגעלייגט די פּאַפּירענע מאָס אין קעשענע און געזאָגט אַז אין צען טעג אַרום וועלן די שטיוול זיין פאַרטיק, האָט זיך ר׳ ישראל יאַנקל אָנגערופן:

— ני, מע דאַרף געבן דעם ייד האַנטגעלט.

אָבער פון גרויס דרך-ארץ פאַר ר׳ ישראל יאַנקלען און פאַר זיין כבוד וועגן, האָט דער שוסטער געענטפערט:

— ר׳ ישראל יאַנקל, מע דאַרף נישט קאַ האַנט-געלט. כ׳וועל שוין אופנעמען אַלץ מיטאַמול, ווען די שטיוול וועלן מערצעשעם זאַן פאַרטיק.

ר׳ תנחום איז נישט צוגעשטאַנען צום שוסטער, אַז ער זאָל דווקא יאָ נעמען האַנט-געלט. דער שוסטער האָט געזאָגט „אַ גיטן תמיד" — און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין משך פון די צען טעג, וואָס האָט געדויערט מאַכן די שטיוול, איז ר׳ תנחום עטלעכע מאָל געווען ביים שוסטער. דאָ זיך געהייסן ווייזן די פּאַרטיקע כאַלעוועס, דאָ די פּשישוועס, אַן אַנדער מאָל — דעם שטאָף מיט וועלכן מען האָט באַדאַרפט אויםבעטן די שטיוול, געטאַפּט, געזאָגט מבינות, אַ מאָל גערדייט מיט דער נאָז אַ נישט צופרידענער, אַ מאָל געלויבט, אָבער קיין איין מאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן דעם שוסטער, אַז ר׳ ישראל יאַנקלען גייט עס בנפשו, אַז די שטיוול זאָלן זיין עפּעס אַן אויסנאַם. ר׳ תנחום איז דורך די פּאָר טעג געוואָרן היימיש מיטן שוסטער, אָבער דאָך געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ.

ווען די שטיוול זענען פאַרטיק געוואָרן, איז ר׳ תנחום געקומען. פּאַמעלעך, נישט געאיילט, זיי אָנגעמאָסטן, נישט אַרויסגעוויזן קיין גרוים התפעלות, פאַרקערט, געווען קאַלט, געזאָגט, אַז זיי זענען נישט-קשה. געהייסן זיי פאַרפּאַקן, גענומען דאָס פּעקל אונטערן אָרעם און זיך אָנגערופן צום שוסטער:

— ר׳ ישראל יאַנקל וועט אַך שוין פאַר אַלץ באַצולן. — ער האָט געזאָגט „אַ גיטן טוג״, אַ קוש געטאָן די מזוזה און אוועקגעגאַנגען.

* * *

ביי נאַכט-צו, ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים שליסן די געשעפטן, איז דער שוסטער געקומען צו ר׳ ישראל יאַנקלען און געבעטן אים באַצאָלן פאַר ר׳ תנחומס שטיוול.

ר׳ ישראל יאַנקל איז געוואָרן נבהל ומשתומם. — ווּוס הייסט — האָט ער געפרעגט — ר׳ תנחום האָט אַך נישט באַצולט פאַר די שטיוול?

— ווי פאַרשטייט איר, ר׳ ישראל יאַנקל, איר קענט דאָך מיך נישט פין האַנט. וועל יאַך קימען מונען צוויי מול פאַר איין פור שטיוול?

— חס וחלילה! אָבער פאַרוווּס האָט איר אַראָפּגעגעבן ר׳ תנחומען די שטיוול און געלט?

— דער ייד האָט מיר גיזוגט, אַז ר׳ ישראל יאַנקל וועט שוין פאַר אַלץ באַצולן.

— ני, אין אַז ער האָט געזוגט, האָט איר אים געמיזט גלייבן?

— ר׳ ישראל יאַנקל, ס׳איז מיר נישט אַנגעפאַלן, אַז אַ מענטש מיט וועלכן איר זענט אַזוי נונט זאָל זאַן אַ ליגנער.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך דערפילט שטאַרק נישט באַקוועם. דער גאַנצער ענין האָט אים נישט געפּאַסט, אים איז דאָס נישט אַנגעשטאַנען פאַרן שוסטער, וואָס איז טאַקע געווען אַ גאַנץ ווילער ייד, אָבער פאַרט אַ פּראָסטער מענטש.

ער האָט געוואָלט דעם גאַנצן ענין צו נישט מאַכן. איבער־דרייען עס אין אַ הלצה, און זיך אָנגערופן:

— ר׳ תנחום איז נישט חלילה קאַ ליגנער. ס׳איז סתם עפּעס אַ שפּיצל פין זאַן זאַט. אָבער יעך האָב פאַנט אַזעלכע שפּיצלעך. כ׳האָב פאַנט דאָפּלטע חשבונות, איין מול מיט אַך אין דוס צווייטע מיט אים. אָבער צי אַך האָט דוס אַלץ נישט. זאַטץ אַזוי גיט אין וואַזט מיר דעם חשבון.

דער שוסטער האָט דערלאַנגט דעם חשבון, ווו יעדע זאַך איז געווען אויסגערעכנט באַזונדער: פאַר די כאַלעוועס, פאַר די פּשישוועס, פאַר די טילקעס, פאַרן ווייכן שטאָף, פאַר די בראַנדזווילן און פאַר מלאכה־געלט. פאַר די האַרטע לעדער איז נישט געווען באַרעכנט. די האַרטע לעדער האָט ר׳ ישראל יאַנקל געגעבן דעם שוסטער פון זיין אייגן געשעפט, פון דער לעדער, וועלכע זיינע ברי־דער האָבן אויסגעאַרבעט ביי זיך אין דער גאַרבאַרניע.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אַדורכגעקוקט דעם חשבון און באַ־צאָלט דעם שוסטער ביזן לעצטן גראָשן.

ס׳האָט אָבער אין אים געברענט דער כעס. ער האָט שוין געפילט, אַז ר׳ תנחום האָט אים אָנגעקריגן. אָבער נישט דאָס האָט אים דער עיקר געאַרט. זיין עיקר פאַרדרוס איז געווען צוליב דעם, וואָס ער האָט נאָך גאָר געמוזט פאַרשטעלן פאַרן שוסטער ר׳ תנחומען ווי אַ פיינעם מענטש. ר׳ ישראל יאַנקלען האָט שרעקלעך

פאַרדראָסן אויף זיך, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט ר׳ תנחומס שטיוול און גערעדט וועגן זיי מיטן שוסטער מיט מער איבערגענומענקייט, ווי ווען ער פלעגט געוויינטלעך רעדן וועגן אַ פּאָר שטיוול פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך געפילט נישט נאָר אָפּגע־נאַרט, נאָר, ממש, ווי אַ נאַר.

צו מאָרגנס איז ר׳ ישראל יאַנקל געקומען אין שטיבל אַריין אָנגעלאָדן מיט כעס אויף ר׳ תנחומען. אָבער ר׳ תנחום איז געווען אין גאַנצן רויִק און קאַלט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. ער האָט זיך אפילו נישט פאַרענטפערט פאַר ר׳ ישראל יאנקלען און אויך אים נישט געזאָגט קיין ישר־כוח.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אָנגעשטעלט אויף ר׳ תנחומען אַ פּאָר בייזע אויגן און געזאָגט צו אים:

— גזלן, רוצח, ני!...

ר׳ תנחום האָט אים אָנגעקוקט און אים גאָרנישט געענטפערט.

— ווּם האָסטו עפּעס אופגענאַרט דעם שיסטער אין געזוגט אַז יעך וועל באַצולן פאַר דאַנע שטיוול? — איז ר׳ ישראל יאַנקל אַרויס בקול רם.

— ני, אין ווּם, די האָסט דען נישט באַצולט?

— יעך האָב טאַקע באַצולט, אָבער די האָסט נישט באַצולט.

— יעך האָב דען אים געזוגט אַז יעך וועל באַצולן, יעך האָב געזוגט אַז די וועסט באַצולן, טאָ ווּם זוגסטי עפּעס אַז יעך האָב אופגענאַרט דעם שיסטער?

ר׳ ישראל יאַנקל איז געבליבן ווי אָן לשון.

ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופן צו ר׳ תנחומען: — אָבער מיער דאַרפסטי דאָך באַצולן.

— קיינער האָט נישט בדעה דיר צי לייקענען. באַצולן!... באַצולן!... באַצולן!... ווּם מאַכסטי אַזאַ טרעוואָגע ציליב גאָרנישט!

ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ער זאָל נישט אַרויס פון די כלים. פון גרויס כעס האָט עס אים אַ שטאַרקן

צי געטאָן ביים האַרץ, אַזוי ווייט, אַז ער האָט געמוזט עפּעס נעמען אין מויל אריין, עפּעס טועם זיין נאָך פאַרן דאַוונען.

פון אויסערזיכקייט צוליב ר׳ תנחומס העזה, האָט ר׳ ישראל יאנקל אָפּגעמאַכט ביי זיך צו מאָנען ביי יעדער געלעגנהייט ביי ר׳ תנחומען דאָס געלט פאַר די שטיוול. נישט נאָר ער אליין האָט געמאָנט, נאָר אויך אונטערגעשיקט זיינע זין, אַז זיי זאָלן מאָנען. ר׳ ישראל יאַנקלס זין זענען ממש דערגאַנגען ר׳ תנחומען די יאָרן. אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. ער האָט נישט באַצאָלט. ערשט נאָך עטלעכע וואָכן אַרומיאָגן אים, האָט ר׳ תנחום זיך גע־הייסן דערלאַנגען אַ גענויעם חשבון. ער האָט אַדורכגעקוקט דעם חשבון, אַוועקגעלייגט פאַר ר׳ ישראל יאנקלען דעם באַטרעף פון מלאכה־געלט און זיך אָנגערופן צו אים:

— יעך באַצול נאָר פאַר מלאכה־געלט. פאַר די לעדער זאָלסטי מיך נישט מונען, וואָל יעך וועל נישט באַצולן, זאָלסט דום וויסן איינמול פאַר אַלעמול.

* * *

ר׳ ישראל יאנקל האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז ר׳ תנחום האָט אים אריינגענאַרט אין זאַק אריין. ער האָט זיך מייאש געווען פון דעם געלט און אויפגעהערט מאָנען.

אָבער ר׳ זלמן, וואָס האָט נאָר געזוכט מיט וואָס זיך צו טשעפּען צו ר׳ תנחומען, איז צוגעפאַלן צו דעם ענין מיט די שטיוול ווי צו אַ ווילדער מציאה. ער האָט נישט גערוט. ער האָט אריינגע־רעדט אין ר׳ ישראל יאנקלען אריין, אַז דאָס וואָס תנחום האָט אָפּגע־טאָן איז הונאה, גניבה און גזילה. ער האָט אויסגערעכנט, אַז תנחום האָט אין דעם פאַל עובר געווען אויף מער ווי צען לאַוון אין דער תורה. — אַ ייד, ווּס טיט אופּ אַזאַ זאַך איז עלול אופּציטיען כל עבירות שבעולם. ישראל יאנקל! וועסט זאַן עתיד ליתן את הדין אויב די וועסט נישט אופּנעמען ביי אים ביז דעם לעצטן גראָשן. לא די, ווּס דו האָסט באַצולט דאַן געלט, וועסטי נאָך זאַן אַ שותף צו דער גניבה ווּס מען האָט אַראָסגעגנבעט פון דאַן אייגענער קעשענע.

— אין ווען די וואָלסט שוין, ישראל יאַנקל, אפילו גיוואָלט שענקן אימיצן אַ פּור שטיוול, זענען פאַראַן בילכערע פאַר אים, דעים פיסט און פּאַסניק! — האָט זיך ר׳ זלמן געקאָכט. ער האָט אָנגעשטעלט אויף ר׳ ישראל יאַנקלען זיינע שמאָלע מיט רויט גע־ליאַמעוועטע אויגן, וואָס האָבן אין גאַנצן געברענט פון כעס. — ריף אים צו אַ דין־תורה, ריף אים צו מענטשן! — האָט ר׳ זלמן אריינ־געסיקעט אין ר׳ ישראל יאַנקלען אריין און געביילט דערביי די פויסטן און אין גאַנצן געציטערט פון אויפקאָכעניש.

ר׳ ישראל יאַנקל, וועלכער איז בטבע געווען אַ געזעצטער און געלאַסענער מענטש, האָט זיך דאָס מאָל געלאָזט אונטערהעצן פון ר׳ זלמנען. ער האָט זיך אָנגעצונדן פון זיינע הייסע רייד, און גע־טראַכט האָט ער זיך, אַז טאָמער וועט ער טאַקע אָפּנעמען דאָס געלט ביי ר׳ תנחומען, לאָזט ער, אים אויף צו להכעיס, אויפנייען אַ פּאָר שטיוול פאַר ר׳ זלמנען.

ר׳ תנחום איז גרייט געווען צו גיין סיי צו א דין־תורה און סיי צו מענטשן. צו קיין דין־תורה צו אַ רב האָט זיך ר׳ ישראל יאַנקלען נישט געגלוסט צו גיין. עפּעס איז אים פאַרט דער גאַנצער ענין נישט אָנגעשטאַנען. איז געבליבן מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן.

אָבער קיינער פון די שטיבל־יידן האָט נישט געוואָלט זיך אונטערנעמען זיין אַ פּוסק צווישן ר׳ ישראל יאַנקלען און ר׳ תנחומען. דער עולם האָט געקוקט אויף דעם גאַנצן ענין נישט ערנסט. כאָטש ר׳ ישראל יאַנקל איז נישט געווען קיין נגיד, ער האָט געלעבט פון דעם געהאַלט וואָס זיינע ברידער האָבן פאַר אים באַשטימט, איז ער אָבער אין פאַרגלייך צו ר׳ תנחומען געווען אַן עושר. דער עולם האָט געהאַלטן אַז בדיעבד, אויב ס׳איז שוין אַזוי געשען, דאַרף ר׳ ישראל יאַנקל מוותר זיין אויף דעם געלט, וואָס ער האָט אויסגעגעבן פאַר ר׳ תנחומס שטיוול.

דאָך, אַן אונטערגעהעצטער פון ר׳ זלמנען, האָט ר׳ ישראל יאַנקל נישט געוואָלט מוותר זיין פון זיין טענה צו ר׳ תנחומען. ביז ס׳האָט זיך געפונען איינער פון די שטיבל־יידן, וואָס איז באַשטאַנען

צו נעמען אויף זיך די ראָל פון אַ פוסק אין דער דאָזיקער דין-תורה.

דער איינער, דאָס איז געווען איטשעלע קובאַץ, דאָס קליינע ייִדעלע מיטן רויטן בערדעלע, ווי דער פלאַם פון אַ נשמה-ליכט. איטשעלע קובאַץ האָט סתם ליב געהאַט גראַטשקעס, ליב געהאַט ווען אין שטיבל טוט זיך עפּעס, ווען ס'קאָכט זיך. אים איז דער ענין מיט דער דין-תורה דווקא שטאַרק געפעלן געוואָרן.

וואָס אַן אמת, האָט ר׳ זלמן, וועלכער האָט פאַרקאָכט דעם גאַנצן ענין, נישט געהאַט קיין גרויס אמונה אין דעם קליינעם איטשעלע קובאַץ. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם חסידישן קונדס, אַז ער זאָל דאָ עפּעס נישט אָפּטאָן קיין שפּיצל, אָבער בלית ברירה האָט ער צוגערעדט ר׳ ישראל יאַנקלען, ער זאָל באַשטיין, אַז איטשעלע קובאַץ זאָל זיין דער פוסק.

*   *   *

אין איינעם אַ חנוכה-טאָג, אין דער פרי, באַלד נאָכן דאַווענען, האָט זיך איטשעלע קובאַץ אַוועקגעזעצט אויף דער שטול וואָס איז געשטאַנען אויבן-אָן דעם לאַנגען טיש פון דער ספרים-שטוב. אַנטקעגן אים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט: ר׳ ישראל יאַנקל דער טוען און ר׳ תנחום, דער ניטען. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען ר׳ זלמן און נאָך אַ שפּאָרער עולם נייגעריקע.

איטשעלע קובאַץ האָט אָנגענומען מיט דער רעכטער האַנט זיין קליין, רויט בערדל און אַ ברום געטאָן צו ר׳ ישראל יאַנקלען — טאַנע.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אָנגעהויבן: — אַ לאַנגע צײַט האָט מיך תנחום געמאַטערט: שטיוול-שטיוול, שטיוול-שטיוול, קראַנקע פיס, קראַנקע פיס. יעך האָב זיך געמאַכט נישט הערן. ווּס בין יעך, אַ פאָדריטשיק פין שטיוול? אָבער ער האָט מעך נישט אופגעלאָזט. האָב יעך אים געגעבן דעם אַדרעס פין מאַן שיסטער. אָבער פאַר תנחומען איז דוס געווען ווייניק. ער האָט געוואָלט אַז נאָר יעך אַליין זאָל פאַר אים באַשטעלן באַ מאַן שיסטער די שטיוול. האָב יעך לסוף געשיקט

ריפן מאַן שיסטער אין גיהייסן מאַכן תנחומען אַ פּור שטיוול פֿין די בעסטע סחורה.

— ווען די שטיוול זענען פֿאַרטיק געוואָרן, האָט זיי תנחום גענימען באַם שיסטער אין אים געזוגט, אַז יעך וועל שוין פֿאַר אַל׳ץ באַצולן.

— יעך האָב טאַקע באַצולט דעם שיסטער טבין ותקילין. אָבער תנחום האָט מיער דום געלט נישט גיוואָלט קריקגעבן. נאָך לאַנגע וואָכן אַרימיוגן זעך מיט אים, האָט ער מיר אָפּגעגעבן נאָר דום ווּס ס׳האָט געקאָסט דום מלאכה-געלט, אָבער פֿאַר די לעדער וויל ער נישט באַצולן.

— מילא, פֿאַר די האַרטע לעדער — בין יעך אים מוחל. מאַנע ברידער אַרבעטן אָס האַרטע לעדער, טאָ זאָל ער הובן. כ׳זוג עס בפירוש לפני כל עם ועדה, אַז ווען מאַנע ברידער וואָלטן אָסגעאַר־בעט ווייכע לעדער, וואָלט יעך אים פֿאַר די ווייכע לעדער אָך נישט געמונט. אָבער יעך אַליין האָב דאָך פֿאַר די ווייכע לעדער באַצולט, באַצולט במזומנים, טאָ פֿאַרווּס זאָל מיר תנחום דום געלט פֿאַר־לייקענען, פֿאַרווּס זאָל ער מיר נישט ווען באַצולן? — האָט ר׳ ישראל יאנקל פֿאַרענדיקט זיין טענה.

ר׳ תנחום האָט אין אָנהייב געהערט די טענות מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. מיט אַ מאָל האָט ער אים אַ הייב אויף געטאָן. ר׳ תנחום איז אין גאַנצן ווי העכער געוואָרן. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיין שטאַרק געבויגענע פּלייצע וואָלט זיך פּלוצעם אויסגעגליכן. ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביז ר׳ ישראל יאנקל וועט ענדיקן רעדן.

און ווען דער טוען האָט געענדיקט זיין טענה, און איטשעלע קובאַץ האָט אַ ווינק געטאָן צו ר׳ תנחומען ער זאָל טענהן, האָט ער געעפֿנט זיין מויל און אַרוים מיט אַ לייבן-שטימע:

— הערטס נאָר, הערטס דעם יושר! אַליין זוגט ער, ישראל יאנקל, אַז דערפֿאַר ווּס זאַנע ברידער אַרבעטן אָס האַרטע לעדער — איז ער מיר פֿאַר די האַרטע לעדער מוחל. אַליין זוגט ער, אַז ווען זאַנע ברידער וואָלטן אָסגעאַרבעט ווייכע לעדער, וואָלט ער מיר פֿאַר די

ווייכע לעדער אויך נישט געמונטט. הייסט דוס, אַז דערפאַר ווים זאָגע ברידער אַרבעטן נישט אָם קאַ ווייכע לעדער, דערפאַר דאַרף יעך באַצולן! זענען זיי קראַנק אין שוואַך יאָ אָסציאַרבעטן! — און ר' תנחום האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש אריין, אַז אַלע ספרים וואָס זענען דאָרט געלעגן, האָבן אַזש אַ שפּרונג אונטער געטאָן.

נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, האָט איטשעלע קובאַץ אַרויסגע־טראָגן דעם פּסק, דאָס היות ר' תנחום איז נישט שולדיק דערין וואָס ר' ישראל יאַנקלס ברידער אַרבעטן נישט אוים קיין ווייכע לעדער, איז ער פּטור פון באַצאָלן.

* * *

אַלע וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דער דין־תורה זענען געבליבן שטיין ווי געפּלעפּטע. נאָך אַ רגע שטילשווייגן, האָט ר' ישראל יאַנקל דער ערשטער זיך צעלאַכט. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם פלינקן, שאַרפן כאַפּ פון ר' תנחומען. ר' ישראל יאַנקל איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה און שטאַרק ליב געהאַט חריפותן. אים איז געפעלן געוואָרן דער חריפותדיקער, פּשטלדיקער דריי פון ר' תנחומען און איז איצט גרייט געווען פאַר דעם שאַרפן זאָג צו באַצאָלן טאָפּלט, וויפל ס'האָבן אים געקאָסט ר' תנחומס שטיוול.

נאָר ר' זלמן האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט נישט גע־הערשט איבער זיך. אין גאַנצן אַרוים פון די כלים. ער האָט געשריגן ווי אַ באַנומענער, אַז דאָס איז עיוות הדין, אַז דער קליינער איטשעלע קובאַץ באַגייט זיך מיט דער תורה מעשה קונדאָס, אַז ביי דעם עוכר ישראל איז אַלץ, תורה און חסידות נישט מער ווי אַן ענין אויף הלצות, אַז מען דאַרף דעם קליינעם איטשעלע קובאַץ עוקר מן השורש זיין, אַז מען דאַרף קורע כדג זיין, אַז מען דאַרף אים לייגן אין חרם אַריין, אַז מען דאַרף אים כאַטש „כוויים־נישט־וואָס טאָן".

אָבער קיינער האָט זיך צו ר' זלמנס געשרייען און טענות נישט צוגעהערט. פון דעם משונהדיקן פּסק איז עפּעס אַלע באַפאַלן אַ ווילדע, נישט פאַרשטענדלעכע שמחה. ר' ישראל יאַנקל האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם בייטל און אַראָפּגעשיקט דעם

שמש, הערש-חיימען, נאָך לעקעך און בראָנפן, לשם פּיוס, בכדי זיך איבערצובעטן מיט ר׳ תנחומען.

און ווען אַלע אין שטיבל האָבן געטרונקען דעם בראָנפן און פאַרביסן מיטן לעקעך, האָט ר׳ זלמן נישט געוואָלט צוגיין צום טיש. ער האָט נישט טועם געווען נישט פון לעקעך און נישט פון בראָנפן.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ר׳ זלמן זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען אַ טרונק בראָנפן צוזאַמען מיטן עולם.

ערשט דעמאָלט האָט ר׳ תנחום, וועלכער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס האָט ר׳ זלמן אונטערגעהעצט ר׳ ישראל יאַנקלען אים צו רופן צו אַ דין-תורה, אַרויס אויף ר׳ זלמנען מיט אַ ירגזון.

— יאָ, — האָט ער געשריגן, — פאַר מיר איז אַלעמול געווען קלור אַז זלמן איז נישט קאַ חסיד, נאָר עפּעס אַ גילגול פין אַ מיתנגד. אַ סך מול האָב יעך געזען ווי ער דרייט זעך אַראָם פין עולם אין דאַוונט ביחידות. אָבער פין נישט דאַוונען מיטן עולם ביז נישט וועלן נעמען אַ טרינק בראָנפן מיטן עולם, איז אַ גרויסער מהלך! פאַר אַן אמתן חסיד איז טאָזנט מול ערגער נישט וועלן טרינקן מיטן עולם אַ ביסל יי״ש, ווי דום נישט דאַוונען מיטן עולם! יעצט האָט ערשט זלמן באַוויזן זיין אמת מיתנגדיש פּרצוף, ווּס איז פאַר מיר שוין לאַנג נישט קאַ סוד. פאַר אַנדערע האָט זעך דער צבויאַק געקענט פאַרשטעלן, אָבער נישט פאַר מיר, תנחומען.

ווי נאָר ר׳ תנחום האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט ר׳ זלמן זיך פאַרשטעלט מיט די הענט די אויערן און אַרויסגעלאָפן. ער איז אַריין אין דער דריטער שטוב אַריין. ר׳ זלמנען איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס ר׳ תנחום זאָגט וועגן אים. ער האָט נאָר נישט געוואָלט הערן זיין קול, אַזוי דערווידער איז עס אים געווען.

ווי נאָר ר׳ תנחום האָט געענדיקט זיין קיטרוג, זיין באַשול-דיקונג קעגן ר׳ זלמנען, איז ער פון דעסטוועגן פון גרויס אויפגע-לייגטקייט וואָס ער האָט געוווּנען די דין-תורה, געוואָרן זייער ברייט-האַרציק, ער האָט זיך אָנגערופן צום עולם: — הערטס, לאָמיר איבער-לאָזן פאַר זלמנען אַ ביסל שפּערטעס אין פלעשל. ווען ס׳וועט אים

פאַרגיין דער כעס, זאָל ער כאָטש הובן מיט ווס זיך צי דערכאַפּן דום האַרץ.

און אַזוי האָט מען געטאָן. ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט דער שמש, הערש־חיים, אריינגעטראָגן ר׳ זלמנען דאָס ביסל ספּירט אין פלעשל און צו אים געזאָגט: — נאַ, זלמן, דו האָסטי דאָן חלק שפּערטעס ווּס דער עולם האָט איבערגעלאָזט פאַר דאַנעצוועגן.

אָבער ר׳ זלמן האָט זיך צום בראָנפן נישט צוגערירט. אַ לענ־גערע צייט איז דאָס ביסל ספּירט געשטאַנען אין פלעשל אויף אַ פענצטער אין שטיבל.

איין מאָל, ווען ר׳ זלמן איז אין אַ גרויסן פראָסט אַראָפּגע־גאַנגען אויפן הויף, האָט ער זיך שטאַרק צוגעקילט און באַקומען אַ שווערן, מאַטערנדיקן הוסט. ער האָט זיך מיטן הוסט געשטיקט און שווער געעטעמט.

ר׳ תנחום איז אַחוץ „אויסערן־מיניסטער" פון אונדזער שטוב געווען אויך אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף שטעלן באַנקעס. ווען אימעצער פון דעם שטיבל אָרעמקייט האָט זיך פאַרקילט, האָט אים ר׳ תנחום געשטעלט באַנקעס. דאָס דאָזיקע שליחות פלעגט ער טאָן אין גאַנצן בחינם, אָן אַ גראָשן געלט. אַפילו די באַנקעס האָט ר׳ תנחום געהאַט געקויפט פאַר זיין אייגן געלט.

איצט, ווען ר׳ תנחום האָט געהערט ווי ר׳ זלמן הוסט, ווי דאָס הוסט־שטיקעניש מאַטערט אים, איז ער נאָך מעריב צו אים צוגע־גאַנגען און צו אים געזאָגט: — זלמן, אין אַ צוויי־דריי שעה אַרים וועל יעך קימען אין דיר שטעלן באַנקעס.

ר׳ זלמן האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט.

ווען ר׳ תנחום איז אַרויפגעקומען אין שטיבל־אַריין מיט אַ גרויסער, רויטער נאָז־פאַטשיילע מיט באַנקעס, האָט ער ר׳ זלמנען שוין געטראָפן אַ ליגנדיקן. אויף אַ בלויזן שטרוי־זאַק, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף צוויי צונויפגערוקטע שטיבל־בענק, איז געלעגן ר׳ זלמן. אונטערן קאָפּ אַן אויסגעריבן קישן און צוגעדעקט

מיט אַ צעצויטלטן זכר פון אַ וואַטענער קאָלדרע אויף וועלכער ס׳איז געווען פאַרוואָרפן זיין פאַלטן.

ר׳ תנחום האָט צעשטעלט די באַנקעס אויף אַ דערנעבן־שטייענדיקער באַנק; ער האָט אַרויסגענומען פון פאַלטן־קעשענע אַ העלצל און אַרומגעוויקלט אַרום אים אַ שטיקל וואַטע וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון ר׳ זלמנס צעצויטלטער קאָלדרע; אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט און עס צוגעטריפט צו דער באַנק אויף וועלכער ס׳זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די באַנקעס; געהייסן ר׳ זלמנען זיך איבערדרייען, פאַרשאַרט אים דאָס העמד מיטן לייבל און איינגע־שמירט זיין דאַרע, צעהויקערטע פּלייצע מיט וואַזעלין.

ליגנדיק מיטן פּנים אַראָפּ, האָט פון דעסטוועגן ר׳ זלמן מיט איין אויג דערבליקט, ווי ר׳ תנחום נעמט דאָס פלעשל מיטן ביסל ספּירט פון נאָך דער דין־תורה, רוקט אריין דאָס העלצל אין פלעשל אַריין, טונקט איין אינעם ספּירט די וואַטע פון אַרום דעם העלצל, און צינדט עס אָן ביים ברענענדיקן שטיקל ליכט.

נאָכן שטעלן יעדע דריי־פיר באַנקעס, האָט ר׳ תנחום אויסגע־לאָשן מיט אַ בלאָז פון מויל די ברענענדיקע וואַטע. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען אין האַנט אריין אַ דריי־פיר באַנקעס, ווידער אריינ־געשטעקט דאָס העלצל מיט דער וואַטע אינעם פלעשל מיטן ביסל ספּירט און עס אָנגעצונדן. ביי די לעצטע עטלעכע באַנקעס איז שוין דאָס פלעשל געווען אָן אַ טראָפּן ספּירט.

ווען ר׳ זלמן איז געלעגן מיט די באַנקעס ווי אַ פאַרקאָוועטער, ווי אַן אַרומגענומענער מיט אַן אייזערנער רייף און קוים געקאָנט אַן אָטעם טאָן, האָט זיך ר׳ תנחום צו אים אָנגערופן:

— זעי זלמן, דאָן גאַנץ פאַרקילעכץ איז אַן עונש פאַר דאָן נישט וועלן טרינקען נוך דער דין־תורה קאַ ביסל בראָנפן מיטן עולם. אין ערשט יעצט, מיטן שטעלן די באַנקעס, האָט דום פאַרשעימטע ביסל חסידיש שפּערטעס געקריגן אַ תיקון.

ר׳ זלמן האָט מער נישט געקאָנט ווי אַ ברום טאָן, און געבליבן ליגן מיט דער פולער פלייצע באַנקעס — אַ שווייגנדיקער...

מיינע דערהויבענע פריינד,

שרה און דאָצ. ד״ר חיים הלל פריד,

מיט ליבשאַפט

אַ מתנה

ר׳ פישעלע

(א חסידישע מעשה)

אין משך פון יאָרן איז אַזוי געשען:

גאָר נאָענט צו די ימים-נוראים, ווען דער שטן פלעגט קומען, זיך אַוועקשטעלן פאַרן כיסא-הכבוד און דערלאַנגען דעם כביכול דאָס צעטל פון די אַלע, וועלכע ער האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר אַראָפּגעפירט פון דרך-הישר, פלעגט זיך דאָס פנים פון כביכול צעשמייכלען און ער האָט געזאָגט צום שטן:

— אָבער ר׳ פישעלע... ר׳ פישעלע...

דער שטן קאָרטשעט זיך אין דרייען. סיקעט ווי אַ בייזע שלאַנג. אַ פייער שלאָגט אַפער פון אונטער אים, אַ בייסיקער ריח פון שוועבל צעגייט זיך אַרום אים. ער פאַרגראָבט פאַר חרפה זיין בייז, דרייעקיק פנים אין די פאַלדן פון זיין ברייטן, שוואַרצן מאַנטל. אָבער העלפן קען ער זיך נישט. שוין יאָרן ווי ער פּרובירט מיט אַלע מיטלען, מיט כל מיני תחבולות אַריינצונאַרן ר׳ פישעלען אין זיין נעץ אַריין, און גאָרנישט אויפגעטאָן. ער קאָן אים נישט בייקומען.

ר׳ פישעלע איז געווען אַ יונגער-מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק. געוווינט אין אַ קליין שטעטל אין קאָנגרעס-פּוילן. געווען אַ למדן און אַ חסיד. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט זעקס קינדער. דאָס ווייב זיינס האָט געהאַט אין מאַרק אַ שניט-קראָם, פון וועלכער זי האָט מפרנס געווען שטאַרק בדוחק איר מאַן מיט די קינדער.

ר׳ פישעלע אַליין איז געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן פון די ענינים פון עולם-הזה. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין בית-המדרש און געלערנט. לא הוה פסוק פומיה מגירסה. ער האָט אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט צו לערנען. אַפילו פאַרנאַכט, ווען חסידים פלעגן קומען, און בין מנחה למעריב, זיצן און שמועסן חסידות, האָט ר׳ פישעלע זיך געהאַלטן פון זיי פון דער ווייטנס. אַפילו ווען מען האָט

דערציילט עפּעס וועגן זיין רבין, האָט ער אויך נישט געוואָלט הערן. גאָרנישט ווי אַ חסיד, נאָר ווי אַ פאַרביסענער מתנגד. ער האָט געהאַלטן חסידישע מעשיות, וואָס זענען נישט קיין דברי תורה, פאַר ביטול תורה. ר׳ פישעלע האָט פחד־פחדימדיק מורא געהאַט פאַר אַ רגע ליידיקגיין. ער האָט געזען אין יעדער ליידיקער רגע אַ שפּאַלט, וואָס פון אים גייט אַ שמאָלער אָבער אַ גליטשיקער וועג גלייך אין שאול־תחתית אַריין, אַן אָרט, אין וועלכן דער שטן האָט זיך גע־מאַכט אַ לויערונג.

ר׳ פישעלע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שאַרפן קאָצקער חסיד, אָבער צום רבין איז ער נישט געפאָרן. אין קאָצק האָט דעמאָלט געקיניגט ר׳ מענדל, און די חסידים פלעגן דאָרט אָפּזיצן חדשים און יאָרן.

נישט איין מאָל האָבן די חסידים פאַרקלאָגט ר׳ פישעלען פאַרן רבין, אַז ער קומט נישט קיין קאָצק, אַז ער האַלט זיך פון דער וויטנס. ר׳ מענדל האָט זיי אַלע מאָל געענטפערט דאָס זעלבע:

—זאָן פינדערוואַטנס איז מע נענטער ווי אייער פינדערנונט.

* * *

דעם יאָר, וועגן וועלכן ס׳ווערט דאָ דערציילט, האָט דער שטן ערב די ימים־נוראים דערלאַנגט דעם כביכול גאָר אַ לאַנגן צעטל פון די אַלע, וועלכע ער האָט אין משך פונעם יאָר אַראָפּגעפירט פון יידישן וועג.

ס׳איז געווען אַ יאָר פון אַ גרויס געדעטעניש פאַרן שטן. די השכלה איז פון גאַליציע אַריינגעדרונגען אין קאָנגרעס־פּוילן, אומע־טום, אין יעדן שטעטל האָט זיך באַוויזן אַ בחור, צי אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט, ווער אין געהיים און ווער אַפילו אָפן, טריף־פּסולע ביכער. ס׳האָבן זיך געיאָוועט אין די פּוילישע שטעטלעך לערער פון לשון־קודש און דקדוק. מען האָט אָנגעהויבן זען ליטוואַקלעך אין האַרטע קאַפּעליושן, וואָס האָבן בריש גלוי אָפּגעחוזקט פון דעם „פינצטערנים, אין וועלכער ס׳לעבן די פּוילישע יידן". אויך האָט

דער פאַרביסענער קאַמף, וועלכן די מתנגדים האָבן דעמאָלט געפירט קעגן די חסידים נישט וויניק צוגעהאָלפן, אַז די השכלה זאָל זיך אַריינגנבענען אין יידישע פרומע הייזער אין קאָנגרעס-פוילן און אָנפילן די מוחות פון די פרומע יידישע בחורים און יונגעלייט מיט אפיקורסישע געדאַנקען און זייערע הערצער מיט אַ זינדיקן אומרו.

איז דער שטן געשטאַנען פאַרן כיסא-הכבוד און פון גרויס צופרידנקייט געבלינצט מיט זיינע גרינע אויגן. אַ שטעכיקער שמייכל האָט געבלאָנדזשעט פון איין ווינקל פון זיין שמאָל און טרוקן מויל צום צווייטן. ער האָט געקוקט מיט אַ בייזער הנאה ווי זיין גרויסער צעטל מיט די זינדיקע רוקט זיך איבער אין כביכולס הענט, און גע־גאַרט צו דערהערן אַ געשריי פון גרימצאָרן פון כביכולס מויל.

אָבער ווען כביכול האָט געענדיקט לייענען דעם לאַנגן צעטל פון די אַלע, וועמען דער שטן האָט אין משך פונעם יאָר פאַרפירט אויף שלעכטע וועגן, האָט זיך זיין פנים צעשמייכלט און ער האָט געזאָגט צום שטן:

— אָבער ר׳ פישעלע... ר׳ פישעלע...

דער שטן איז זיך מיט אַ מאָל איינגעפאַלן, געוואָרן קליין און איינגעשרומפּן. זיין דרייעקיק פנים איז געוואָרן געל, ווי ס׳וואָלט געווען פון וואַקס. די גרינע, גלימערדיקע אויגן — אויסגעלאָשן, פינצטער. אָבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. פון כעס זענען פון זיינע נאָזלעכער אַרויס צוויי זיילן פייער. די פינצטער געוואָרענע אויגן האָבן ביים שטן ווידער אויפגעפינקלט, ווי די אויגן ביי אַ סמענדיקער שלאַנג. מיט די קנאָכיקע פויסטן האָט ער זיך געקלאַפּט אין זיין טרוקן האַריץ-ברעטל, אַז ס׳האָט זיך אזש געהערט אַ קרישלען פון געבראָכענע ביינער. ער האָט זיך געשווירן, אַז זיין נאָמען זאָל מער נישט זיין שטן, זיין וועזן זאָל מער נישט זיין ס״ם, אויב ער וועט דאָס יאָר נישט אַראָפּפירן ר׳ פישעלען פון דרך־הישר. ער האָט נאָר געבעטן רשות ביים כביכול צו קאָנען פּרוּוון ר׳ פישעלען מיט אַלע נסיונות, מיט וועלכע אַ מענטש קאָן געפּרוּווט ווערן.

דער שטן האָט דעם רשות באַקומען, אָבער נאָר מיטן תנאי, אַז פריער זאָל ער אויסנוצן אַלע נסיונות וואָס זענען על פּי דרך־הטבע און ערשט דערנאָך זאָל ער מעגן נוצן אַנדערע.

דער שטן האָט דעם תנאי אָנגענומען, זיך אַרומגעהילט מיטן ברייטן שוואַרצן מאַנטל — און נעלם געוואָרן פון פאַר דעם כּיסא־הכבוד.

* * *

אַ גאַנצן ווינטער האָט דער שטן נאָכגעפאָרשט ר׳ פישעלען. ער האָט אים געפאָרשט אין אַלע זיינע דרכים, אין אַלע זיינע מעשים, אַזוי אין גרויסע ווי אין קליינע. ער האָט געפאָרשט זיין האַרץ און זיין מוח. דער שטן האָט נאָכגעקוקט ר׳ פישעלען אין אַלע זיינע הליכותן, אין אַלע זיינע גענג און אין זיין גאַנץ התנהגות, אין זיין גאַנץ פירעכץ. ער איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט, נישט אין דער וואָכנס און נישט אום שבת.

אַזוי ווי אַ גנב זוכט אַ שוואַך אָרט אין דער טיר, בכדי אין דעם אָרט זי קאָנען אָפּבייגן און פון דאָרט מאַכן דעם איינבריך, אַזוי האָט דער שטן געזוכט אַ שוואַך אָרט אין דעם פאַנצער פון תורה און עבודה, אין וועלכן ר׳ פישעלע האָט זיך פאַרקאַוועט. אָדער גאָר פּשוט, געזוכט אַ פּגם אין זיין, ר׳ פישעלעס, טאָג־טעגלעך פירעכץ, בכדי פון דעם שוואַכן אָרט זיך קאָנען אַריינגנבענען אין ר׳ פישעלעס נשמה, זי מכשיל און מקלקל זיין.

דריי מאָל אין טאָג איז דער שטן געשטאַנען און זיך צוגע־הערט צו ר׳ פישעלעס דאַווענען. צי איז ער טאַקע מכוון יעדעס וואָרט כלפּי מעלה, אָדער האָט ער אַ מאָל אויך עפּעס אַ זייטיקע כוונה דערביי. צי מיינט ער אַ מאָל נישט אויך זיך, צי וויל ער נישט אַ מאָל אויך עפּעס פאַר זיך. איז זיין תפילה בלויז רחמים ותחנונים, אָדער ער האָט פון איר געמאַכט עפּעס אַ זאַך פון קביעות, צי אַן ענין פון געוווינהייט.

ר׳ פישעלע איז צוגעגאַנגען צו יעדן דאַווענען בדחילו ורחימו. אָבער דער עיקר בדחילו. זיינע הענט האָבן געציטערט פון פחד, ווען ער האָט פונאַנדערגענומען זיין גרויסן טערקישן טלית. ער האָט משונהדיק מורא געהאַט, טאָמער איז ער חלילה אין אַ וואָרט נישט מכוון צום פשוטן פירוש המלה, צום פשוטן טייטש פון דעם וואָרט. מער ווי דאָס האָט ר׳ פישעלע נישט געוואָלט. פאַר מער האָט ער מורא געהאַט. ער האָט נישט משתוקק געווען צו אַ צו נאָענטער התקרבות צום בורא עולם. ער האָט געהאַלטן, אַז אין יעדער תשוקה איז שוין פאַראַן במילא צודרינגלעכקייט, אַ מין אָנוואַרפן זיך. ער האָט געוואָלט נאָר אַזאַ התקרבות, וועלכע זאָל זיין אַ ריינע מתנה פונעם בורא יתברך הוא.

ר׳ פישעלע איז געווען מלא הכנעה. זיין תפילה איז געווען אַ שבח צום בורא עולם פאַר אַלע שיינקייטן און גוטסקייטן אויף דער וועלט, אפילו פאַר אַזעלכע, פון וועלכע ער, פישעלע, האָט נישט געגאָסן און אפילו נישט געוואָלט געניסן, וואָס זענען אים געווען פרעמד, ווייט פונעם תחום פון זיינע השגות.

דער שטן איז געשטאַנען איבער ר׳ פישעלען יעדעס מאָל, ווען ער האָט גענומען עפּעס טועם זיין, ווען ער איז צוגעגאַנגען צום טיש עפּעס עסן. אַזוי ווי ר׳ פישעלע האָט זיך כסדר געיאָגט, נישט געוואָלט מבטל זיין קיין רגע פון לערנען, האָט דער שטן געוואָלט זען, צי ער עסט נישט אַ מאָל אַן אכילה גסה, צי כאַפּט ער נישט דאָס עסן, צי עסט ער זיך נישט אָן מיט אַ מאָל, בכדי פטור צו ווערן דערפון אויף אַ גאַנצן טאָג.

אָבער ר׳ פישעלע האָט געגעסן פּאַמעלעך און יעדן ביסן גוט צעקייט. דערפאַר וואָס ער האָט געגעסן פּאַמעלעך, האָט ער געגעסן ווייניק, נאָר כדי להחיות את נפשו, נאָר אויף אונטערצו־האַלטן דאָס לעבן. די צייט, וועלכע ער האָט אָוועקגעגעבן אויפן פּאַמעלעכן עסן, האָט ער זיך צוריקגענומען מיטן עסן ווייניק.

ר׳ פישעלע האָט אין דער וואָכן קיין פליש נישט געגעסן. נישט נאָר דערפאַר, ווייל די גמרא זאָגט: מיום שחרב בית־המקדש

דין הוא שנגזור על עצמנו שלא לאכול בשר, (מיטן טאָג אין וועלכן דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרן איז רעכט, אַז מיר זאָלן גוזר זיין אויף זיך נישט צו עסן קיין פליש), נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס ר׳ פישעלע האָט ביי זיין גאַנץ לערנען זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַן עם-הארץ, און די גמרא זאָגט אין פסחים: עם-הארץ אסור לאכול בשר, אַן עם-הארץ טאָר נישט עסן קיין פלייש.

דער שטן איז אַפילו נאָכגעגאַנגען ר׳ פישעלען אין בית-הכיסא זען, צי איז ער טאַקע אַזוי צניעותדיק, אַפּגעהיטן און איז „מגלה טפח און מכסה טפחיים". פרייטיק צו נאַכטס האָט דער שטן זיך באַהאַלטן אין ר׳ פישעלעס שלאָף-חדר, געלעגן אונטער די בעטן. אָבער ער האָט נאָר געהערט ר׳ פישעלעס אָפּגעריסן, פאַר-קלעמט געוויין און אויך געהערט, ווי די שטערן און מזלות וויינען מיט אים מיט. מער גאָרנישט. שבת פאַרטאָג, אפילו אין גרעסטן פראָסט, האָט ער געזען לויפן ר׳ פישעלען אין מקווה אריין.

דער שטן איז געשטאַנען אין בית-המדרש און זיך צוגעהערט צו ר׳ פישעלעס לערנען. ר׳ פישעלע האָט דער עיקר געלערנט די מסכתאות מועד, קדשים, זרעים און אַ מאָל טהרות. זעלטן ווען האָט ער געלערנט נשים און נזיקין. ער האָט נישט געהאַלטן, אַז ער דאַרף לערנען גאַנץ ש"ס. „לא עליך המלאכה לגמור" — פלעגט ער זאָגן צו זיך. מען מוז נישט אַלץ לערנען. ער האָט נאָר געלערנט די מסכתאות, אין וועלכע ס׳רעדט זיך דער עיקר וועגן די מצוות התלויות בארץ, וועגן די מצוות, וועלכע מען וועט דאַרפן מקיים זיין נאָכן ביאת הגואל, נאָך דעם ווי משיח וועט קומען און די יידן וועלן צוריקגיין אל המנוחה ואל הנחלה.

מיט הלכה, וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ שייכות צום טאָג-טעגלעכן לעבן, האָט זיך ר׳ פישעלע וויניק אָפּגעגעבן. אַ ביסל האָט ער אויך מורא געהאַט דערפאַר. ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער און אָן פרנסה. די קאַרגע פאַר רובל, וואָס זיין ווייב האָט פאַרדינט אין שניט-קראָם, האָט קוים געסטייעט אויפן סאַמע נייטיקסטן.

אַמאָל...

ר׳ פישעלע האָט געזען ווי דאָס בני־בית זיינס ווערט פאַר־שוואַרצט און פאַרחושכט פון דער שווערער האָרעוואַניע אין שטוב און אין געוועלב. ער האָט געזען ווי די קינדער זיינע ליידן פון דעם, וואָס זיי האָבן נישט קיין ריכטיקע הלבשה, דער עיקר אום ווינטער. ס׳האָט אים שטאַרק דערפון וויי געטאָן דאָס האַרץ. אָבער העלפן האָט ער זיך נישט געקאָנט.

ר׳ פישעלע האָט מורא געהאַט מען זאָל נישט צושטיין צו אים, ער זאָל ווערן אַ רב אין אַ שטעטל, און מוזן אַזוי אַרום מאַכן פון זיין תורה אַ קרדום לחפור בה, אַ כלי אויף צו באַנוצן זיך מיט איר, חלילה. ער האָט געפילט, אַז אויב ס׳גייט וועגן זיין ווייב און קינדער וועט ער אין דעם פאַל נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון. איז ער דעריבער אַנטלאָפן אין דער וועלט פון לעתיד לבוא, וואָס האָט מיטן היינטיקן טאָג קיין שום שייכות נישט.

דער שטן האָט געזען אין אַזאַ מין לערנען, ווי ר׳ פישעלעס, אַ באַהאַלטענע גאווה, עפּעס אַ גרויסהאַלטן זיך. ער האָט געזען דערין אַ התנאשות, אַז ר׳ פישעלע וויל זיך דערמיט אַרויסהייבן איבער אַלע אַנדערע יידן בני־תורה.

אָבער אין דער אמתן איז ר׳ פישעלע געווען ווייט דערפון כרחוק מזרח ממערב. וואָס מער ער האָט געלערנט, פאַר אַ גרעסערן עם־הארץ האָט ער זיך געהאַלטן. ער פלעגט בטול ווערן פאַר יעדן קינד, וואָס האָט געקענט אַ פרשה חומש מיט רש״י. ר׳ פישעלע האָט נישט געהאַט אין זיך גאָרנישט אפילו פון דעם שמינית שבשמינית גאווה, וועלכע יעדער תלמיד־חכם דאַרף האָבן...

* * *

נאָך דעם ווי דער שטן האָט געפּאַרשט ר׳ פישעלען אַ גאַנצן ווינטער, נאָכגעגאַנגען נאָך יעדן זיין טריט, זיך באַקאַנט מיט זיין גאַנץ התנהגות, מיט זיין גאַנץ פירעכץ, האָט ער באַשלאָסן אים צו פּרווון, אויסשטעלן אים אויף נסיונות דווקא ביי זיין לערנען תורה.

ויהי היום, אין איינעם אַ זומערדיקן, נאָכשבועותדיקן, ליכטיקן טאָג, ווען ס'איז נאָך געווען גאַנץ פרי, האָט דער שטן זיך פאַרשטעלט. ער האָט אָנגעטאָן אַ לאַנגן כאַלאַט, אַ פּאָר הויכע שטיוול, אַ גרויס יידיש־היטל, זיך צוגעקלעפּט אַ שוואַרצע באָרד אין מיטן, ביי דער גאָמבע, אַ ביסל גראָלעך, זיך אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל, גענומען אונטערן אָרעם אַ גרויסן טלית־זאַק מיט אַ טערקישן טלית און צוויי פּאָר תפילין, און אין אַזאַ הילוך, פראַנק און פריי, נישט פאַרבאָרגן פאַר קיינעם, אריינגעקומען אין שטעטל, אין וועלכן ס'האָט געוווינט ר' פישעלע.

דער ניי־געקומענער האָט געוואָנדן זיינע פאַמעלעכע טריט אין דער ריכטונג פון גרויסן בית־המדרש. גייענדיק אַהין האָט ער געמוזט אַדורכשניידן דעם קיילעכיקן שטעטלשן מאַרק. קיין מענער האָט מען דאָרט נישט געזען. אַלע זענען זיי געווען ביים שחרית־דאַוונען, ווער אין בית־המדרש, ווער אין זיין שולעכל אָדער קלויזל. אין די שפּייז־קראָמען און ביי די בוידן פון גרינוואַרג האָבן ווייבער פון בעל־מלאכות אויף גיך איינגעקויפט אַלץ, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט צום אָנביסן. פאַרשלאָפענע ווייבער אין נאַכט־קופקעס און אין סיצענע שלאָף־ראָקן האָבן געעפנט זייערע שניט־און צעלניק־קראָמען. יונגע מיידלעך האָבן אין בוידן צעלייגט פאַרשידענע סחורות. עטלעכע ציגן האָבן געצופּט דאָס גראָז, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אַרום דעם שטאָטישן ברונעם. הענער און הינער האָבן אַרויסגעפּיקט פון צווישן די קיילעכיקע שטיינער קערנער פון האָבער, וואָס פערדישע פּיסקעס האָבן צעשיט אַרום די קאָריטעס, ווען זיי זענען מיט אַ טאָג פריער דאָ געשטאַנען בעת דעם וועכנטלעכן יריד.

קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם פרעמדן אַדורכגייענדיקן ייד. וויפיל פרעמדע יידן פלעגן דורכן שטעטל אַדורכוואַנדערן? יידן, דאָרף־גייערס און אָרעמע־לייט, וואָס האָבן געצויגן אין די גרויסע שטעט און דאָרט, ווו קיינער האָט זיי נישט געקענט, געגאַנגען איבער די הייזער, און סתם ארחי־פרחיניקעס,

זענען, דער עיקר זומער־צייט, געווען נישט זעלטענע געסט אין דעם שטעטל. איז דעריבער קיין ווּנדער נישט, אַז דער פּריש־געקומענער, וועלכער האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אויסגעטיילט פון די אַנדערע שטעטלשע יידן, האָט נישט געצויגן אויף זיך קיינעמס נייגעריקע בליקן.

נאָר די ציגן האָבן דערשראָקענע מיט אַ מאָל אויפגעהערט ציפּן דאָס גראָז, וואָס איז געוואַקסן אַרום דעם ברונעם, געבליבן אויף אַ רגע מיט פאַרשטייפטע קעפּ און גענומען לויפן זייטיק, ווי אין אַ בהלה, זיך אויסצובאַהאַלטן צווישן די געדיכט אויסגע־שטעלטע אויפן מאַרק בוידן. נאָר ביי די העגער האָבן זיך די קאַמען אָנגעגאָסן מיט בלוט און צוזאַמען מיט די הינער האָבן זיי אויף גיך, ווי אין פאַרטראַגנקייט, אָנגעהויבן פּיקן די קערנער פון צווישן די קיילעכיקע שטיינער, מיט וועלכע דער שטאָט־מאַרק איז געווען אויסברוקירט. אָבער באַלד האָבן זיך די עופות אָנגעהויבן פונאַנדער־לויפן איבערן מאַרק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און צעשפּרייטע פליגל, ווי זיי וואָלטן זיך געשיצט קעגן עפּעס שרעקלעכס, וואָס זיי האָבן פּלוצעם דערזען.

איין הון, וואָס האָט לאַנג און עקשנותדיק געפּיקט מיטן שפּיציקן, שאַרפן שנאָבל אין אַ האַרט שטיקל ברויט, האָט אין דער אַנטשטאַנענער בהלה דאָס שטיקל ברויט אַראָפּגעשלונגען און זיך גענומען ווערגן. די הון האָט אויפגעהויבן און פאַררים דעם קאָפּ צום הימל, האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז מיט אַ שטומען געבעט ער זאָל ווערן וואָס ברייטער. אָבער דאָס האַרטע שטיקל ברויט אין דער קעל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר געלעגן דאָרט און געשטיקט. די הון איז געוואָרן פון רגע צו רגע בלויער. מיט אַ מאָל האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און צוגעפאַלן צו די האַרטע שטיינער פון אויסברוקירטן מאַרק — אַ טויטע.

אַ יידענע אין אַ רויטער האַלקע און אַ בלויער נאַכט־קופּקע איז אַרויסגעלאָפן פון אַ שטוב. זי האָט געכאַפּט די הון אונטער די פליגל, ווי מען כאַפּט אַ פאַרקייכט קינד אונטער די הענטלעך,

און זי געוואָרפן אין דער לופטן, געשאָקלט מיט איר ווי מיט אַ לולב. אָבער דער קאָפּ און דער האַלדז פון דער הון האָבן נאָכגעהאַנגען, ווי אַ ווייך געוואָרן שטיקל דיקע שטריק.

די יידענע האָט געמאַכט אַ געוואַלד, זיך געריסן ביי דער נאַכט-קופקע, געבראָכן די הענט. דערנאָך איז זי אַריינגעלאָפן אין שטוב, אויף גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קליידל מיט אַ פאַרטעך. אַריינגעוואָרפן אין פאַרטעך אַריין די טויטע הון און געגאַנגען זי פאַרקויפן פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס דעם שטעטלדיקן שבת-גוי.

* * *

דאָס, וואָס ס'האָבן דערזען די ציגן און די עופות איז געבליבן פאַרהוילן פאַרן מענטשלעכן אויג. דער ניי-אָנגעקומענער ייד איז זיך אומגעשטערט געגאַנגען זיין וועג צום גרויסן בית-המדרש צו.

אין בית-המדרש האָט מען זיך געגרייט צום דאַווענען שחרית. דער עולם איז שוין געשטאַנען אין די טליתים און תפילין. דער ייד איז אַריינגעקומען אין בית-המדרש. אויף קיינעם זיך נישט אומגע-קוקט, צוגעגאַנגען צום כיור און זיך אָפּגעגאָסן די הענט מיט וואַסער, אַרומגענומען זיך מיטן טלית און געלייגט תפילין.

ער האָט געדאַוונט מיטן גאַנצן עולם. אָבער ער האָט גע-דאַוונט מיט אַזאַ איבערגענומענקייט, מיט אַזוי פיל בכיות, אַז דאָס אָרט אויפן דיל, וווּ ער איז געשטאַנען, איז געווען אַזוי נאַס פון טרערן, ווי אַ געדיכטער רעגן וואָלט אויף דעם שטיקל אָרט געפאַלן.

ווען דער עולם האָט אָפּגעדאַוונט און אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס בית-המדרש, איז דער ניי-געקומענער דאָרט פאַרבליבן. ער האָט גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין, נאָר באַלד אַרויסגענומען פון ספרים-שאַנק אַ גמרא און זיך אַוועקגעזעצט לערנען.

ווען ר' פישעלע איז נאָכן אָנבייסן געקומען אין בית-המדרש אַריין לערנען, האָט ער צו זיין גרויס שטוינען דערהערט, אַז דער פרעמדער ייד לערנט די זעלבע מסכתא וואָס ער. ער לערנט: מנחות.

און נישט נאָר לערנט ער די זעלבע מסכתא, נאָר דעם זעלבן פרק און אַפילו דעם זעלבן דף, וואָס ער לערנט.

ר׳ פישעלע האָט גענומען זיין גמרא און זיך אַוועקגעזעצט לערנען אין אַ ווייטן ווינקל פון בית-המדרש. ער איז זיך צעגאַנגען מיטן גמרא-ניגון און פאַרגעסן אין דעם פרעמדן ייד, וואָס זיצט אין דעם זעלבן בית-המדרש און לערנט דאָס זעלבע וואָס ער. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגעלאָזט דאָס לערנען מיטן ניגון, האָט ער דערהערט ווי דער פרעמדער לאָזט אויס מיטן זעלבן ניגון געניי די זעלבע ווערטער וואָס ער. ס׳איז געווען ווי דאָס קול פון דעם פרעמדן ייד וואָלט געווען זיינס, ר׳ פישעלעס, ווידערקול.

אַלע מאָל האָט ר׳ פישעלע געלערנט מיט שמחה. מיט שמחה, אָבער נישט מיט הנאה. ער האָט געלערנט תורה לשמה, און אויב סתם לערנען תורה איז אַ מצווה — איז תורה לשמה אַוודאי און אַוודאי אַ מצווה, און אַ מצווה איז נישט געגעבן געוואָרן הנאה צו האָבן פון איר.

האָט ר׳ פישעלע שטענדיק באַשווערט אויף זיך דאָס לערנען, זיך געמאַטערט מיט ספקות און קושיות. אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָט ער הנאה פון לערנען, אָבער דערביי איז זיין האַרץ ביים לערנען פול געווען מיט שמחה.

היינט האָט ער נישט געפילט ביים לערנען קיין שמחה, נאָר פאַרקערט, עצבות. ער האָט געיאָגט פון זיך דאָס עצבות, מורא געהאַט דערפאַר. ער האָט גוט געוווּסט, אַז עצבות איז מעשה שטן. ער האָט נאָר נישט געוווּסט, אַז דער שטן איז אַזוי נאָענט נעבן אים...

פאַר נאַכט, ווען דער עולם איז געקומען דאַוונען מנחה-מעריב, איז דער פרעמדער נאָך אַלץ געזעסן און געלערנט. פון משמש פון בית-המדרש זענען זיי געוואָר געוואָרן, אַז דער ייד האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל, אַחוץ אַ ביסל וואַסער. די מתפללים זענען צוגעשטאַנען צום ייד און מיט אים איינגעטענהט:

— ר׳ ייד, זייט עפּעס טועם. איר וועט דאָך חלילה פאַרחלשט

ווערן. אַוועק אַזאַ לאַנגער טאָג און איר האָט גאָרנישט געהאַט אין מויל.

דער פרעמדער האָט געענטפערט: — שוין, שוין, — און דערווייל געזעסן און ווייטער געלערנט.

ערשט נאָך מעריב האָט דער ייד זיך געוואַשן און געגעסן אַ שטיקל ברויט מיט זויער-מילך, וואָס דער משמש האָט אים אַריינגעבראַכט אין בית-המדרש אַריין.

ביי נאַכט איז דער פרעמדער אַוועק פון בית-המדרש. ווו ער האָט גענעכטיקט האָט קיינער נישט געוווּסט און קיינער האָט אים וועגן דעם נישט געפרעגט. נאָר פאַרטאָג איז ער שוין געווען צוריק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן עולם ביים ערשטן מנין און באַלד נאָכן דאַוונען זיך געזעצט לערנען אויף אַ גאַנצן טאָג. ערשט ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער גענומען עפּעס אין מויל אַריין. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט יעדן טאָג.

אין שטעטל האָבן זיך דערווייל פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אַ הייליקער ייד האָט זיך דאָ באַוויזן. טייל מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין אַ נסתר, וואָס באַהאַלט זיך אוים פאַר דער וועלט און וועט מן-הסתם בקרוב נתגלה ווערן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַוודאי אַ בעל-מופת, וועלכער איז אַנטלאָפן פון זיין שטאָט, ווייל ער האַלט, אַז די איצטיקע זינדיקע וועלט איז נישט ווערט, אַז מען זאָל אין איר באַווייזן מופתים. אַ ייד, וואָס איז גע-קומען פון אַ גרויסן יריד אין די מרחקים, האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַרנדיק מיט פרעמדע יידן אין אַ בויד, האָט ער געהערט דערציילן, אַז פון ערגעץ אַ שטאָט איז אַ הייליקער ייד, אַ בעל-מופת, נעלם געוואָרן.

טייל, ווידער, האָבן געזען אין דעם פריש-געקומענעם אַ לאַ-מעד-וואָווניק. זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה, און געזען דערין אַ סימן טוב פאַרן גאַנצן שטעטל, אין וועלכן די יידן האָבן ביז איצט געלעבט אין גרוים דחקות.

ווייבער מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט זענען געקומען

און זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן בית־המדרש וואַרטן ביז וואַנען דער ניי־געקומענער ייד וועט זיך באַווייזן, בכדי בעטן ביי אים אַ ברכה אויף געזונט. קאַליקעס, פּאַראַליזירטע, וואָס זענען שוין יאָרן לאַנג געלעגן אין די בעטן, האָט מען אין וועגעלעך געבראַכט צום בית־המדרש. משוגעים, וועלכע מען האָט געהאַלטן געבונדן און פאַרשלאָסן אין פינצטערע חדרים, האָט מען אַרויסגעפירט אויף דער ליכטיקער שיין און געבראַכט צום ניי־געקומענעם ייד. בלינדע, חולי־נופל און געשלאָגענע מיט הויט־קראַנקהייטן, זענען געשטאַנען פאַרן בית־המדרש און געוואַרט ביז דער ייד וועט אַרויסקומען און זיי אויסהיילן. יעדער האָט געוואַרט אויף אַ מופת פון אים, אויף אַ נס פאַר זיך.

ווען דער ייד האָט אויף אַ רגע געוואָלט אַרויסגיין פון בית־המדרש, האָבן אַלע קראַנקע, און אַלע וואָס האָבן אַהער געבראַכט די קאַליקעס, זיך אַ ריס געטאָן צו אים מיט אַ וואָיענדיק געשריי: — העלף, הייליקער צדיק!

דער ייד האָט זיך צוריקגעצויגן אין בית־המדרש און אַרוים מיט אַ געוויין. ער האָט געבעטן דעם משמש ער זאָל זאָגן די אַלע וואָס וואַרטן אויף אים אין דרויסן, אַז ער האָט אויף זיי רחמנות, אָבער העלפן קאָן ער זיי נישט. ער איז אַ פּשוטער ייד און קאָן נישט באַווייזן קיין מופתים.

דער שמש איז אַרויסגעקומען צו די פאַרזאַמלטע און זיי דערציילט, אַז דער הייליקער ייד וויינט. ער זאָגט, אַז ער איז אַ פּשוטער מענטש און קאָן קיינעם נישט העלפן, אַז ער קאָן נישט באַווייזן קיין מופתים. — מן־הסתם, — האָט דער שמש צוגעגעבן זייער סודותדיק, — איז נאָך נישט געקימען זאַן צאַט. נאָר זאַטיך זיכער, צ׳קאָנט הובן בטחון, אַז אויב דער הייליקער ייד איז שוין יאָ דו צווישן אינדז, וועט שוין די ישועה אָף אַך קימען.

און די מאַמעס מיט די קראַנקע קינדער אויף די הענט, און די אַלע, וואָס האָבן געבראַכט די פּאַראַליזירטע אין וועגעלעך, און אַלע וואָס זענען געקומען מיט משוגעים, מיט באַזעסענע פון די־

בוקים, אַלע בלינדע, טויב-שטומע, חולי-נופל און הויט-קראַנקע, זענען אַוועק יעדער צו זיך און געוואַרט אויף דער ישועה, וועלכע זיי האָבן שוין געזען אַזאַ נאָענטע...

דעם זעלבן טאָג, פאַר נאַכט-צו, בין מנחה ומעריב, זענען צוגעקומען צום פרעמדן ייד עטלעכע באַלעבאַטים פון שטעטל און געזאָגט צו אים אַזוי:

— ס'איז פאַר אינדז אַ גרויסער כבוד און אַ גרויסע שמחה ווּס איר זענט געקימען צי אינדז אין שטעטל אַראַן. מיער ווילן עפּעס טיען פאַר אַך. קאַ נגידים זענען מיער נישט. נישטו באַ אינדז אין שטעיטל קאַ נגידים. מיר זענען זעך אַלע מפרנס בדוחק. אָבער מיער זענען גרייט פאַר אַך, לפי יכולתנו, אַלץ צי טיען, אויב איר וועט זעך באַזעצן באַ אינדז אין שטעיטל.

— יידן, טייערע יידן! — האָט דער פרעמדער געענטפערט אין גרויסער געהויבנקייט, — אַ ישר-כוח אַך פאַר אייער גיטסקייט. פאַר אַזאַ קבלת-פּנים. די שיינע יידישע מידה פין הכנסת אורחים ברענגט מיעך שטענדיק אַראַן אין התרוממות הנפש. אָבער דער־וואַל ווייס איך נאָך גורנישט. דערוואַל וויל איך גורנישט אין דאַרף גורנישט. נאָר אויב איער ווילט מיער שוין יאָ טיען אַ טובה, איז נאָר פאַראַן איין טובה וועלכע איר קענט מיער טיען.

— די גרעסטע טובה וועט זאַן פאַר מיער, אויב איר וועט פועלן באַ ר' פישעלען ער זאָל וועלן לערנען מיט מיער ציזאַמען. כ'וויל הובן די זכיה צי לערנען ציזאַמען מיט ר' פישעלען.

די עטלעכע בעלעבאַטים האָבן וועגן דעם פרעמדן יידם בקשה איבערגערעדט מיט ר' פישעלען. כאָטש ר' פישעלע האָט שטענדיק געלערנט אַליין, פאַר זיך, איז ער אָבער אויך געוועזן איבערגענומען מיטן יידם פרומקייט און התמדה און אים געוואָלט אַנטקעגנגיין. נאָכן פאַרטראַכטן זיך אַ ביסל, האָט ער מסכים געווען ממלא צו זיין דעם פרעמדן יידם בקשה.

* * *

צו מאַרגנס אין דער פרי, האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט נעבן זיך ביים לאַנגן בית-המדרש-טיש און געעפנט די גמרא.

ר׳ פישעלע האָט געהאַט אַ בלאָנדע באָרד, אַ בלאַס איידל פּנים, מילדע בלויע אויגן. דער פרעמדער ייד האָט געהאַט אַ שוואַר־צע באָרד, אַ האַרט, געל פּנים און גרינע אויגן, מיט אַ שאַרפן, שטעכיקן בליק.

ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אָנהייבן לערנען, האָט ר׳ פישעלע אַ קוק געטאָן אויף זיין שותּף. ער האָט אויפגעכאַפּט אַן אומהיימ־לעכע פרעמדקייט אין יענעמס שאַרפן, שטעכיקן בליק. אָבער יענער האָט גיך אַוועקגענומען זיין פּנים, פאַרבאָרגן דעם בליק זיינעם — און אָנגעהויבן לערנען.

זיי האָבן געלערנט די מסכתא מנחות, פון סדר קדושים. זיי האָבן אָנגעהויבן דאָרט, וווּ זיי ביידע האָבן געהאַלטן מיט אַ טאָג פריער. זיי האָבן אָנגעהויבן די דריטע משנה פונעם פּרק ה׳.

ר׳ פישעלע פלעגט שטענדיק לערנען הויך, מיטן אָנגענומע־נעם גמרא-ניגון. ער האָט געהאַט אַ שיין קול און פלעגט דעם גמרא־ניגון אַרויסברענגען מיט אַ סך טעם און חן. אָבער אַזאַ שיין קול און אַזאַ מתיקות, מיט וועלכן דער פרעמדער ייד האָט געלערנט, איז נאָך ר׳ פישעלען קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו הערן.

ווען דער ייד האָט אָנגעהויבן: „יש טעונות שמן ולבונה. שמן ולא לבונה. לבונה ולא שמן״, (פאַראַן מנחות וואָס דאַרפן בוימאייל און בשמים. פאַראַן מנחות וואָס דאַרפן בוימאייל און קיין בשמים נישט. פאַראַן מנחות וואָס דאַרפן בשמים און נישט קיין בוימאייל) — האָט ר׳ פישעלע דערפילט אויף דער צונג דעם איידעלן טעם פון שמן-זית און אין זיינע נאָז-קאַנאַלן זענען זיך צעגאַנגען אויסערגעוויינלעכע ריחות פון בשמים.

אחוץ דעם איידעלן טעם פון שמן-זית און די אויסערגעוויינ־לעכקייט פון די בשמים-ריחות, האָט ר׳ פישעלען פאַרבליפט דאָס

בהירות, די קלאָרקייט, מיט וועלכער דער פרעמדער ייד האָט גע־לערנט. ר׳ פישעלע אַליין פלעגט זיך שטענדיק פייניקן מיט ספקות, קיין מאָל נישט געווען זיכער ביי זיך, צי גרייזט ער נישט חלילה אינעם לערנען, ער האָט זיך אַליין נישט פאַרגינען טאָמער איז אים אַ מאָל אַ קשיא גיך פאַרענטפערט געוואָרן. אָבער דער פרעמדער ייד איז געגאַנגען אין לערנען ווי אַ מלך אין זיין פּאַלאַץ, מיט רויִקע און זיכערע טריט, ווי ער וואָלט פון פאָרויס געוווּסט, אַז אַלץ און אַלע וועלן פאַר אים אָפּטרעטן דעם וועג.

נאָך עטלעכע טעג לערנען צוזאַמען, האָט ר׳ פישעלע זיך געכאַפּט, אַז ס׳טרעפט און ער אַליין לערנט נישט, נאָר הערט זיך צו צום פרעמדן יידס לערנען. ער האָט אויך דערפילט, אַז ער האָט פונעם לערנען הנאה, אַ זאַך, וועלכע ער האָט קיין מאָל צו זיך נישט צוגעלאָזט.

ר׳ פישעלע האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן, ווען ער האָט זיך אויף דעם אַלעם געכאַפּט. אָבער דער אופן פונעם פרעמדן יידס לערנען, דער ניגון, זיין קול און זיין הסברה, האָט אים אַזוי גענומען, אַזוי אין גאַנצן באַהערשט, אַז ער האָט קיין כוח נישט געהאַט זיך אים קעגנצושטעלן, און ער האָט זיך געלאָזט פון אים פירן, כאָטש ער האָט געפילט אַז ער, פישעלע, גייט שוין נישט אין לערנען אויף זיין אייגענעם דרך, אויף זיין אייגענעם ביז איצטיקן וועג.

ווי נאָר ר׳ פישעלע האָט באַמערקט ביי זיך, אַז טייל מאָל רייסט ער איבער זיין לערנען און הערט זיך צו צום פרעמדן יידס ווערטער, האָט ער יענעם אָנגעהויבן רופן: — רבי. דער פרעמדער האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע איבעררראַשונג דערפון. פאַר־קערט, ער האָט דאָס אויפגענומען מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, ווי דאָס וואָלט טאַקע אַזוי באַדאַרפן זיין. ער האָט אָבער נישט אויפ־געהערט רופן זיין תלמיד: ר׳ פישעלע.

אין איינעם אַ טאָג, בעתן זיצן און לערנען, האָט דער פרעמ־דער, אונטערווייַלעכץ אַז ר׳ פישעלע זאָל נישט באַמערקן, אַ פּאַכע געטאָן מיט אַ האַנט.

אַ שאַרפער ווינט האָט מיט אַ פאַרביסענער בייזקייט אויפ־געפראַלט די פענצטער און זיך אַריינגעריסן אין בית־המדרש אַריין; אַריינגעבראַכט אַן אויפגעהויבענעם מיט זיך וואָלקן שטויב, אויפ־געריסן די שווערע טאָוולען פון די ספרים, וואָס זענען געלעגן אויף די טישן, און ווילד געמישט זייערע בלעטער, צעיאָגט די שיימעס, וואָס זענען געלעגן אין אַ ווינקל אין אַ זאַק, גרייטע צו ברענגען זיי צו קבורה, און געמאַכט זיי פליען איבערן גאַנצן בית־המדרש.

ר׳ פישעלע, וועלכער האָט גראָד געהאַט געעפנט דאָס מויל צום לערנען, האָט זיך אָנגעשלונגען מיט אַ שפּאַר ביסל שטויב און ווינט. ער האָט זיך ממש געשטיקט און זיך שטאַרק צעהוסט.

דער פרעמדער האָט איבערגעריסן דאָס לערנען. געוואַרט ביז ר׳ פישעלע וועט זיך אויסהוסטן. ווען דער ווינט האָט זיך איינגע־שטילט און ר׳ פישעלע האָט אויף ס׳ניי געפרוווט נעמען לערנען, האָט ער זיך ווידער צעהוסט.

דעמאָלט האָט דער פרעמדער זיך אָנגערופן: — לאָמיר זיך אַ ביסל אופריען, — און דערווייל אָנגעהויבן שמועסן חסידות.

ר׳ פישעלע האָט ווייט נישט געהאַלטן פון שמועסן חסידות בעתן לערנען. ער האָט אָבער געפילט, אַז ס׳שטיקט אים אין האַלדז, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט געהאַט אַ קנויל מיט רויך, און ער וועט דערווייל סיי־ווי נישט קאָנען לערנען. אחוץ דעם האָט ער נישט געוואָגט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם פרעמדן ייד, וועלכן ער האָט גערופן: רבי. איז ער געזעסן שטיל און אויסגעהערט ביז יענער האָט געענדיקט דעם שמועס.

און צו שמועסן איז געווען וועגן וואָס. ס׳איז געווען באַלד נאָך דער איזשביצער בגידה. ר׳ מרדכי יוסף איז געווען אַוועק פון קאָצק און מיטגענומען מיט זיך פון דאָרט כמעט אַלע חסידישע גדולים פון יענער צייט. ס׳האָט זיך דאָס געדעשט, די וועלט האָט געציטערט... אַ קלייניקייט!...

צו מאָרגנס האָט זיך ביים לערנען ווידער איבערגעחזרט די מעשה מיטן ווינט. ר׳ פישעלע האָט זיך צעהוסט און דער פרעמדער

האָט זיך, ווי מיט אַ טאָג פריער, אָנגערופן: — לאָמיר זיך אַ ביסל אופריען, — און ווידער אָנגעהויבן שמועסן חסידות.

דער פרעמדער ייד האָט געפייערט קעגן איזשביצע. ער האָט ר׳ מרדכי יוספן אָנגערופן: בוגד. ער האָט נאָכגעזאָגט די גמרא אין סנהדרין: „כל החולק על רבו כחולק על השכינה, כל העושה מריבה עם רבו כעושה עם שכינה, כל המהרהר אחר רבו כאילו מהרהר אחר שכינה״ (דער וואָס קריגט אויף זיין רבין, איז ווי ער קריגט אויף דער שכינה. דער וואָס מאַכט אַ קריגעריי מיט זיין רבין, איז ווי ער וואָלט דאָס געמאַכט מיט דער שכינה, דער וואָס פאַר־דעכטיקט זיין רבין, איז ווי ער וואָלט פאַרדעכטיקט די שכינה).

ר׳ פישעלען, ווען די מעשה מיטן ווינט האָט אָנגעהויבן אויסצוזען צו זיין משונהדיק און פאַרגרעסערט די סודותדיקייט אַרום דעם פרעמדן ייד, האָט דעם יידס פייערן קעגן איזשביצע און קעגן די גרעסטע פון די גדולי החסידות אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ פחד, אַז ער האָט אין גאַנצן געציטערט. הענט און פיס האָבן זיך אים געוואָרפן. ער האָט אָבער דעם פרעמדן נישט דערווידערט מיט קיין איין וואָרט. די השפעה זיינע אויף ר׳ פישעלען איז שטאַרק גע־וואַקסן. ר׳ פישעלע האָט זיך געפילט לגבי דעם פרעמדן שוואַך און קליין.

און ס׳איז געוואָרן ביי זיי אַ הרגל, אַז יעדן טאָג בעתן לערנען, אַפילו ווען קיין ווינט און אויך קיין אַנדערער מכשול איז נישט געווען, האָט אין אַ באַשטימטער שעה דער פרעמדער זיך אָנגערופן: — ר׳ פישעלע, לאָמיר זיך אַ ביסל אופריען — און בשעתן רוען גענומען שמועסן חסידות.

אין איינעם אַ טאָג, איז אין בית המדרש געוואָרן אַזאַ היץ, אַז ס׳איז געווען ללא נשוא, ממש נישט צום פאַרטראָגן. ס׳איז געווען ווי דורכן בלעכערנעם דאַך וואָלט זיך צעגליטער בליי געגאָסן אין בית־המדרש אַריין און אָנגעצונדן די לופט ווי מיט פייער. שווערע אנגסטן האָבן באַגאָסן די פּנימער פון די צוויי, וואָס זענען געזעסן

און געלערנט. זיי האָבן שווער געעטעמט, ווי פיש וואָס האָבן זיך פלוצעם געפונען אויף דער טריקעניש.

דעמאָלט האָט זיך דער פרעמדער אָנגערופן: — ר׳ פישעלע, סאַ ווי דאַרף מען זען יעצט אַ ביסל אופריען, טאָ לאָמיר אַראָסגיין פאַר דער טיער.

ר׳ פישעלען האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס בית-המדרש. אָבער די היץ דאָרט איז געוואָרן שטאַרקער פון רגע צו רגע. אין דעם בית-המדרש, ווו אַפילו אין די הייסטע טעג איז געווען קיל און שאָטנדיק, איז איצט געווען אַזוי ווי אַ ריזיקער גיסעריי-אויוון וואָלט זיך געהאַלטן אין צעברענען. ר׳ פישעלע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. שוין נישט געוווּסט: — יאָ אַרויסגיין אָדער נישט. דעמאָלט האָט דער פרעמדער איבערגעחזרט: — לאָמיר אַראָסגיין פאַר די טיער. ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי שטיל און סודותדיק, אַז ר׳ פישעלע, וועלכער האָט שוין געפילט, אַז דער ייד מיט וועלכן ער לערנט צוזאַמען איז עפּעס נישט סתם קיין פשוטער ייד, האָט אַ טראַכט געטאָן: — און אפשר האָט ער מיר ווּס צו זוגן?...

זיי זענען אַרוים פון בית-המדרש און זיך פאַרנומען לינקס, אַדורך אַ שמאָלע סטעזשקע און זיך געפונען ביי דער אונטערשטער, בלינדער וואַנט פון בית-המדרש. פון די פעלדער האָט אַ ווייע געטאָן מיט פריש-געשניטן היי. ר׳ פישעלע האָט טיף איינגעעטעמט דעם ריח פון פעלד און געפילט, אַז ס׳איז ממש מחיה נפשות.

דער פרעמדער האָט דאָס מאָל נישט געשמועסט חסידות, נאָר איבערגעחזרט אויסנווייניק דאָס לערנען פון היינט און פון אַ טאָג פריער. ר׳ פישעלע איז דערפון געווען שטאַרק צופרידן און אויך פשוט משתומם געוואָרן פון דעם יידס שטאַרקן זכרון.

פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי שוין יעדן טאָג אַרויסגיין אַ ביסל פאַרן בית-המדרש אָנזאַפן זיך מיט פרישער לופט. זיי האָבן זעלטן געשמועסט חסידות און אַמאָפסטן איבערגעחזרט דאָס לערנען פון די לעצטע טעג.

פאַרהאַרעוועטע יידן און פאַרפאַרעטע ווייבער פלעגן זיך

ברייט און מיט מתיקות צעשמייכלען פון פאַרגעניגן, ווען זיי האָבן געזען ווי די צוויי הייליקע יידן גייען זיך בנעימותדיק איבערן וועג און שמועסן. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי שמועסן אין לערנען. נישט איין יידענע האָט זיך אין זיי געבענטשט, דערמאָנענדיק דער־ביי אירע אייגענע קינדער, וואָס זיצן אין חדרים און לערנען תורה פאַר די פּאָר גילדן, פאַרדינטע דורך שווערער האָרעוואַניע.

ר׳ פישעלע פלעגט גיין אַ פּאַרטיפּטער אין הערן און דער פרעמדער ייד פלעגט רעדן. אַזוי איז עס שוין כמעט אַלע מאָל אויסגעקומען. ר׳ פישעלע איז געווען אַזוי פאַרטאָן אינעם הערן, אַז ער האָט אין גאַנצן מסיח־דעת געווען דערפון, זיך אין גאַנצן נישט געחידושט פון דעם, וואָס דער פרעמדער פירט בשעתן שמועס אים, פישעלען, און נישט פאַרקערט. כאָטש לויטן שכל האָט ר׳ פישעלע באַדאַרפט פירן. ער איז דאָך געווען אַ היגער און יענער איז געווען אַ פרעמדער.

* * *

איין מאָל האָט דער פרעמדער עפּעס אַזוי אַ פיר געטאָן ר׳ פישעלען בעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פאַרן בית־המדרש, אַז פלוצעם האָבן זיי זיך געפונען אין מיטן מאַרק, גענוי אַנטקעגן דער שניט־קראָם פון ר׳ פישעלעס ווייב.

ס׳איז געווען אַ פּראָסטער מאָנטיק. נישט קיין קלענער און נישט קיין גרויסער יריד איז אין שטעטל נישט פאָרגעקומען. ס׳איז געווען שניט־צייט. די פּויערים, די פּויערטעס מיט זייערע משפּחות זענען גאַנצע טעג געווען אין פעלד. אין קיין שום קראָם האָט מען כמעט נישט געזען קיין קונה. נאָר אין דער קראָם פון ר׳ פישעלעס ווייב איז געוואָרן מיט אַ מאָל פול מיט קונים, מיט גויים, מיט גויעס און מיט יונגע שיקסעס. ס׳איז אין דער קראָם געוואָרן אַן ענגעניש און אַ שטופּעניש. ר׳ פישעלעס ווייב, אַ צעטראָגענע און אַ צעיאָכ־מערטע, האָט געשלעפּט די סחורות פון די פּאָליצעס און זיי פונאַנ־דערגעוויקלט און געוויזן די קונים. זי האָט נישט פאַרשטאַנען פון

וואַנען אין אַזאַ בדרך־כלל שטילער צייט, פּלוצעם אַזאַ שפע פון קונים, אַזאַ גראַטשקע און פאַרקאַכעניש. יעדער פון די קונים האָט געוואָלט אַז זי זאָל אים ווייזן די סחורה, וואָס ער דאַרף, אַז זי זאָל נאָר מיט אים רעדן, מיט אים אַדורכקומען וועגן פּרייז. ר׳ פישעלעס ווייב האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, געווען ממש פאַרצווייפלט. אירע דריי קליינע קינדער האָבן זיך געהאַלטן אין איר קלייד און דערשראָקענע פון דעם פּלוצעמדיקן אָנלויף פון פרעמדע מענטשן יאָמערלעך געוויינט.

אין דעם האָט זי באַמערקט, אַז אַנטקעגן דער קראָם, אין סאַמע מיטן מאַרק, גייט זיך בנעימותדיק איר מאַן מיטן פרעמדן ייד און שמועסט אַזוי פאַרטאָן, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען, ווי אויף דער וועלט וואָלט קיינער נישט געווען אַחוץ זיי ביידע.

דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ טיפער פאַראיבל, אַ כעס און אַ פאַרביטערניש אויף איר מאַן, פון וועלכן זי איז אַלע מאָל געווען אַזוי שטאָלץ. נישט קלערנדיק לאַנג האָט זי אַוועקגעריסן זיך פון די קינדער, וואָס האָבן געקלעפּט אין איר, געלאָזט דאָס געוועלב מיט די פרעמדע קונים און אַרויס־געלאָפן אין דרויסן. זי איז צו צו די צוויי יידן, פונאַנדערגענומען די הענט און מיט אַ פאַרענדערט קול, מיט אַ קול פון שרעק און פאַרדרוס, אויסגעשריגן:

— פישעלע! האָב רחמנות! דער אייבערשטער האָט מיער ציגעשיקט אַ פילע קרום מיט קונים. איך קען זעך אַליין נישט געיבן קאַן עצה. די קינדער זאָלן גיזינט זאַן שטייען אין ראַסן פין מיער שטיקער. פישעלע, קים אַראַן אין העלף מיער אַ ביסל צי. סוף־כל־סוף בין איך דאָך אָך אַ מענטש. מעיגסט אַמול אָף מיער אָך רחמנות הובן!

ר׳ פישעלע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און אַ פאַר־שעמטער. אַ יידענע, ווען אַפילו אַן אייגענע, זאָל אים אָפּשטעלן אין גאַס און צו אים רעדן, אַזאַ זאַך האָט אים נאָך קיין מאָל נישט

געטראָפן. ער האָט געפּרוּווט מאַכן אַ טריט און גיין ווייטער. אָבער דאָס ווייב איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אים.

— פישעלע! כ׳בין טאַקע נישט מעיער ווי אַן אישה, אָבער, כ׳בין דאָך פאָרט אַ בעשעפעניש פון דעים, וועימענס נומען כ׳בין נישט ווערט צי דערמאַנען.

ר׳ פישעלע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אירע טענות האָבן אים שטענדיק גערירט, נוגע געווען ביז צו די טיפעניש פון זיין איידל האַרץ. ער איז איצט געשטאַנען אַ צערודערטער און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אין גרויס פאַרלעגנהייט האָט ער געוואָנדן זיין בליק צום פרעמדן ייד, ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט אַן אויסוועג.

דער פרעמדער האָט אָפּגעקערט זיין פּנים פון ר׳ פישעלען. נישט קיין בליק געטאָן אויף אים. אָבער געזאָגט האָט ער צו אים שטרענג, כמעט באַפעלעריש:

— ר׳ פישעלע, גייט אַריין אין קרום. כ׳וועל וואַרטן אָף אַך אין בית-המדרש.

ר׳ פישעלע איז אַריינגעגאַנגען אין געוועלב. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרשעמטער. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם פון די קונים. ווען אַ גוי אָדער אַ גויע האָט זיך צו אים געוואָנדן, האָט ער נישט געענטפערט. ער האָט נאָר גע־טאָן דאָס, וואָס זיין ווייב האָט אים געהייסן: דערלאַנגט סחורות, אויפגעוויקלט זיי, צוגעוויקלט, גענומען, אַוועקגעלייגט. ער האָט זיך געפירט אין זיין אייגענער קראָם, ווי ער וואָלט דאָרט געווען אַ פרעמדער, אַ משרת.

אַ גאַנצן טאָג זענען קונים געקומען און געגאַנגען. אין משך פון חדשים האָט מען אין דער דאָזיקער קראָם אַזוי פיל נישט געלייזט, ווי אין דעם פראָסטן מאָנטיק. ר׳ פישעלע האָט כסדר געוואָרפן בליקן צו דער טיר, געוואָלט וואָס גיכער פון דאָרט אַנטרינען ווערן. אָבער די בעטנדיקע שטימע פון זיין ווייב, וואָס האָט אָפט איבערגעחזרט: פישעלע זאָ מע מוחל, דערלאַנג דום שטיקל סחורה פין דע הויכע פאָליצע, פין דע לינקע פאָליצע, פין אינטערן טיש, פין איבער

די פּאַליצע, און אַזוי כסדר. אַט די בעטנדיקע שטימע פון זיין ווייב, אין וועלכער ס'איז געווען אַן אַ שיעור הכנעה, האָט אים, דעם איידעלן, דעם ווייכהאַרציקן צוגעקאַוועט צום אָרט.

ערשט שפּעט אין טאָג אַריין, ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן נייגן צו מערב, האָט זיך ר' פישעלע אַרויסגעריסן פון דער קראָם און געקומען צו לויפן אין בית-המדרש אַריין. ער האָט זיך געשעמט פאַרן פרעמדן ייד כבושת גנב. זיך צוגעשאַרט צום טיש, ווי אַ פאַר־שפּעטיקט חדר-ייִנגל, און זיך אַוועקגעזעצט.

אָבער דער פרעמדער האָט גאָרנישט אויסגעזוזן צו זיין פאַר־וווּנדערט פון דעם, וואָס ר' פישעלע איז אַזוי לאַנג נישט צוריקגע־קומען. ער האָט אויפגעמישט די גמרא אויף דעם אָרט, ווו זיי האָבן, פאַרן אַרויסגיין, געהאַלטן, ווי ער וואָלט ר' פישעלען געוויזן, אַז אָן אים האָט ער נישט געלערנט די גמרא, וועלכע זיי לערנען צוזאַמען.

ביי נאַכט, ווען ר' פישעלע איז אַהיים געקומען און אָפּגעגעסן איז זיין ווייב אַרויס צו אים מיט אַ טענה:

— פישעלע, ווי לאַנג איז דער שיעור, אַז מיר זאָלן אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן? דוס אַלץ ווּס איז האַנט געשעיען אין די קרום, איז געווען אַ נס. אין דער נס איז געשעיען אין דאַן זכות, פישעלע. יאָ, פישעלע, שאָקל נישט מיטן קאָפּ אָף ניין. פרעגיג יעך דעך, פישעלע, פאַרוווּס זאָלן אינדזערע קינדער אַזוי נעבעך פאַרחושכט ווערן? פאַר וועימענס זינד דאַרפן זיי אופקימען? פאַרוווּס זאָלן זיי דאַרפן אַדאַרכקימען די טעיג זייערע מיט בילע-ווּוס? פאַרוווּס זאָל מאַן פּנים זעך דאַרפן באַדעקן מיט חרפּה, ווען כ'האָב נישט צי באַצולן אין דער צאַט דאָס מלימדות-געלט פאַר די קינדער? זוג מער כ'בעיט דעך, פישעלע, פאַרווּס? ווען די וואָלסט געקימען כאָטש אָף אַ שעה אין טוג אין קרום אַראַן, וואָלט אַלץ געווען אַנ־דערש ווי ס'איז.

ר' פישעלע האָט געהערט און געשוויגן. ער האָט געלאָזט פאַלן אויף זיך אירע ווערטער, ווי די מלקות ערב יום-כיפור. אָבער בעת פון די מלקות איז אים געוואָרן גרינג, לייכט אויפן האַרץ און נשמה,

איז אים פון אירע ווערטער געוואָרן שווער אויפן האַרץ, ווי אַ שטיין וואָלט זיך דאָרט צעלייגט און געדריקט. אַ גרויס געפיל פון שולדיקייט האָט באַדרענגט זיין געמיט און ער האָט זיך דערפילט אין גאַנצן אַ צעבראָכענער. נישט געפונען אין זיין מויל קיין איין וואָרט איר צו ענטפערן.

זיין ווייב האָט אָנגענומען זיין שווייגן ווי עקשנות, ווי פאַר־ביסנקייט. און ווידער איז אַ כעס און אַ פאַרביטערונג אויפגעגאַנגען אין איר צו איר מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך ביז איצט געגרייסט און זיך געהאַלטן פאַר אַ זכיה, אַז ער איז איר מאַן.

זי האָט אויפגעהויבן איר קול און אָנגעהויבן רעדן צו אים שטראָף־רייד:

— פישעלע, אין הימל וויל מען נישט אַז אינדזערע קינדער זאָלן לאַדן. דוס אַלץ ווס איז האַנט געשעיען, איז געווען אַ נס פון הימל, פישעלע! ווילסטו זיך חלילה אַנטקייגנשטעלן דעם רצון פין באַשעפער?!

ר׳ פישעלע האָט אין גאַנצן אויפגעציטערט פון זיין ווייבס רייד. אַ ווילדער פחד איז אים באַפאַלן. ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די ווערטער פון קריאת־שמע הויך און וואָרט ביי וואָרט, ווי ער וואָלט וועלן מיט אַלע כוחות פאַריאָגן פון זיך עפּעס בייזס, וואָס ס׳ציט אויף אים אָן. אין זיין ווייבס רייד האָט ער דערהערט אַ לחש, אַ פליסטער, אַ שעפּטשונג פון שטן — און זיך צעשריגן מיט די ווערטער: „המלאך הגאל אותי מכל רע"...

ווען זיין ווייב האָט דערהערט פון איר מאַנס מויל די ווער־טער פון קריאת־שמע, איז זי אַריין אין שלאָף־חדר, זיך אַנידער־געוואָרפן אויפן בעט און אויסגעבראָכן מיט אַ גרויס געוויין.

זי האָט געוויינט פון חרטה, פון גרויס ווייטיק, וואָס זי האָט פאַרשאַפט איר מאַן צער. מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערפילט נידעריק און זינדיק. ווען זי האָט זיך דערמאָנט דאָס פאַרשעמטע פּנים פון איר איידעלן, לומדישן מאַן בעת זי האָט אים אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס און אַרויס צו אים מיט טענות, איז זי גרייט געווען

פון גרוים ייאוש צו באַגיין חלילה אַ מעשה. אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך אין איר געעפנט. אין איר געוויין האָט זי געבעטן גאָט, ער זאָל איר מוחל זיין פאַר דעם, וואָס זי האָט געוואָלט אָפּטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט צוליב פּרנסה מבטל זיין איר מאַן פון לערנען. זי האָט געבעטן גאָט פאַרגעבונג דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט מיט די אייגענע הענט צעשטערן דאָס אַלץ, וואָס איז געווען דער זין, דער יסוד און תוכן פון איר לעבן.

ר׳ פישעלע האָט געהערט זיין ווייבס יאושדיק געוויין און געבליבן זיצן אַ פאַרקלעמטער. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וויינט זי אַזוי פון פאַרביטערטקייט, פון רחמנות צו די קינדער און צו זיך פאַר זייער פאַרחושכטע, אָרעם לעבן, אַז דאָס וויינט זי אַזוי פון גרויסער טענה צו אים, פישעלען, וואָס קוקט זיך לגמרי נישט אום אויף זיינע בני-בית און איז רק פאַרטאָן אין זיין וועלט, אין דער וועלט פון תורה און עבודה.

זיין האַרץ איז איבערגעפולט געוואָרן מיט צערטלעכקייט צו איר. זי איז קיין מאָל אין זיין מחשבה נישט אויפגעגאַנגען ווי אַ ווייב. „ווייב" איז געווען עפּעס צו נאָענטעס, פון וועלכן ער האָט זיך געוואָלט האַלטן אַ ביסל ווייטער. ער איז נישט געווען קיין פּרוש. ער האָט מורא געהאַט פאַר פּרישות, פּונקט ווי פאַר פּריצות. ער האָט געהאַט אַ ידיעה, אַ וויסן, אַז זי איז זיין ווייב. אָבער אין זיין עולם-המחשבה האָט ער זי נישט אַריינגעלאָזט.

איצט האָט ער געטראַכט נאָר וועגן איר. נישט וועגן די קינדער, נאָר דווקא וועגן איר. די קינדער זענען זיין בלוט און פלייש. זיין גורל איז זייער גורל. אָבער זי? פאַרוואָס דאַרף זי אַזוי ליידן צוליב אים?

אמת, זי איז זיין זיווג. און זיווג ראשון איז מן השמים. אָבער נאָר חוה איז געווען אָדם הראשונס ביין און פלייש, אַזוי ווי די תורה זאָגט: „זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי לזאת יקרא אשה" (דאָס מאָל איז דאָס אַ ביין פון מיינע ביינער און פלייש פון מיין פלייש, די דאָזיקע זאָל גערופן ווערן פרוי).

דערפאַר ווייל ער האָט זי געהאַלטן ווייט פון זיך, דערפאַר ווייל זי האָט קיין מאָל נישט פאַרנומען קיין אָרט אין זיין מחשבה, טאַקע זיין פרעמדקייט צו איר האָט אים איצט אָנגעפילט מיט גרוים געפיל. ער האָט זיך געפילט לגבי איר שולדיק, געוואָלט איר מיט עפּעס מטיב זיין, מיט עפּעס איר פאַרגיטיקן, אָבער נישט גע־ווּסט מיט וואָס.

פון געוויין, פון גרוים פאַרלוירנקייט, איז ר׳ פּישעלעס ווייב איינגעשלאָפן. ווען ער האָט באַמערקט, אַז זי האָט זיך איינגע־שטילט, האָט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך אויך געלייגט שלאָפן.

ער האָט געזאָגט „המפּיל", אָבער איינשלאָפן בשום אופן נישט געקאָנט. כל מיני היפּוכדיקע מחשבות האָבן אָנגעפילט זיין מוח. נאָכן המפּיל האָט ער געיאָגט פון זיך יעדן געדאַנק, אָבער נישט געקאָנט פאַריאָגן. ר׳ פּישעלע האָט געלייענט נאָך אַ מאָל קריאת־שמע, ווי דאָס ווערט געבערענגט אין ירושלמי וועגן איינעם, וואָס קאָן נישט איינשלאָפן. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער פון המפּיל: „המפּיל חבלי שינה על עיני" (דער וואָס וואַרפט אָן ווייען פון שלאָף אויף מיינע אויגן). אַלע מאָל, ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט איז ער תיכף איינגעשלאָפן. היינט האָט ער אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געפילט די ווייען פון איינשלאָפן. אָבער דער שלאָף גופא איז אַלץ נישט געקומען.

פּלוצעם האָט זיך ר׳ פּישעלע דערמאָנט אין דעם פרעמדן ייד, מיט וועלכן ער לערנט צוזאַמען. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו דערציילן דעם פרעמדן אַלץ, וואָס איז היינט געשען, האַלטן מיט אים אַן עצה. און אַזוי ווי דער פרעמדער וועט זאָגן, אַזוי וועט זיין.

ווי נאָר ר׳ פּישעלע האָט ביי זיך אָנגענומען די דאָזיקע החלטה איז ער תיכף, אין דער אותה רגע, איינגעשלאָפן.

* * *

צו מאָרגנס, באַלד נאָכן דאַווענען, איז ר׳ פּישעלע צוגעגאַנגען צום פרעמדן ייד, אַוועקגענומען אים אין אַ ווינקל פון בית־המדרש.

אַוועקגעזעצט אים נעבן זיך און גענוי דערציילט אַלץ, וואָס איז זיך מיט אַ טאָג פריער מיט אים פאַרלאָפן.

ר׳ פישעלע האָט דערציילט דעם פרעמדן, ווי אַזוי דאָס געוועלב איז געוואָרן פול מיט קונים, ווי נאָר ער, פישעלע, האָט זיך דאָרט באַוויזן, כאָטש ס׳איז געווען אַ פשוטער מאַנטיק און שניט-צייט, ווען בדרך-כלל זעט מען נישט קיין קונה פאַר די אויגן. ער האָט אים דערציילט, ווי אַזוי די קונים האָבן געריסן די סחורות פון די הענט און דער פדיון איז דעם טאָג געווען גרעסער ווי גע-וויינטלעך אין משך פון דריי חדשים בערך. לסוף האָט ר׳ פישעלע איבערגעגעבן דעם פרעמדן מלה במלה, וואָרט ביי וואָרט, זיין ווייבס טענות צו אים.

ער האָט זיין ווייבס טענות איבערגעגעבן מיט אַזוי פיל געפיל, אַריינגעלייגט אין זיי אַזוי פיל האַרץ, אַז דעם פרעמדן ייד האָט געקאָנט אויסזען ווי ער, פישעלע, וואָלט געווען אויף איר צד, ווי ער וואָלט איר געגעבן גערעכט. אין דער אמתן איז ר׳ פישעלע געווען זיכער, אַז דער ייד, וואָס אַליין האָט ער מסתמא פאַרלאָזט ווייב און קינדער, געקומען זיך וואַלגערן אין דער פרעמד און גאַנצע טעג געזעסן און נאָר עוסק געווען בתורה, אַז דער ייד וועט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט זיין ווייבס טענות כלא היו, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען, און אַ זאָג טאָן צו אים: — פישעלע, „ותלמוד תורה כנגד כולם״, לערנען תורה איז אַנטקעגן אַלץ.

דער פרעמדער ייד האָט טאַקע אַזוי געענטפערט ר׳ פישעלען, אָבער דאָך נישט אין גאַנצן אַזוי...

נאָכן אויסהערן אַלץ בכובד ראש, האָט ער לאַנג געטראַכט און געזאָגט:

— הערט ר׳ פישעלע. דוס וווּס די יידענע האָט טענות, מילא, האָט זי. אין ווי איז דער פת במלח תאכל, ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן אין אין דער תורה זאָלסטו זעך מיען? מאַלע וווּס אַ יידענע האָט אַלץ טענות. נאָר דוס וווּס איר זוגט מיער, אַז אַ גאַנצן טוג זענען קונים געקימען אין געגאַנגען, כאָטש ס׳איז גיווען אַ פשוטער

מונטיק אין ס׳איז שניט-צײַט, ווען געוויינלעך זעט מען נישט קאַ קונה, דוס , זעיט איר, איז שוין גור עפּעס אַנדערש.

— וואָרים, אויב מה׳ יצא הדבר, ר׳ פישעלע, איז עס אַ גזרה פון הימל, טאָ ווס האָט שוין דו אַ פּשוטער בשר ודם צי זוגן?...

ר׳ פישעלע האָט אויפגעכאַפּט דעם פרעמדן יידס כוונה. זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, האָט ער שטענדיק היים געבעטן „אל תביאנו לידי נסיון״, ברענג מיך נישט צו קיין פּרווו. איצט האָט ער געפילט בחוש, אַז ער שטייט פאַר אַ נסיון און מוז אים אַנטקעגן גיין, האָט קיין ברירה נישט.

ר׳ פישעלע איז אַהיים געגאַנגען, אָפּגעגעסן אָנבייסן. אָבער שטאָט צוריק צו גיין אין בית-המדרש איז ער אַריין אין דער קראָם און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דער שאַנק מיט די סחורות.

ווען זיין ווייב האָט אים דערזען אין דער קראָם איז איר דאָס האַרץ אַנטפאַלן. זי איז געוואָרן ווייס ווי קרייד. כ׳האָב אופגעטין אַ שלעכטע זאַך, האָט זי אַ טראַכט געטאָן. אָבער מער נישט גע-וואַגט צו זאָגן איר מאַן קיין דעות.

ווידער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קונים: גויים, גויעס און שיקסעס. ס׳איז ווידער געוואָרן אַ געדראַנג. ר׳ פישעלע האָט זיך שוין דאָס מאָל נישט געפילט פרעמד אין דער קראָם זיינער. ער האָט זיך היינט דאָרט געפילט אייגן, מעשה באַלעבאָס. נישט גע-וואַרט ביז זיין ווייב וועט אים בעטן עפּעס דערלאַנגען, נאָר זיך צוגעהערט צי די קונימס פאַרלאַנגען און זיי באַווייזן די סחורות וואָס זיי האָבן געוואָלט. ער האָט געפרעגט דעם ווייב: — „זוג מער וויפל קאָסט דוס״, און אַליין געזאָגט די קונים די פּרייזן.

ערשט שפּעט אין טאָג אַריין האָט ער פאַרלאָזט די קראָם און געקומען אין בית-המדרש. דער פרעמדער ייד האָט ווידער גע-וואַרט אויף אים מיטן לערנען די מסכתא, וועלכע זיי האָבן געלערנט צוזאַמען.

אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט אַ שיינע פּאָר טעג. ר׳ פישעלעס ווייב האָט זיך גיך צוגעוווינט צו איר מאַנס מסחרן. ווי

ווי ס'האָט איר נישט געטאָן, וואָס איר מאַן, דער למדן, שטאָט ער זאָל זיצן און לערנען, שטייט גאָר אין דער קראָם צווישן גויים מיט גויעס, האָט זיך אָבער איר מאַמיש האַרץ געטרייסט דערמיט, וואָס זייערע קינדער וועלן אויפגעריכט ווערן, נישט דאַרפן געפּיי־ניקט ווערן, ווי ביז איצט.

ווען זי האָט באַדאַרפן פאָרן קיין לובלין נאָך סחורה, האָט זי דאָס מאָל נישט פאַרשלאָסן די קראָם ווי זי פלעגט דאָס טאָן ביזקל אַהער, נאָר איבערגעלאָזט איר מאַן אין דער קראָם אויף אַ גאַנצן טאָג.

ווען ר' פישעלע איז געקומען דעם טאָג אין בית־המדרש אַריין ערשט צו מנחה־מעריב, איז דער פרעמדער ייד נישט געווען. ער האָט זיך אויך צו מאָרגנס נישט געוויזן.

דער פרעמדער ייד איז נעלם געוואָרן...

ר' פישעלע האָט זיך אַ ביסל געשראָקן צוליבן פרעמדנס נעלם ווערן. געטראַכט, טאָמער האָט ער אים פוגע בכבוד געווען מיט דעם, וואָס ער האָט אים געלאָזט אַ גאַנצן טאָג אַליין. אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט דעם יידם רייד וועגן אַ גזירה פון הימל, איז נח דעתו, האָט ער זיך אין גאַנצן באַרויִקט.

פאַר די שטעטלשע לייט איז נישט געווען קיין נאָוועליִע דעם פרעמדנס נעלם ווערן. אַזעלכע זאַכן האָבן זיך שוין אין דעם שטעטל געהאַט געטראָפן. שוין דעם פרעמדנס אויסמיידנדיקער ענט־פער, בשעת די פני זענען געקומען צו אים און געזאָגט, אַז דאָס שטעטל איז גרייט צו זאָרגן פאַר אים אויב ער וויל זיך דאָ באַזעצן, איז פאַר זיי געווען אַן אָנצוהערעניש אויף דעם, וואָס איז שפּעטער געשען. שוין פון דער רגע אָן האָבן זיי געוווּסט, אַז ער וועט ביי זיי נישט בלייבן.

נאָר די מאַמעס מיט די קראַנקע קינדער, די קאַליקעס, די פאַראַליזירטע און די בלינדע, די חולי־נופל און די געשלאָגענע מיט הויט־קראַנקהייטן, די אַלע וואָס האָבן געוואָרט אויפן פרעמדן יידס מופת, ער זאָל זיי געבן אַ ברכה און זיי זאָלן גענעזן ווערן, נאָר זיי

האָבן באַדויערט דעם יידס פאַרשווינדן ווערן און באַוויינט זייער פינצטערן גורל.

נאָך דעם ווי דער פרעמדער איז אַוועק פון שטעטל, האָט ר׳ פישעלע זיך אין גאַנצן אַריינגעלאָזט אין מסחר.

ס׳האָט זיך אויף די פעלדער און אין די שייערן געענדיקט דאָס שניידן און דרעשן די תבואות. די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן פאַרקויפט זייער גערעטעניש און געקומען אין שטעטל אַריין איינקויפן סחורות. אין אַלע שניט־קראָמען זענען איצט געווען קונים. אָבער ביי ר׳ פישעלען אין דער קראָם איז כסדר געווען פול געפּאַקט מיט קונים, גאָרנישט צו פאַרגלייכן מיט אַנדערע קראָמען.

ס׳איז אַזוי געשען, אַז די גויים האָבן געקויפט ביי ר׳ פישע־לעס ווייב און די גויעס מיט די שיקסעס האָבן נאָר געוואָלט קויפן ביי ר׳ פישעלען אַליין.

ער איז געווען אַ שיינער, אַ הויכער און אַ גלייכער. מיט בלויע אויגן און אַ בלאָנדער באָרד, און די גויעס מיט די שיקסעס האָט עס שטאַרק געצויגן צו אים.

ס׳האָט זיך דעמאָלט געפירט אויף אַלע ירידים, אין אַלע קראָמען און בוידן, אַז ווען אַ ייד, צי אַ יידענע, פלעגט מיט אַ גוי אָדער מיט אַ גויע וועלן אַדורכקומען מיטן פּרייז אויף עפּעס, וואָס זיי האָבן געוואָלט קויפן אָדער פאַרקויפן, האָט דער ייד, צי די יידענע גענומען ביי זיי אַ האַנט און אַריינגעקלאַפּט אין דער אָפענער דלאָניע אַריין. מיט יעדן קלאַפּ האָט דער ייד, צי יידענע, עפּעס אַראָפּגעלאָזט פון מקח, און דער גוי, צי די גויע, האָט עפּעס דערלייגט. אָדער פאַרקערט, דער גוי האָט אַראָפּגעלאָזט און דער ייד דערלייגט. מען האָט אַזוי לאַנג אַריינגעקלאַפּט אין דער דלאָניע ביז מען איז געקומען לעמק השווה, ביז מען איז אַדורכגעקומען מיטן מקח.

ר׳ פישעלעס צניעותדיק ווייב פלעגט שטיין אין איר קראָם און קלאַפּן די גויים אין די הענט אַריין. זי האָט דאָס געטאָן מיט

דער גאַנצער תמימותדיקייט אירער, מיט דער זעלבער תמימות־דיקייט, מיט וועלכער ס'האָבן דאָס געטאָן הונדערטער און טויזנ־טער יידישע פרומע, צניעותדיקע ווייבער, וואָס האָבן געהאַלטן קראָמען און בוידן און מפרנס געווען זייערע מענער, וואָס זענען געזעסן אין די בתי־מדרשים אָדער ביי די חסידישע רביים...

ווען די גויעס, וואָס האָבן געקויפט ביי ר' פישעלען, האָבן געזען, אַז ער נעמט נישט ביי זיי די הענט אויף אַריינצוקלאַפּן זיי אין די דלאָניעס בעתן דינגען זיך וועגן מקח, האָבן זיי אויסגעצויגן זייערע הענט נאָך זיין האַנט און גענומען אין איר אַריינקלאַפּן.

אין אָנהייב האָט ר' פישעלע אַ פאַרשעמטער געפּרוּווט אַרויסנעמען זיין האַנט פון זייערער. אָפט פלעגט אים זיין ווייב קומען בעת צרה צו הילף. אָבער ווען אין געוועלב איז געווען פול מיט קונים און זיין ווייב איז געווען פאַרנומען, ווען ר' פישעלע האָט געזען, אַז אַן דעם קלאַפּן אין דער דלאָניע אַריין קאָן מען גאָרנישט קומען מיט זיי צו אַן אויסגלייך אין פּרייז, האָט ער זיך אויפגעהערט צו ווערן, ווען אַ גויע האָט גענומען זיין האַנט אויף אַריינצוקלאַפּן אין איר.

אין ר' פישעלעס, ביז איצט קלאָרע און ריינע חלומות, אין וועלכע ס'פלעגט אים נישט זעלטן פאַרענטפערט ווערן אַ שווערער מרש"א, אָדער אין וועלכע ער פלעגט טייל מאָל איבערחזרן אַ שכלדיקן ר"ן, האָבן זיך איצט אָנגעהויבן אַריינרייסן גאָר אַנדערע מחשבות און בילדער.

ס'האָט זיך אים אָנגעהויבן חלומען, אַז דאָס געוועלב זיינס איז פול מיט קונהטעס, גויעס, וואָס גייען אָנגעטאָן אין העלע, אויף שטייף געקראָכמאַלעטע קליידער. זיי אַלע רייסן זיך צו אים, נעמען זיינע דלאָניעס אין זייערע און קלאַפּן אין זיי אַריין. קלאַפּן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און העכער. פון די גויעס מיט זייערע פולע לייבער ווערט ר' פישעלען הייס, דושנע, ענג. ער כאַפּט זיך אויף אַ באַנגאַ־סענער מיט אַנגסטן, אָן אָטעם.

אַ גאַנצן טאָג נאָך דעם איז ער שוין אַ צעבראָכענער, אַ צערודעטער, פול מיט מרה־שחורה.

די חלומות זיינע זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל מער טונקעלער און פאַרפּלאָנטערטער. די גויעס און די שיקסעס האָבן שוין נישט נאָר אָנגעפילט דאָס געוועלב זיינס, נישט נאָר אים געקלאַפּט אין די דלאָניעס, נאָר גערוקט זיך צו אים און זיך צוגעדריקט צו אים מיט זייערע פולע, יאָדערדיקע לייבער. ר׳ פישעלע האָט אין גאַנצן געברענט. זיין צניעותדיקייט, זיין אָפּגעהיטנקייט, זיין געצוימטקייט האָט אין חלום אָנגעהויבן נאָכלאָזן. זיין עקשנותדיקע פרומקייט איז געוואָרן שוואַכער, נאָכגיביקער. ער האָט געטריבן פון זיך די פאַרשייטע גויעס, געווערט זיך קעגן זיי מיט הענט און פיס, אָבער זיינע כוחות האָבן אים אָנגעהויבן פאַרלאָזן און ער האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט אין דער זינדיקער נעץ.

זיינע מחשבות זענען אים מבולבל געוואָרן. ער האָט נאָך געדאַוונט אין גרויסער פאַרטראַגנקייט, מיט הכנעה און צעבראָכנ־קייט. אָבער זיין יונג בלוט, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געקילט אין די כוואַליעס פון ים־התלמוד, איז שוין איצט געווען פאַרסמט מיט אַ הייסער פאַרווירטקייט. נאָכן דאַוונען איז ער גיך געלאָפן אין דער קראָם אַריין. ער האָט שוין אַליין נישט געוווּסט ווי ווייט ער איז פאַרקראָכן. טייל מאָל האָט ער נאָר געהאַט אַ ווייטע אַנונג, אַז אַלץ וואָס ס׳טוט זיך איצט מיט אים איז מעשה שטן. אָבער די זומפּ, אין וועלכער ער איז געזונקען האָט געצויגן צו זיך מיט אַ פאַרפירערישער, לאָקנדיקער ווייכקייט.

פרייטיק צו נאַכטס האָט מען אין ר׳ פישעלעס שלאָף־חדר שוין מער נישט געהערט זיין אָפּגעריסן, פאַרקלעמט געוויין. ער פלעגט איצט צופאַלן צו דעם לייב פון זיין ווייב אין גאַנצן אַ ווילד געוואָרענער. זיין צניעותדיק ווייב האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר אים, זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים איז געשען. זי האָט זיך אָבער געשעמט צו רעדן מיט אים וועגן דעם, און ווי אַ פרומע אישה האָט זי זיך אונטערגעגעבן דעם רצון פון איר מאַן.

ר׳ פישעלע איז געזונקען וואָס אַ מאָל טיפער. אין זיינע חלומות זענען איינגעפאַלן אַלע גדרים און סייגים, אַלע צוימען און מויערן. ער האָט שוין איצט געזען די גויעס מיט נאַקעטע טיילן קערפער. דאָ מיט אַן אָפּגעדעקטער ברוסט, דאָ מיט אַן אָפּגעדעקטער היפּט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געזען טאַנצן אַ חסידישן טאַנץ אין מיטן אַ גרויסן קאַראַהאָד פון נאַקעטע גויעס און שיקסעס, וואָס האָבן פאַרשייט געוויגט מיט זייערע בייכער און היפּטן.

ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז ר׳ פישעלע זאָל זיין הבא על הנכריות, ער זאָל קומען אויף אַ גויע, רחמנא ליצלן!...

* * *

ס׳איז שוין געווען ווייט אין די אלול-טעג. פון די ליידיקע פעלדער האָט אין די פאַרטאָגן געבלאָזן מיט אַ קיל ווינטל. דאָס ווינטל האָט שוין געבראַכט מיט זיך צו טראָגן די ערשטע פאַר-געלטע, אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. פון די נאָענטע סעדער האָט מען פון די ביימער געריסן די ווינטער-עפּל. אַ זיס-זויערער עפּל-ריח האָט זיך געפילט אין דער לופט איבערן שטעטל.

פון די קילע ווינטלעך, פון חודש אלול, פון די אָנציענדיקע ימים-נוראים, פון דער נאָענטקייט פון די פאַרכטיקע טעג, פון דעם קול-שופר, וואָס האָט זיך איצט נאָך יעדן שחרית דאַווענען געהערט, איז אויף די יידישע מענטשן פון שטעטל געקומען אַ חשבון-הנפשדיקע פאַרטראַכטקייט. דער יידישער מענטש האָט נישט נאָר געטראַכט וועגן אָנגרייטן זיך אויפן ווינטער האָלץ און קאַרטאָפל און אַ וואַרעם מלבוש. ער האָט אויך געטראַכט וועגן יענער-וועלט, וועגן אָנגרייטן זיך, וועגן פאַרזאָרגן זיך מיט אַ שטיקל עולם-הבא.

נאָר ביי ר׳ פישעלען איז נישט געווען קיין שום שינוי. דער פרעמדער ייד, דער שטן, וואָס האָט אים פאַרפירט, איז שוין לאַנג געהאַט נעלם געוואָרן. אָבער ר׳ פישעלע האָט זיך נאָך אַלץ געקייקלט אַראָפּ, גלייך אין שאול-תחתית אַריין.

אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אַז ר׳ פישעלע האָט זיך אָפּגעלאָזט פון לערנען און איז עוסק אין מסחר. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, קיינעם האָט גאָרנישט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז ר׳ פישעלע איז אַזש אַזוי ווייט אַוועק...

* * *

ס׳זענען אָנגעקומען די סליחות־טעג. דער שמש פון בית־המדרש האָט אין גרויען פאַרטאָג געקלאַפּט מיט אַ האָלצערנעם האַמער אין די לאָדנס פון די יידישע שטובן און גערופן מיט אַ צעצויגענעם האַרציקן ניגון: — יידעלעך! יידעלעך! שטייטס אויף! שטייטס אויף לעבודת הבורא! סליחות זוגן! סליחות זוגן!

ווען ר׳ פישעלע האָט דערהערט דעם רוף צו סליחות, איז אים באַפאַלן אַ ווילדער פחד. ער האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווער ער איז געווען און וואָס ס׳איז פון אים געוואָרן. די הויט אויפן לייב איז אים געריינצלט געוואָרן פון שרעק. די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אים אויפגעשטעלט און געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. מיט איין תנועה, מיט איין באַוועג האָט ר׳ פישעלע זיך אַרויסגעוואָרפן פון בעט. אין דער גיך האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך די מלבושים. ער איז געלאָפן אין מקווה אַריין. פון דאָרט אין בית־המדרש צו סליחות.

ער האָט געזאָגט סליחות. ער האָט אָנגעהויבן די ווערטער „לך ה׳ הצדקה ולנו בושת פנים" מיט אַזאַ צעבראָכנקייט, מיט אַזאַ האַרצרייסנדיק געוויין, אַז אַלע אין בית־המדרש, און אפילו די ווענט, האָבן מיט אים מיטגעוויינט.

נאָך די סליחות און נאָכן דאַווענען שחרית איז ר׳ פישעלע נישט געגאַנגען אַהיים, נאָר אַרויסגענומען אַ גמרא פון דער שאַנק און זיך געזעצט לערנען.

ר׳ פישעלע האָט געבעטן דעם משמש פון בית־המדרש ער זאָל צוגיין צו אים אַהיים און ברענגען עפּעס איבערצובייסן. אַ גאַנצן טאָג איז ר׳ פישעלע געבליבן זיצן אין בית־המדרש און

געלערנט. ער האָט נישט געוואָלט וויסן פון דער קראָם, פון מסחר, פון פאַרדינען, פון פרנסה, רק געזעסן אַזוי ווי אַמאָל, על התורה ועל העבודה.

אַלע מחשבות זרות, אַלע שלעכטע געדאַנקען האָבן ר' פישעלען אָפּגעלאָזט און אַוועק פון אים. אַלע מיאוסע גלוסטעונישן און תאוות זענען מיט אַ מאָל געוואָרן כלא היו, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געווען. זיין שלאָף איז געוואָרן רויִק און זיינע חלומות קלאָרע און ריינע. אין משך פון עטלעכע געציילטע טעג איז ר' פישעלע געוואָרן דער זעלבער, וואָס ער איז געווען אַ מאָל.

* * *

און ווען דער שטן האָט זיך דאָס מאָל אַוועקגעשטעלט פאַרן כיסא־הכבוד און דערלאַנגט דעם כביכול אַ צעטל פון די אַלע, וועלכע ער האָט אין משך פון יאָר אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר, איז אויפן ערשטן אָרט מיט גרויסע אותיות געשטאַנען אויפגעשריבן: ר' פישעלע.

ווען כביכול האָט אַ בליק געטאָן אויפן צעטל, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט מיט זיין הויכער קלינגענדיקער, גאָלדיקער שטימע. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום שטן:

— ר' פישעלע? ר' פישעלע איז היינט נאָך גרעסער ווי ער איז געווען אַמאָל. ר' פישעלע איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, און אַ בעל־תשובה איז זדונותיו נעשות לו כזכיות. ביי אַ בעל־תשובה ווערן אַפילו די עבירות, וועלכע ער איז באַגאַנגען במזיד פאַררעכנט ווי רעכטפאַרטיקע מעשים. טאָ ווער קאָן זיך גלייכן צו ר' פישעלען? מי לנו גדול מר' פישעלע? ווער איז שוין ביי אונדז גרעסער ווי ר' פישעלע?

דעם שטנס דרייעקיק, שאַרף פּנים איז געוואָרן פינצטער, ווי דאָס חשכות פון פאַר די ששת ימי המעשה. ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן דאַר און איינגעשרומפּן, ווי אַ דאָרן אין מדבר. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון זיין פאַרטרוקנטער קעל קיין איין

וואָרט. נאָר די גרינע אויגן זיינע האָבן געשפּריצט מיט שלעכט, פאַרצערנדיק פייער.

אַ רגע האָט געדויערט דעם שטנס שווייגן. באַלד איז ער אַרוים מיט אַ צאָרנדיק געשריי:

— אַזוי?! דוס איז אַ חסיד? אַזוי פירט זיך אויף אַ חסיד? אַ שקרן, אַ ליגנער איז דוס צדיקל, ר׳ פישעלע! אַזוי זענען זיי אַלע, די חסידים! קיין וואָרט איז קיין וואָרט נישט, קיין צוזוג איז קיין צוזוג נישט. שוין געהאַט אים אין דער האַנט. שוין אין גאַנצן געווען מיין, — און דו אַ בעל-תשובה גור! כזבניקעס, שקרניקעס זענען זיי, די חסידים!

כביכול האָט זיך צעשמייכלט און שטיל און רויק געזאָגט צום שטן אַזוי:

— נאָכווּס דאַרפסטו גיין צו די חסידים, ווּס האַלטן נישט קיין וואָרט, היינט זוגן זיי אַזוי און מאָרגן אַנדערש. די גיי בעסער צו די דאַטשן, זיי זענען פיינע מענטשן, וואָרטס-לייט. אויב די וועסט אימעצן פין זיי פאַנגען, מעגסטו זיין זיכער, אַז ער בלייבט שוין אָף שטענדיק דאַנער...

* * *

יאָרן לאַנג נאָך דער מעשה מיט ר׳ פישעלען, האָט דער שטן זיך נאָר געדרייט צווישן דאַטשן און מתנגדים. די חסידים האָט ער אין גאַנצן אָפּגעלאָזט, געגעבן זיי מנוחה.

ס׳איז דעמאָלט געקומען צו אַ גרויסער התעוררות אין דער חסידישער וועלט. דאָס חסידות האָט זיך וויִיט און ברייט צע־שפּרייט איבער פּאָדאָליע, וואָלין, גאַליציע, פּוילן, רייסן און ראַסעי.

די חסידישע שמחה איז אַריינגעדרונגען אין די יידישע שטיבער. זי האָט פאַרווישט די גרענעצן צווישן רייך און אָרעם, גרוים און קליין, צווישן לומדים און פשוטי-עם.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ פישעלען האָט די מעשה, דאָס געשעעניש מיט אים, דערציילט דער שטן אַליין, ווען ער איז אין

אַ פֿאַרנאַכט געזעסן אין קרעטשמע מיט אַ חברה פּראָסטע לייט, געטרונקען ספּירט און געשפּאָט פֿון ר׳ פּישעלען, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון די תענוגים פֿון עולם־הזה און צוריק געוואָרן אָפּגע־היטן און פֿרום.

דעם שטנס רייד האָבן אַנשטאָט אַרויסצורופֿן געלעכטער און שפּאָט ביי די פֿאַרגרעבטע לייט, גאָר אַרויסגערופֿן ביי זיי הרהורי תשובה. זיי האָבן גיך פֿאַרלאָזט די קרעטשמע און געגאַנגען אין בית־המדרש, געקושט דאָס פּרוכת, געקושט די סידורים און די תהילימלעך, וואָס זענען געלעגן אויף די לאַנגע בית־המדרש־טישן און מיט גרויס יראת־הכבוד זיך צוגעהערט צו די קולות פֿון די בני־תורה, וואָס זענען געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט.

זיי, די פֿאַרגרעבטע לייט, די בעלי־תשובה, זיי האָבן דאָס פֿאַרשפּרייט ר׳ פּישעלעס נאָמען איבער דער גאָרער וועלט.

פֿון דעמאָלט אָן און ביזקל היינטיקן טאָג איז אין יעדן איינציקן ייד אַ בעל־תשובה פֿאַראַן אַ ניצוץ פֿון ר׳ פּישעלעס נשמה...

ב

„ריבקי נאַ סאָבאָטע"

(פיש אויף שבת)

אויף דער מילע גאַס (אין וואַרשע), וועלכע יידן האָבן גערופן די „שמאָלע מילע", זענען אַלע הייזער געווען געמויערטע, גרויסע, פירשטאַקיקע. בלויז איין הייזל, נישט ווייט פון מוראַנאָוו, איז געווען קליין, שמאָל, נידעריק און אָרעם.

אין אַלע הייזער פון דער שמאָלער מילע האָבן געוווינט בלויז יידן, נאָר די סטרוזשעס (הויז-וועכטער) זענען געווען קריסטן. אין אַלע הייזער אויף דער שמאָלער מילע האָבן געוווינט סיי פאַרמעג-לעכע יידן, סיי אָרעמע לייט. נאָר אין קליינעם, שמאָלן הייזל האָבן געוווינט בלויז אָרעמע לייט. די גרעסטע אָרעמע לייט פון שמאָלע מילע.

אין דעם קליינעם הייזל האָבן געוווינט צום ווינציקסטן לאָקאַטאָרן פון אַלע הייזער פון שמאָלע מילע, אָבער לוויות זענען פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען צום אָפטסטן. אַלע מגיפות, וואָס זענען באַפאַלן די גאַס, האָבן אָנגעהויבן זייער וויסטן גאַנג פון דעם קליינעם, שמאָלן הייזל.

אַלע הייזער פון שמאָלע מילע האָבן געהערט צו יידן. די אַדמיניסטראַטאָרן און די זשאַנדצעס זענען דאָרט געווען יידן. בלויז דאָס קליינע, שמאָלע, אָרעמע הייזל האָט געהערט צו אַ קריסט. דער קריסט איז אויך געווען אַליין דער אַדמיניסטראַטאָר און אַליין דער מעלדונקאָווע-זשאַנדצע פון זיין קליין, אָרעם הייזל.

אין אַלע גרויסע הייזער אויף דער שמאָלע מילע, וועלכע האָבן געהערט צו יידישע ווירטסלייט, פלעגן טייל מאָל פאָרקומען עקסמיסיעס פון אָרעמע לאָקאַטאָרן. מען פלעגט די אָרעמע לאָקאַ-טאָרן, וואָס האָבן נישט געצאָלט קיין דירה-געלט, אַרויסוואַרפן פון די דירות. נאָר אין קליינעם הייזל איז קיין מאָל קיין עקסמיסיע

נישט פאַרגעקומען. יאָרן לאַנג האָבן דאָרט אָרעמע יידישע לאָקאַ־טאָרן געוווינט, נישט צאָלנדיק אין גאַנצן קיין דירה־געלט. דער ווירט האָט קיינעם פון זיי נישט אַרויסגעוואָרפן, אפילו אין סאָנד אַריין, אין געריכט אַריין, נישט איינגעגעבן.

* * *

דער קריסטלעכער ווירט פון קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע, מאַציעיאָווסקי, איז געווען אין די מיטעלע יאָרן. אַ הויכער, אַ ברייטביייניקער, מיט אַ גרין־געל איידל פּנים, גוט אויסגעראַזירט, נאָר מיט אַ פּאָר גרויסע, טונקל־ברוינע וואָנצעס. ווינטער האָט ער געטראָגן אַ לאַנגן טונקעלן סאַק־פּאַלטאָ פאַרקנעפּלט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט גרויסע ביינערנע קנעפּ. זומער־צייט האָט ער געטראָגן אַ פּאַלטן פון זעלבן שניט און קאָליר, נאָר פון אַ דינעם שטאָף. אויפן קאָפּ שטענדיק אַ ווייכן, שוואַרצן הוט מיט אַ ברייטער ראַנדאַ. ער האָט אויסגעזען אין גאַנצן ווי מאַקסים גאָרקי, אויפן בילד, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק.

מען האָט דערציילט, אַז אַ מאָל האָבן די לאָקאַטאָרן פון קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע יאָ געצאָלט זייער ווירט, מאַציע־יאָווסקין, דירה־געלט. נישט רעגולער, נישט אין גאַנצן, נישט אַזוי פיל וויפל ס'איז אים געקומען, אָבער דאָך פלעגט זיך יעדער לאָקאַטאָר פילן פאַרפליכטעט צו געבן אַ חלק פון דעם, וואָס איז אים געקומען. מאַכט זיך אָבער אַ מאָל אַ שווערער ווינטער, מיט גרויסע פרעסט, מיט אַ ווירטשאַפטלעכן קריזיס, אפילו פון די פאַרמעגלעכע לאָקאַ־טאָרן פון די גרויסע הייזער איז שווער געווען אַרויסצוקריגן דאָס דירה־געלט, ווער שמועסט נאָך פון אַזעלכע אָרעמע לייט, ווי פון דעם קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע.

דעמאָלט האָבן מאַציעיאָווסקיס לאָקאַטאָרן אויפגעהערט צאָלן דירה־געלט. סיי דער קריסטלעכער ווירט און סיי זיינע אָרעמע יידישע לאָקאַטאָרן האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער נייער לאַגע. זיי האָבן נישט געצאָלט און ער האָט נישט געמאָנט. טייל מאָל

פלעגט אים עמעצער פון די לאָקאַטאָרן געבן אַ פּאָר רובל, אָבער ווי נישט דערפאַר, ווייל ס'איז אים געקומען, נאָר אַזוי ווי פון רחמנות צו אים...

אַזוי זענען געגאַנגען יאָרן. דער קריסט פלעגט קומען רעגולער איין מאָל אין דער וואָך, יעדן מאָנטיק, אין זיין נחלה אויף שמאָלע מילע און אַוועקגיין מיט גאָרנישט, אָדער כמעט ווי מיט גאָרנישט. ער האָט זיך נישט געבייזערט, נישט געדראָט. פאַרקערט, אַרומגע־גאַנגען שטיל, באַקוקט זיין פאַרמעגן מיט אַ פילאָזאָפישן באַדויערנ־דיקן אויסדרוק פון הבל הבלים אויף זיין איידל פנים...

* * *

איין מאָל איז געשען, אַז דער ווירט מאַציעיאָווסקי איז פלוצעם אַראָפּגעקומען אין זיין אָרעם הייזל אַחוץ, ווי געוויינטלעך אין מאָנטיק, אויך אין אַ פרייטיק.

וואָס האָט דעם קריסט אַהין געבראַכט? צי איז זיין קומען געווען אַ צופאַל, אָדער עפּעס אַן אינערלעך קול האָט אים געהייסן אַהין גיין? צי איז ער גראָד אַדורכגעגאַנגען דורך דער גאַס און סתם דאָרט אַריינגעפאַלן, אָדער ער איז ספּעציעל געקומען? — דאָס בלייבט פאַרהוילן. נאָר איינס איז זיכער, אַז זינט ער איז געווען דער ווירט פון קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע, איז ער דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אַהין געקומען אין אַ פרייטיק.

ס'איז געווען אַ וואַרעמער, זומערדיקער טאָג. מאַציעיאָווסקי האָט זיך געדרייט פאַר די עטלעכע פינצטערע, אָביונותדיקע גע־וועלבלעך, וואָס זענען געווען אין זיין הייזל. ער האָט געקוקט אויפן קויש מיט די רויטע רעטעכלעך, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בענקל לעבן טיר פון אַ געוועלבל. ער האָט געזען ווי די געוועל־בעריין גיסט אָפּט וואַסער אויף די רעטעכלעך, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין איין פאַלן חלשות. ער האָט געקוקט אויפן בייכיקן באַלאָן סאָדע־וואַסער אַן אַרומגעלייגטן מיט אייז, ווי ביי אַ מסוכנדיקער קראַנק־הייט. ער האָט געזען דעם אומעטיקן „קאָרמעלקע־ייד", וואָס זיצט

ביי אַ טישל און פאַרקויפט אָרעמע חדר-ייִנגלעך אָפּפאַלעכץ פון פאַרשידן קאָלירטיקע קאַרמעלקעס פאַר אַ גראָשן אַ לויט.

מאַציעיאָווסקי האָט געקוקט אויף די קליינע, קופּערנע מטבעות, וואָס זיינע לאָקאַטאָרן, די געוועלבניקעס און געוועלבערינס האָבן געלייזט, אָן בייזקייט, אָן אַ שלעכטער כוונה. סתם געקוקט. דערנאָך איז ער פּאַמעלעך אַריין אין הויף, געגאַנגען מיט פאַרזיכטיקע טריט אויף די קיילעכדיקע שטיינער פון הויף, וואָס פון גיין אויף זיי האָבן די פּאַדעשוועס פון די פיס ווי געטאָן. ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן הויף און צוגעקומען צום הויז-אַריינגאַנג פון דער איינציקער דאָרט אַפּטייק.

אין איינער פון די סוטערינעס האָט געוווינט מלכה די רייפערקע. אַן עגונה מיט אַ גרויסן בויך און געשוואָלענע פיס אין גרויסע מענער-שיך. אין דער פּאַציאַטקע האָט געוווינט ר׳ זרח דער גלעזער. אָבער דער עיקר איז די אַפּטייק געווען באַוווינט פון פּושקעפּקעס, וואָס האָבן געהאַנדלט אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ מיט הערינג און מיט פּאַרלעגן, האַלב-קאָליעדיק אויבסט. לעבן הויז-איינגאַנג זענען אָפט געשטאַנען אָנגעשטעלט געגלייזטע שיסלען און געפלאָכטענע קוישן. פון די שיסלען האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער ריח פון הערינג-לוגער און אַרום די שיסלען איז געווען אָנגעשיט פול מיט געלע, טויטע הערינג-שיפּן. פון די געפלאָכטענע קוישן, וועלכע זענען געווען געדיכט באַזעצט מיט פליגן, איז געגאַנגען אַ זיס-זויערלעכער ריח פון פאַרפוילט אויבסט.

היינט, פריימיק, איז דאָרט געווען שטיל. די פּושקעפּקעס מיט זייערע גאַנצע משפחות האָבן זיך געפונען אויפן מוראַנאָווער-מאַרק. קיין הערינג-שיסלען און אויבסט-קוישן זענען אויך נישט געשטאַנען פאַרן הויז-איינגאַנג. נאָר צווישן די שפּאַלטן פון די קיילעכיקע שטיינער זענען געלעגן געלע, אויסגעוועפּטע הערינג-שיפּן, ווי פאַרדאַרט שאָלעכץ פון געזאָטענע אַרבעס.

פלוצעם האָט דער קריסט, אָנשטאָט די געוויינטלעכע דאָרט ריחות פון הערינג-לוגער און פוילנדיקן אויבסט, דערפילט אַ גאָר

אַנדערן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איינגאַנג אין די קעלער־שטובן. דער ריח האָט געמאַכט ביים קריסט פונאַנדערשפּרייטן די פליגלען פון זיין קורצער און צו דיקער נאָז, וואָס איז געווען אין ווידערשפּרוך צו זיין איידל פּנים. דער ריח, וועלכן דער קריסט האָט דערפילט, איז געווען אַ שאַרפער, אָבער זייער אַן אָנגענעמער, אַ וויטער, אָבער דאָך אַ באַקאַנטער, אַ ריח פון אַ פאַר אים פרעמדער, נישט־גויישער וועלט, אָבער צו וועלכן דווקא די גויים האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע שוואַכקייט און חשק...

דער קריסט האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. דערנאָך אָנגעהויבן גיין מיט די שטיגן, וואָס האָבן געפירט אַראָפּ, צו די קעלערשטובן. ער האָט שוין איצט געפילט אַלץ גענוי. דאָס איז געווען אַ געמיש פון ציבעלע, פעפער און ביטערע מאַנדלען, און איבער דעם אַלעם האָט געוועלטיקט דער הויפּט־ריח, וואָס צוליב אים און פאַר זיינעטוועגן זענען דאָס געווען די אַלע דערנעבנדיקע ריחות.

מאַציעיאָווסקי איז צוגעקומען צו דער טיר פון וואַנען עס איז געגאַנגען דער אָנגענעמער ריח. דער אַלע מאָל איידעלער קריסט, האָט דאָס מאָל געעפנט די טיר פון שטוב נישט אָנקלאַפּנדיק פריער. ער איז אַריין אין קעלער־שטוב אָן אַ „גוט־מאָרגן" און געבליבן שטיין ביז וואַנען זיינע אויגן האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער הערשנ־דיקער דאָרט טונקלקייט.

איבער דער קיך האָט געברענט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. אויף דער אונטערגעהייצטער קיך איז געשטאַנען אַ ראָנדעל פון מיטעלער גרייס באַדעקט מיט אַ שטערצל, פון אונטער וועלכן ס'האָט זיך אַרויסבאַקומען דער אָנגענעמער ריח. דערנעבן איז געשטאַנען מלכה, די רייפערקע, מיט אַ געל, פאַרקרענקט, אָנגעדראָלן פּנים.

מאַציעיאָווסקי איז, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, צוגע־גאַנגען צו דער קיך, אַראָפּגענומען דאָס ברענענדיקע לעמפּל פון טשוואָק, געהאַלטן עס אין דער רעכטער האַנט און זיך צוגעלויכטן, און מיט דער לינקער אַראָפּגענומען דאָס שטערצל פונעם ראָנדעל.

ביים קריסטש האָט זיך אָפּגעהאַקט דער אָטעם. ער איז געבליבן שטיין איבערגעבויגן איבערן ראַנדעל מיטן לעמפּל אין האַנט אין גאַנצן אַ צעטרייסלטער, ווי איבער אַ וווּנדערלעכער אַנטדעקונג. דערנאָך האָט ער שטיל און פּאַמעלעך, אָבער קלאָר און שאַרף, געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— ריב-קי נאַ סאָ-באָ-טע (פיש אויף שבת).

ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסגלייכן. געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצושטעלן דאָס לעמפּל פון דער האַנט. אָבער זיך ווידער איבערגעבויגן איבערן ראַנדעל, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. ער האָט לאַנג געקוקט אויף די שטיקלעך פיש, וואָס האָבן זיך געטרייסלט אין דער זידנדיקער פיש-יויך און אַרויסגעזאָגט מיט אַ באַשטעטיקנדיקן טאָן:

— טאַק, ריבקי נאַ סאָבאָטע (יאָ, פיש אויף שבת).

מאַציעיאָווסקי האָט זיך מיט איין מאָל געגעבן אַ גלייך אויס. ער איז געבליבן שטיין אין זיין גאַנצער גוויישער הייך און ברייט איבער דער קליינער, דערשראָקענער יידענע. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזאַ שטוינונג, ווי ער וואָלט פּלוצעם דערבליקט אויף איר פאַרוויאַנעטן גערינצלטן האַלדז אַ קאָליע מיט בריליאַנטן. מיט אַ מאָל האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ לייבן-שטימע, ווענדנדיק זיך צו דער יידענע אויף „דו״:

— צאָ? טי בענדזשיעש גאָטאָוואַלאַ ריבקי נאַ סאָבאָטע, אַ מניע ניע בענדזשיעש פּלאַטשיטש קאָמאָרנעגאָ?!! (וואָס? דו וועסט קאָכן פיש אויף שבת און מיר וועסטו נישט צאָלן קיין דירה-געלט?!!).

אַ דערציטערטע איז די יידענע געבליבן אַנטקעגן דעם קריסטס כעס. זי האָט געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן. אָבער מאַציעיאָווסקי איז שוין נישט געווען. ער האָט האַסטיק אַ שטעל אַרויס געטאָן דאָס לעמפּל פון דער האַנט און גענומען לויפן איבער די שטיגן פון קעלער-שטוב אַרויס.

ווען די יידענע, מלכה די רייפערקע, איז אַ ביסל געקומען

צו זיך, האָט זי פאַררוקט די פּיערקע, אַוועקגערוקט דעם ראַנדעל מיט די פיש אין אַ זייט, אָנגעטאָן אויף די געשוואָלענע פיס אַ פּאָר גרויסע מענער־שיך און אַרויס אין הויף אַריין.

אין טויער, לעבן דעם סטרוזשס שטיבל, איז געזעסן דער ווירט מאַציעיאָווסקי ביי אַ טישל, ביי וועלכן ער פלעגט געוויינטלעך פירן די מעלדונקאָווע־ביכער, און מיט אַ פאַרביסענער גיכקייט געשריבן עפּעס אויף אַ ווייס, לאַנג פּאַפּיר.

די יידענע האָט נישט געוווּסט וואָס דער קריסט שרייבט, נאָר פון דעם לאַנגן ווייסן פּאַפּיר איז איר געוואָרן שוואַרץ פאַר די אויגן. זי האָט באַלד אין אים אַרויסגעלייענט דעם פינצטערן גזר־דין פאַר זיך.

מלכה איז פאַמעלעך, מיט גרויס דרך־ארץ, צוגעגאַנגען צום טישל, ביי וועלכן ס'איז געזעסן מאַציעיאָווסקי און געשריבן אין לאַנגן פּאַפּיר. זי האָט זיך איינגעבויגן, אויף וויפל איר גרויסער בויך האָט דאָס איר דערלויבט, צונויפגעלייגט די פינגער און פאַרבראָכן די הענט. זי האָט אָנגעהויבן שטיל און מיט געבעט:

— געערטער פּאַניע מאַציעיאָווסקי, איידעלער מענטש, גוטער מענטש, גערעכטיקער, טאַטע אונדזערער, פאַרוואָס האָט זיך אייער גאַנצער צאָרן אויסגעלאָזט אויף מיר, דער אָרעמער, פאַרלאָזענער פון מאַן, וואָס איך דאַרף דערנערן פיר שוועלבעלעך מיט מיין אָרעמער פּראַצע? מיט וואָס האָב איך זיך דאָס אַזוי פאַרזינדיקט פאַר אייך, מענטש טייערער? כ'האָב געקויפט פאַר פיר קאָפּיקעס אַ פונט סטינקעס, אַריינגעלייגט דערין אַ פערטל ברויט און ציבעלע און געמאַכט אַ ביסל פיש־קוילן, אַז די אָרעמע קינדער זאָלן זיך דערכאַפּן זייערע פאַרשמאַכטע הערצלעך. טאָ וואָס איז מיין זינד אַזוי גרויס?

— וואָס? ! דו ווע̇סט קאָכן פיש אויף שבת און מיר וועסטו נישט צאָלן קיין דירה־געלט! דו אומפאַרשעמטע! און דו וואַגסט נאָך צו מיר קומען בעטן רחמנות! ווי די הינט וועל איך אייך אַרויסוואַרפן! אָן רחמנות אַרויסוואַרפן!!!

דער גוי האָט זיך אַ ריס אויף געטאָן פון זיין אָרט נעבן טישל און געשטאַנען איבער מלכהן, ווי אַ תליון איבער זיין קרבן.

נישט מאַציעיאָווסקיס ווערטער, נאָר די רציחה, וועלכע מלכה האָט דערבליקט אין זיינע אויגן, האָט איר קלאָר געמאַכט, אַז אַ גרויסע צרה איז מיט אַ מאָל אויף איר געקומען, אַז אַן אומפאַר־מיידלעך אומגליק ציט אויף איר אָן. זי האָט פאַרוואָרפן דעם צעפּאַטלטן קאָפּ אין אַ זייט און אַרויסגעלאָזט אַ שניידנדיקן קוויטש, ווי ביים אַרויסטראָגן אַ מת פון שטוב.

אויף מלכהס מאָראַליש געשריי זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן פון הויף און אפילו פון דער גאַס. מלכה האָט געחלשט. מען האָט געגאָסן אויף איר וואַסער. דער צוזאַמענגעלאָפענער עולם האָט נישט געוווּסט, וואָס איז דאָ געשען. זיי האָבן נאָר געהערט ווי מאַציעיאָווסקי, אַ דערצערנטער, האַלט אין איין איבערחזרן: — ריבקי נאַ סאַבאָטע, ריבקי נאַ סאַבאָטע...

ווען מלכה איז געקומען צו זיך און דערציילט וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט די פיש, איז שוין מאַציעיאָווסקי נישט געווען. בלויז דער סטרוזש האָט זיך גערדרייט אין טויער מעשה באַלעבאָס, געמאַכט זיך זייער וויכטיק און געפּאַכעט מיטן לאַנגן, ווייסן פאַפיר, אַז אַלע זאָלן זען...

* * *

דעם פרייטיק האָט דער סטרוזש פון קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע נישט באַדאָרפן גיין איבער די יידישע שטובן און געוועלבער נאָך „פיאָנטקאָווע", נאָך פרייטיק־געלט. דאָס מאָל האָבן די אָרעמע לאָקאַטאָרן געבראַכט אים די „פיאָנטקאָווע" אין שטוב אריין, און דערצו מיט אַן עודף. ווער מיט אַן איבעריקע קאָפּיקע און ווער מיט צוויי קאָפּיקעס. דערביי האָט יעדער פון די לאָקאַטאָרן געבעטן דעם סטרוזש ער זאָל דאָס פאַפיר, וואָס דער ווירט האָט אים געגעבן, נישט אַוועקטראָגן אין געריכט אריין באַלד שבת, נאָר צוּוואַרטן ביז מאָנטיק, ביז פאַן מאַציעיאָווסקי וועט קומען און מען

וועט נאָך מיט אים איבעררעדן. דערבײַ האָבן אַלע אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז דער אײדעלער פֿאַן מאַציעיאָווסקי וועט נישט אײַנגעבן אין געריכט אַרײַן אַזאַ אָרעמע, פֿאַרפֿינצטערטע עגונה, ווי מלכה.

דער סטרוזש האָט באַוויליקט צו נעמען די „פּיאַנטקאָווע" מיטן עודף און אַלע צוגעזאָגט נישט אַוועקצוטראָגן דאָס פּאַפּיר אין געריכט אַרײַן ביז מאָנטיק.

אָבער שבת, באַלד אין דער פֿרי, האָט מען געזען דעם סטרוזש אָנגעטאָן אין זײַן אָפֿיציעלן סטרוזשאָווסקע טראַכט: אין אַ גראַנאַטענער סאַטינענער בלוזע, אין אַ פּאָר גראַנאַטענע לײַוונטענע הויזן, אין אַן אַריבערגעוואָרפֿן איבער די אָרעמס ווײַס פֿאַרטעך און אין אַ היטל מיט אַ מעשענער בלעך איבערן לאַקירטן דאַשעק. אויף דער בלעך איז געווען אויסגעקלאַפּט דאָס וואָרט „דוואָרניק", דער נאָמען פֿון דער גאַס און דער נומער, און דער היפּאָטעטשנער נומער פֿון דעם הויז, אין וועלכן דער סטרוזש איז געווען באַשעפֿטיקט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ דיקן שטעקן, דער סימבאָל פֿון זײַן סטרוזשאָווסקער מאַכט, און אין דער צווייטער — צוויי גרויסע, שוואַרצע טאָוולען פֿון אַ בוך, צווישן וועלכע ס'איז געלעגן אויסגעלייגט גלייך און שטײַף דאָס ווײַסע, לאַנגע פּאַפּיר, אין וועלכן דער ווירט מאַציעיאָווסקי פֿאָדערט רעכט איבער זײַן לאָקאַטאָרין, מלכה זויערוויין, דער רײַפֿערקע.

מלכה האָט פֿון פֿענצטערל פֿון איר קעלערשטוב דערזען דעם סטרוזשס גוט אויסגעפּוצטע שטיוול אויף די הויכע, גוייִשע אָפּצאַסן. ס'האָט איר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. זי האָט פֿאַרוואָרפֿן אויף זיך אַ טיכל און מיט די שטיגן אַרויס פֿאַר דער טיר פֿון הויז־אײַנגאַנג. ס'האָט איר פֿון דער ווײַטנס אַ מיניע געטאָן אין די אויגן די בלאַנקענדיקע מעשענע בלעך אויפֿן סטרוזשס היטל. דערנאָך איז איר בליק געפֿאַלן אויף די שוואַרצע טאָוולען אין זײַן האַנט. זי האָט באַלד אַלץ באַנומען...

מלכה האָט באַקומען אַזעלכע קראַמפּן, אַז מען האָט זי גע-

מוזט אַראָפּטראָגן און לייגן אין בעט אַריין. אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג איז זי געלעגן אַרומגעלייגט מיט הייסע פלעשער וואַסער אַרום דעם גרויסן בויך און מיט קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן צעהיצטן קאָפּ. אַרום איר בעט זענען געשטאַנען אירע פיר קינדער און געוויינט פון שרעק און בהלה. די שכנטעס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום מלכהן און געיאָגט די קינדער פון שטוב אַרויס. זיי האָבן געפּרוּווט מלכהן צו טרייסטן. זיי האָבן צו איר גערעדט:

— מלכהשי, האָבן זי ניש קאַ מורא. נעמען זי זאָך נישט אַזוי צים הארץ. דע קריסט האָט נאָך קיינעם קאַ שלעכטס ניש גיטין, וועט ער אין אוודאי ניש טין. דע קריסט האָט דאָך אינגאַנצן קאַ גאַל ניש.

— מענטשן טייערע! טיץ עפּעס! טיץ עפּעס! — האָט זיך מלכה געריסן די נאַסע שמאַטע פון קאָפּ — ווּוס רעט עץ, מענטשן! עץ האָט נישט גיזעען דעם קריסטס רוצחישע אויגן, ווייסט עץ גוניש!!! ווען כ׳מאָך נישט דעים כאַליש וואָלט עיאַ מיך דער־הרגעט. מענטשן! יאָך זעי שוין ווי עיאַ וואַרפט מאָך אַראָס מיט מאַנע פיאַ לעבעדיקע יתומים!!! מענטשן, טיץ עפּעס! טיץ עפּעס! —

— מלכהשי, ווּוס רעדן זי פאַרא נאַרישקייטן. דע קריסט ריערט דאָך נישט קאַ פליג אויף דע וואַנט. האָבן זי דען ניש גיזעין מיט ווּוספאַראַ אושאַנאַוואַניע עיע זוגט דע עשטע ר׳ מרדכין סופר דעם „דזיען דאַברי״ דעם גיט מאָרגן? אין ר׳ זרחן דעם גלעיזער? אין ווּעימען ניש? עיע האָט אין נאָר אונגעסטראַשעט, מלכהשי. זעבן זעיען. עיע וועט אין אַפילו ניש אָנגעיבן אין סאָנד אַראָן. עיע האָט נאָר געמאַכט אַזאַ אונשטעל.

— מענטשן, מענטשן... יאָך ווייס אַז קיינאַ צולט ניש קאַ דירה־געלט. אָבאַ מיאָך וועט עיאַ אַראָסוואַרפן מיט די קינדאַ אָף די גאַס אַראָס... אַזאַ פינצטאַ מזל האָב יאָך שוין... אַזאַ ווייסט מזל האָב יאָך גיהאַט צי מאַ מאַן... אין אַזאַ פינצטאַ מזל האָב יאָך צו דעים קריסט... דע טאַוול האָט מאָך אָנגיטראָגן צי קויפן פיש אָף

שבת. נאָ פיש האָט אַך גיפעילט... פרעסאָם!... אָכלאַפּעם!... — האָט זיך מלכה צעשריגן אויף די דערשראָקענע קינדער — אַלע וואַסערן האָבן באַדאָרפן אָסגעטריקנט ווערן... אַלע פיש פאַרפאָלט ווערן... איידאָ אַזאַ אימגליק! אין וווספאַראַ פיש זענען דום, מישטיינס־געזוגט... אַ פינט שטינקעם פאַר אַ פּוּאָ קאָפּיקעם... מענטשן טייערע, דע גאָ איז משוגע געוואָרן ווען עיאָ האָט דערזעיען די פיש... עפּעם אַ ווּיסטאָ ריעה איז אין עים אַראַ... מענטשן, האָטם רחמנות! דע גאָ וועט מאָך חלילה ברענגען פון די וועלט!

אַ שכנטע, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, וואָס האָט זיך געלערנט אויף אַקושערקע, איז אַריינגעקומען אין קעלער־שטוב. זי איז דאָרט געשטאַנען עטלעכע מינוט און הערנדיק מלכהס קלאָגרייד האָט זי זיך אָנגערופן:

— מלכה, זייען זי ניש קאַ היסטעריטשקע.

פון דעם פרעמדן וואָרט האָט אַ שטילקייט באַהערשט די קעלערשטוב. פון דעם פרעמדן וואָרט האָט זיך מלכה דערזען אַ פאַרפאַלענע. זי איז געבליבן ליגן מיט אַ פּאָר אַרויסגעגלאָצטע אויגן, ווי זי וואָלט פלוצעם דערבליקט דעם מלאך־המות. ביסלעכווייז זענען איר די אויגן צוריק אַריין אין זיך, געוואָרן פלאַטשיק און מוטנע, און נאָר צוויי שוואַרצע האַלבע רעדער האָבן אָנגעצייכנט די גרענעץ צווישן זיי און דעם געלן פּנים.

די שכנטעס האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעשאַרט. מלכהס קעלערשטוב האָט זיך אָנגעפילט מיט טונקלקייט ביז אין סאַמע סופית אַרויף. מלכה איז געלעגן אין בעט מיט צוגעמאַכטע אויגן און זיך געלאָזט טראָגן פון שוואַרצע כוואַליעס אין אַ פינצטערער נאַכט. אַרום בעט זענען געלעגן אָנגעשפּאַרט מיט די קעפּ אירע פיר קינדער, וואָס זענען מידע פון אויסטערלישקייט געשלאָפן ווי אין הינער פלעט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מלכה נישט צוגעטאָן קיין אויג. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז שווער קראַנק. די דאָקטוירים האָבן איר געזאָגט, אַז זי מוז האָבן אַן אָפּעראַציע. האָט זי געהאַט אָנגעגרייט עטלעכע

רובל, אַז ווען זי וועט אַוועק אין שפּיטאָל, זאָל זי האָבן וואָס איבער־צולאָזן ביי אַ שכנטע און זי בעטן אַכטונג געבן אויף די קינדער, זיי זאָלן נישט אַרומגיין הונגעריקע. איצט, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, נאָך לאַנגע ראַנגלענישן מיט זיך, האָט מלכה באַשלאָסן די פּאָר רובל אַוועקצוגעבן מאַציעיאָווסקין פאַר דירה־געלט, אַז די קינדער זאָלן נישט בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

* * *

מאָנטיק, באַלד אין דער פרי, ווי נאָר דער ווירט מאַציעיאָווסקי האָט זיך באַוויזן אויפן הויף פון זיין הייזל, האָט מלכה די רייפערקע זיך פאַרראָכטן דאָס קאָפּ־טיכל, פאַרוואָרפן אַ דערע אויף די אַקסלען, אַרויפגעצויגן אַ פּאָר גרויסע מענער־שיך אויף די געשוואָלענע פיס, אַרויסגענומען פון בוזעם עפּעס אַ פאַרוויקלטע זאַך אין אַ נאָזטיכל און עס געהאַלטן אין האַנט. זי האָט זיך געלאָזט גיין צום טויער, וווּ ס׳איז געשטאַנען מאַציעיאָווסקי און גערעדט מיטן סטרוזש.

ווען זי איז צוגעקומען צום טויער, האָט זי זיך דריי מאָל פאַרנייגט פאַרן ווירט און געזאָגט הויך מיט אַ געמאַכטער פריי־לעכקייט:

— פּאַניע גאָספּאָדאַזשו, כ׳האָב געבראַכט דירה־געלט. — זי האָט אָנגעהויבן פונאַנדערבינדן די קניפּן פון דעם נאָזטיכל.

מאַציעיאָווסקי האָט אַ קרומען בליק געטאָן אויף דעם ביסל זילבער־געלט אין אויפגעבונדענעם טיכל און זיך געפרעגט מיט געבייזער:

— וויפל געלט האָסטו דאָרט?

— זיבן רובל! פאַר אַ גאַנצן חודש דירה־געלט! — האָט מלכה אויסגעשריגן פון גרויס איבערגענומענקייט.

— וואָס?! דו וועסט קאָכן פיש אויף שבת און מיר וועסטו, נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּוווינען בחינם, געבן פאַר אַ חודש דירה־געלט? דו אומפאַרשעמטע! איך וועל דיך אומברחמנותדיק אַרויס־וואַרפן פון דער דירה!

ביי מלכהן איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. זי האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל, אָבער קיין קול האָט זיך פון דאָרט נישט אַרויסבאַקומען. זי איז צוגעפאַלן צו אַ וואַנט אין טויער און געבליבן שטיין פאַרשטאַרט, ווי טויט. איבער איר האָט מאַציע־יאָווסקי געדונערט מיט כעס: — ריבקי נאַ סאָבאָטע! ריבקי נאַ סאָבאָטע!

* * *

אויף די לאָקאַטאָרן פון קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע איז געפאַלן אַ פּחד פון דעם, וואָס דער ביז איצט איידעלער קריסט, האָט מיט אַ מאָל אַרויסגעוויזן אַזאַ אומפאַרשטענדלעך פאַר זיי אַכזריות צו דער אָרעמער, פאַרפּינצטערטער מלכה. אָבער נאָך מער האָבן זיי זיך דערשראָקן פון דעם, וואָס מלכה האָט דעם ווירט אָנגעבאָטן געלט. די לאָקאַטאָרן פון דעם קליינעם, אָרעמען הייזל אויף שמאָלע מילע זענען געווען זיכער, אַז פון איצט אָן וועט מאַ־ציעיאָווסקי מיט דער זעלבער אַכזריות פאָדערן ביי זיי דאָס דירה־געלט, ווי ער פאָדערט עס פון מלכהן.

אָבער מאַציעיאָווסקי האָט ביי קיינעם פון זיי קיין דירה־געלט נישט געמאָנט, פּונקט ווי ער האָט דאָס נישט געטאָן ביז איצט. די מורא פון די שכנים, אַז דאָס, וואָס מלכה האָט געוואָלט געבן דעם ווירט געלט, וועט אים אָנפירן אויפן געדאַנק, אַז אויב די אָרעמע מלכה גיט געלט, ווען מען פאַרקלאָגט זי אין געריכט, וועלן די אַנדערע לאָקאַטאָרן אַוודאי געבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. מאַציעיאָווסקי איז געווען, פּונקט אַזוי ווי ביז איצט, העפלעך צו זיינע אָרעמע לאָקאַטאָרן. ווידער דער ערשטער גע־זאָגט ר' מרדכין „דזיען דאָברי", און גענומען מיט דער זעלבער, ווי ביז איצט, דאַנקבאַרקייט די פּאָר רובל פון די, וואָס האָבן אים באַוויליקט זיי צו געבן...

מלכה האָט געקלאָגט און געוויינט וואָס דער פינצטערער גורל האָט זיך גראָד אָנגעזעצט אויף איר און אויף אירע קינדער

זיי אומצוברענגען. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט ערגער און שולדיקער פון אַלע אַנדערע לאָקאַטאָרן פון דעם הויף און האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער גוטער צו אַלע קריסט איז גראָד צו איר פאַרביסן שלעכט. אָבער געפילט האָט זי, אַז עפּעס איז געשען מיט איר אַן אומגליק. די שכנטעס האָבן זי ווידער באַרויִקט. מיט איר איינגעטענהט:

— מלכהשי, זעבן זעיען. אויב דער קריסט טשעפּעט נישט קיינעם פין אינדז, וועט עיער אין אוודאי ניש טשעפּען. איי ער האָט ניש געוואָלט פין אין נעמען פאַר אַ חודש דירה־געלט? איז נאָר אַ סימן פין זאַן גרויס איידלקייט... דער קריסט ווייסט, אַז זי האָבן ניש... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי גייען אים אוועקגעבן דעם לעצטן גראָשן, האָט ער ניש געוואָלט נעמען... איי ער האָט געשריגן, אַז ער וועט אין אַראָסוואַרפן, אָף דעם איז ער דאָך אַ גאָ... ער האָט זעך עפּעס אַראַנגעניִמען אין זיין גויִישן קאָפּ אַראַן... ס׳וועט עים איבערגיין... קאַ שלעכטס וועט עיער אין חלילה נישט טיען...

מלכה האָט זיך נישט לייכט געלאָזט איינגעמען פון די שכנטעס. דער אינסטינקט פון אַ געשלאָגענעם פון גורל מענטש האָט איר אונטערגעזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש... אָבער קיין דאגות האָבן נישט געפעלט. די קינדער האָבן געוואָלט ברויט. פון וואַנען צו נעמען האָט זי נישט געהאַט. קראַנק איז זי געווען. דערווייל זענען די טעג געגאַנגען. פון די טעג זענען געוואָרן וואָכן. דער קריסט־לעכער ווירט איז ווידער, ווי זיין שטייגער איז געווען, געקומען יעדן מאָנטיק אין זיין אָרעם הייזל. נישט געמאָנט קיין דירה־געלט און נישט דערמאָנט דעם פאַל מיט מלכהן. די געמיטער האָבן זיך איינגעשטילט.

אָבער גערעכט איז געווען מלכה. אין מאַציעיאָוּוסקיס פאַנטאַזיע זענען די „ריבקי נאַ סאַבאָטע״ אויסגעוואָקסן צו אַ סימבאָל פון עפּעס אַ פאַרבאָרגן יידיש פאַרמעג... אין דעם ראַנדעל מיט פישקוילן ביי מלכהן די רייפערקע אין דער אביונישער קעלערשטוב, האָט דער קריסט געזען עפּעס פון דער יידישער „חוצפה״, וואָס

דערלויבט זיי מבטל זיין, זיך נישט רעכענען מיט דער גוייִשער וועלט...

אין איינעם אַ טאָג איז צו מלכהן אין קעלערשטוב באַלד אין דער פרי אַראָפּגעקומען אַ קריסט אין אַ שוואַרצן מונדיר מיט גרינע וויפּוסטקעס ביי די קלאַפּעס פון דער מאַרינאַרקע און ביי די נעט פון די הויזן. מיטן קריסט איז מיטגעקומען דער סטרוזש. דער קריסט האָט אַרויסגענומען פון אַ טעקע אַ פּעקל פּאַפּירן און געהייסן מלכהן זיך אונטערשרייבן.

מלכה האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב. זי האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. זי האָט עטלעכע מאָל אויף פאַרשידענע פּאַפּירן אָוועקגעלייגט מיט אַ שווערער האַנט צו דריי רעדעלעך, און יעדעס מאָל אָפּגעזיפצט ווי נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג. דער קריסט מיטן סטרוזש זענען אַוועקגעגאַנגען און מלכה איז געבליבן שטיין מיט די פּאַפּירן אין דער האַנט אין גאַנצן אַ צעמישטע.

ווען זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, איז איר איינגעפאַלן, אַז דאָס זענען זיכער פּאַפּירן, וואָס דער מאַן האָט איר געשיקט. שוין פיר יאָר זינט ער איז פון איר און פון די קינדער אַוועק, און זי האָט פון אים קיין וואָרט נישט געהערט. אפשר זענען דאָס פּאַפּירן אויף אָפּצונעמען שיפס־קאַרטן... און אפשר איז דאָס אַ שלעכטע ידיעה פון אים...

מלכה האָט דריי מאָל אויסגעשפיגן: — ס'זאָל מיר אָסגיין צו מאַנע שונאימס קעפּ, צו זייערע הענט און פיס, צו זייער לאַב און לעבן. זי האָט פאַרוואָרפן אויף זיך די דערע און אַרויס צום „קאַרמעלקע־ייד", וואָס האָט גערעדט ליטוויש און געקענט לייענען רוסיש.

דער „קאַרמעלקע־ייד" האָט פון די פּאַפּירן אַרויסגעלייענט גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט אַרויסגעלייענט, אַז דעם און דעם טאָג, ניין אַ זייגער פרי, וועט פאָרקומען אין געריכט דער משפּט פון דעם ווירט סטעפאַן מאַציעיאָווסקי, אַנטקעגן דער לאָקאַטאָרין,

מלכה זויערוויין, וועגן אַרויסבאַקומען אויף איר אַן עקסמיסיע (דאָס רעכט אַרויסצוּוואַרפן זי פון דער דירה).

מלכה האָט איינגעלייגט וועלטן. אירע קולות האָבן אויפגעצי־טערט דעם הויף און אַ האַלבע שמאָלע מילע. מען האָט זי קוים אָפּגעהאַלטן זי זאָל זיך נישט אָנטאָן קיין מעשה. אַ גאַנצן טאָג האָבן די שכנטעס זי געהאַלטן אויפן אויג. אַלע מאָל איז געקומען אַן אַנדערע שכנטע זי היטן. זיי האָבן זיך געטוישט ווי סאָלדאַטן אויף דער וואַך.

דער „קאַרמעלקע־ייד”, וואָס האָט זיך אויסגעקאָנט אויף געריכטן, האָט מלכהן געגעבן אַן עצה, אַז זי זאָל זיך נישט שטעלן צו דעם פּראָצעס. ווייל, אויב מען שטעלט זיך נישט, גיט נישט דאָס געריכט אַרויס אונטער די אויגן אַן אורטייל באַלד אַרויסצוּוואַרפן, האָט ער אַ סך מאָל איבערגעחזרט זיין עצה פאַר דער צום טויט פאַרמאַטערטער מלכהן.

מלכה האָט זיך טאַקע נישט געשטעלט אין געריכט. אָבער בסך־הכל עטלעכע טעג נאָך דעם פּראָצעס, ווען קיינער האָט זיך נאָך אויף גאָרנישט געריכט, איז אין הויף אַראָפּגעקומען דער קאָ־מאָרניק מיט אַ סטאַיקאָווע און מיט עטלעכע סטרוזשעס און גע־נומען אַרויסוואַרפן מלכהס ביסל אָרעמקייט פון קעלער אויפן הויף אַרויס.

צו דער ערשטער עקסמיסיע אין דעם קליינעם הייזל איז אויך ספּעציעל אַראָפּגעקומען דער ווירט, מאַציעיאָווסקי. מיט אַ ווילדער הנאה האָט ער זיך צוגעקוקט ווי עס וואַקסט אויפן שטיינערנעם הויף דאָס בערגל מיט מלכהס אָרעמקייט. דער קריסט איז געשטאַנען לעבן די אַרויסגעוואָרפענע זאַכן און עפּעס גענישטערט מיט די אויגן. מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט צווישן די זאַכן אַ ראָנדעל פון בלוי געפעס. ער האָט מיטן גוט באַשוכטן פוס אַ קאָפּע געטאָן דעם ראָנדעל מיט אַזאַ כוח, אַז דער ראָנדעל איז אַריינגעפאַלן גלייך אין רינשטאָק.

דאָס איז געווען דער ראַנדעל, אין וועלכן מלכה האָט געקאָכט די פיש אויף שבת.

ווען מלכה האָט דערזען וואָס דער קריסט האָט געטאָן, האָט זי מיט אַ הווילער, פון ערגעץ ווו טיף אַרויסבאַקומענער שטימע, אַרויסגעלאָזט אַ פאַרוויייטיקט געשריי. דער קריסט האָט געברומט פון כעס: — ריבקי נאַ סאַבאַטע, ריבקי נאַ סאַבאַטע...

שכנים האָבן אַריינגענומען צו זיך מלכהס קינדער. מלכה אַליין איז ביי טאָג און ביי נאַכט געלעגן אויפן הויף און געהיטן דאָס ביסל זאַכן. נאָך עטלעכע טעג האָט מען צונויפגענומען אויף דער שמאָלער מילע אַ ביסל געלט און געפונען פאַר מלכהן אַ שטיקל קעלער-שטובל אויף אַסטראָווסקע גאַס.

מלכהס קעלערשטוב אין קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע איז לאַנג געשטאַנען ליידיק און פאַרחתמעט. כאָטש דער ווירט, מאַציעיאָווסקי, האָט קיינעם נישט געטשעפּעט און ווייטער נישט גע־מאָנט קיין דירה-געלט, האָבן אָבער אַלע לאָקאַטאָרן פון דאָרט געלעבט אין כסדרדיקער שרעק.

פיש אויף שבת האָבן די ווייבער פון קליינעם הייזל געקאָכט פון דעמאָלט אָן ביי באַקאַנטע פון די דערנעבנדיקע הייזער, אָדער דאַנערשטיק אין מיטן נאַכט. זיי האָבן באַהאַלטן די אָפּגעקאָכטע פיש און אויף גיך געעפנט די פענצטער, אַז זייער שבתדיקער ריח זאָל שנעל אויסוועפן. מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַריינטאָן אין זיי ביטערע מאַנדל-טראָפּנס, מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שאַרף זיי צו פעפערן. אַלץ פון דער מורא, אַז די קריסטלעכע נאָז זאָל נישט דערפילן דעם ריח פון די יידישע פיש אויף שבת.

די פיש האָט מען שבת געגעסן בחפזונדיק, אַזוי ווי אַ מאָל בעת יציאת מצרים דעם קרבן פּסח. מען האָט זיי נישט געלאָזט שטיין, ווי אַ מאָל, פאַרגליווערטע אויפן טיש און דערוויילי געזונגען דעם „אַזמר בשבחין”, צי דעם „אסדר לסעודתא”. איצט, ווי נאָר מען האָט זיי דערלאַנגט צום טיש, האָט מען זיי שנעל געקייט און גיך געשלונגען, אָן דער מינדסטער שבתדיקער בנעימותדיקייט.

די שבתדיקע פּיש האָבן מיט אַ מאָל פאַרלוירן זייער גאַנצן ביז איצטיקן טעם. די מאַנצבילן זענען געווען צוליב דעם אין כעס אויף זייערע ווייבער, כאָטש זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז נישט זייערע ווייבער זענען אין דעם שולדיק.

אין קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע איז, זינט מען האָט אַרויסגעוואָרפן מלכה די רייפּערקע פון דעם קעלער, צעשטערט געוואָרן נישט איין שלום בית. מען האָט שוין דאָרט נישט געפילט דעם עונג שבת, אַזוי ווי די נשמה יתרה וואָלט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעטאָן פון די אָרעמע לאָקאַטאָרן פון קליינעם הייזל...

„סימביאָזע"

כאַטש די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן, אַז צוליב דעם ייִנגערן קינד דאַרף מען דורכויס צירלען אַוועקגעבן אין אַן אַנשטאַלט פאַר נישט־אַנטוויקלטע קינדער, האָט די פרוי עפּשטיין דאָס בשום אופן נישט געקאָנט ביי זיך פועלן. איר מאַן האָט זיך אין דעם פאַל נישט אַרויסגעזאָגט, נישט פאַר און נישט קעגן. די פרוי עפּשטיין האָט גענומען אויף זיך אַליין אַלע שוועריקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט האַלטן אַזאַ קינד אין דער היים, אַבי נישט דערלאָזן דערצו אַז זי זאָל זי דאַרפן אַוועקגעבן אין פרעמדע הענט.

אין דער פרי, נאָך דעם ווי דאָס ייִנגערע קינד, אַ ייִנגעלע, איז אַוועק אין דער שולע און דער מאַן אין געשעפט אַריין, איז די מוטער אַריינגעגאַנגען צו צירלען אין צימער, זי אויפגעוועקט און אויסגעבאָדן, איינזייפנדיק איר לייב מיט גוטן שמעקעוודיקן זייף, זי אויסגעקעמט און אָנגעטאָן.

צירל איז אַלט געווען בערך אַ יאָר צען. ווי אויף איר עלטער איז זי געווען גענוג הויך, אָבער ברייט און פעט. זי האָט געהאַט דיקע, קיילעכדיקע הענט מיט טיפע גריבעלעך ביי די עלנבויגנס. די קורצע פינגער פון אירע הענט האָבן געהאַט פעטע קישעלעך צווישן די געלענקען, ווי ביי זיך עלטערנדיקע, פעטלייביקע פרויען. אויף איר זייער קורצן האַלדז איז געווען פעסט פאַרזעצט אַ גרויסער קאָפּ. דער שטערן אַ שמאָלער, דאָס פּנים אַ ברייטס מיט שטאַרק אָנזעעוודיקע קינבאַקן. אַ האַרטע, בולטע גאָמבע, ווי אַ גרויסער קנאָפּ איבערגעצויגן מיט הויט. אַ קליין מויל און גאָר אַ קליין נעזל,

וואָס זענען געווען אין גאַנצן נישט־פּראָפּאָרציאָנעל צו איר ברייט פּנים.

האָר האָט זי געהאַט העל־געלע, ווי דער קאָליר פון יונגע, דינע מייערן. די האָר זענען געווען שיטערע און אין גאַנצן גלאַטיקע. זיי זענען געווען געשווירן ביז צום נאַקן, פאַרגאַנגען אויפן פּנים און פאַרדעקט אירע גרויסע, אָפּשטייענדיקע אויערן.

אירע אויגן זענען געווען קליינע און שמאָלע. גרויע, נאָר די ווייסלען געלבלעך. די אויגן האָבן שטענדיק געשמייכלט, אפילו ווען דאָס פּנים איז געווען טרויעריק. זיי האָבן געשמייכלט ווי פון זעלבסטצופרידנקייט, ווי פון גרויס הנאה פון זיך.

צירל איז געווען שטאַרק צוריקגעשטאַנען אין שכל. זי האָט געקאָנט רעדן. איר רעדן איז באַשטאַנען אין אויסדריקן אירע פאַר־לאַנגען. אָבער די פאַרלאַנגען אירע זענען געווען זייער באַגרענעצטע. דער עיקר האָבן זיי זיך באַצויגן אויף עסן.

לייענען און שרייבן האָט זי זיך בשום אופן נישט געקאָנט אויסלערנען. אפילו קיין אות האָט זי נישט געקענט. זי האָט נישט געוווּסט צו ענטפערן אויף דער פראַגע: וויפל איז איינס און איינס. אָבער ווען מען פלעגט זי אַ מאָל, ווען די דינסט און די מוטער זענען געווען שטאַרק באַשעפטיקט, אַראָפּשיקן אין געוועלבל אַריין עפּעס קויפן פאַר געלט, האָט זי שטענדיק געבראַכט ריכטיק אַ רעשט. ווען דער געוועלבער, וואָס האָט געוווּסט אַז זי איז אַן אָפּגעשטאַנענע, האָט צוליב שפּאַס געפּרוווּט זי אָפּנאַרן ביים געבן אַ רעשט, האָט זי זיך נישט געלאָזט.

די עפּשטיינס, צירלס עלטערן, זענען געווען זייער פאַרמעג־לעכע מענטשן. פאַרנומען אַ גרויסע דירה אין איינעם פון די דע־מאָלט ניי־אויפגעבויטע הייזער אויף נאַוואָליפּיע, אין וואַרשע. דער פאָטער, לעאָן עפּשטיין, האָט געפירט אַ גרויס געשעפט פון לעדער־קאָנפעקציע אויף די נאַלעווקעס.

זייער צווייט קינד, אַן אַכט יאָריק יינגעלע, העניאָ, איז געווען זייער אַ געראָטנס. ער איז געגאַנגען אין אַ שולע. געווען שיין און

זיך זייער גוט געלערנט. ער איז געווען שמאָל און הירעוודיק. געהאַט שוואַרצע, קלוגע און אומרויִקע אויגן, אַ טונקל פּנימל, שוואַרצע, געדיכטע האָר, פאַרקעמטע מיט אַ שרינט.

צוליב דעם וואָס די מוטער האָט נישט געוואָלט איר אָפּגע־שטאַנען קינד אוועקגעבן אין אַן אַנשטאַלט, האָט זי די אָרדענונג אין שטוב אַזוי איינגעשטעלט, אַז די צוויי קינדער אירע זאָלן זיך וואָס ווייניקער צונויפטרעפן.

נאָך איידער דאָס יינגעלע איז צוריקגעקומען פון דער שול, האָט זי צירלען געגעבן אָפּצועסן מיטאָג. די מוטער האָט זי אוועק־געזעצט ביים טיש, פאַרלייגט איר אַרום האַלדז אַ סערוועטל, ווי גאָר קליינע קינדער אַ „שליניאַק".

דאָס דינסט־מיידל האָט געגרייט פאַר איר צום טיש און דערלאַנגט דאָס מיטאָג. די מוטער איז געזעסן לעבן צירלען און אכטונג געגעבן, אַז זי זאָל נישט כאַפּן די הייסע זופּ און זיך נישט אָפּבריִען, אַז זי זאָל נישט עסן צו שנעל, אַז זי זאָל נישט אָננעמען קיין פולע לעפל זופּ און זיך נישט באַגיסן דאָס קליידל. נאָכן אָפּעסן די זופּ האָט איר די מוטער צעשניטן דאָס פלייש און איר געהייסן עסן מיט אַ גאָפּל. אָבער וויפל די מוטער האָט איר נישט געקלאַפּט איבער די הענט, האָט זי אַנדערש נישט געוואָלט עסן דאָס צעשני־טענע פלייש ווי נאָר מיט אַ לעפל. ווען זי האָט געהאַט אָפּגעגעסן דעם קאָמפּאָט האָט איר די מוטער אָרומגעוואַשן דאָס פּנים און זיך געמאַכט גרייט מיט איר אַרויסצוגיין פון שטוב.

ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, ווען זיי זענען שוין געשטאַנען נאָענט ביי דער טיר, האָט זיך צירל אָנגערופן: — מאַמעליו, כ'וויל אַ שאָקאָלאַדקע! אָן אַ טשעקאָלאַדקע האָט זי נישט געוואָלט גיין. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט יעדן טאָג.

* * *

העניאַ האָט געגעסן מיטאָג צוזאַמען מיטן פאָטער. זיי זענען געזעסן ביים טיש ווי צוויי דערוואַקסענע מאַנצבילן און דאָס דינסט־מיידל האָט זיי באַדינט.

דער פֿאָטער פֿלעגט זיצן ביים טיש אַ שווייגנדיקער, אַ פֿאַר־טראַכטער. דאָס יינגעלע דאַקעגן איז געווען אויפֿגעלעבט, באַריידעוו־דיק. ער האָט געוואָלט דעם פֿאָטער פֿאַראינטערעסירן מיט זיך, אַרויספֿירן אים פֿון זיין געדריקטקייט. ער פֿלעגט אים אויספֿרעגן וועגן די געשעפֿטן. צי מען לייזט אַ סך, צי ער פֿאַרדינט אַ סך. דער פֿאָטער פֿלעגט ענטפֿערן מיט געציילטע ווערטער, נאָר געשמייכלט און געגלעט מיט ליבשאַפֿט דאָס צאַרטע פּנימל פֿון זיין קלוג יינגעלע.

יעדן נאָכמיטאָג פֿלעגט צו העניען קומען אַ פֿאַננע, אַ דער־ציערין. זי איז מיט אים געזעסן אין זיין צימער ביז ער האָט געענ־דיקט מאַכן זיינע שול־אויפֿגאַבעס. דערנאָך פֿלעגט זי מיט אים גיין שפּאַצירן, טייל מאָל אים צופֿירן צו זיינס אַ חבר אָדער חברטע. אַ מאָל גיין אויף אַ פֿילם פֿאַר קינדער. צוריקקומענדיק האָבן זיי צוזאַמען געגעסן נאַכט־מאָל און די דערציערין האָט געוואַרט ביז העניאַ האָט זיך געלייגט שלאָפֿן.

אויף די שבתים און ימים־טובים פֿלעגט אים די דערציערין אַ מאָל נעמען צו זיך אַהיים. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער אַרויס־פֿאָרן מיטן פֿאָטער אין אַ פּענסיאָנאַט, אַ מאָל, ווידער, האָט מען אים געשיקט צו אַ קרוב, אָדער צו אַ נאָענטן באַקאַנטן. אויף די זומער־און ווינטער־פֿעריען פֿלעגט מען העניאַ שטענדיק אַרויסשיקן אין אַ קינדער־פּענסיאָנאַט, קיין מיעדזעשין, אָדער שווידער.

די פֿרוי עפּשטיין האָט צו איר יינגעלע אין גאַנצן קיין צייט נישט געהאַט. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען פֿאַרנומען מיט צירלען. אַחוץ דעם וואָס זי פֿלעגט זי יעדן טאָג באָדן, האָט זי צירלען עטלעכע מאָל אין טאָג איבערגעטאָן. זי האָט פֿאַר איר אָפֿט געלאָזט נייען פֿרישע קליידלעך ביי אַ גוטער קינדער־שניידערקע. זי פֿלעגט איר איינפֿלעכטן אין די שיטערע האָר זיידענע קאָקאַרדעס, אַז די האָר זאָלן אויסזען מער, געדיכטער. זי פֿלעגט זי היטן מיטן עסן און גיין מיט איר צוויי מאָל אין טאָג שפּאַצירן.

אָממיינסטן האָט די מוטער צוגעהיטן, אַז צירל זאָל זיך נישט פֿאַראומרייניקן. דאָך פֿלעגט טרעפֿן, אַז זי האָט ביי נאַכט באַנעצט

דאָס בעט. ווען די מוטער איז אין דער פרי צו איר אַריינגעקומען זי אויפוועקן, ווען זי האָט אַראָפּגענומען פון צירלען די קאָלדרע און באַמערקט אַז דאָס בעט איז נאַס, האָט זי פון בעזעם, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אויפן קיך-באַלקאָן, אַרויסגעצויגן עטלעכע ריטלעך, פאַרשאַרצט דאָס נאַסע העמד און געשמיסן מיט די ריטלעך אויף צירלס גאָל לייב.

צירל איז געלעגן און קיין ריר זיך נישט געטאָן. זי האָט געקרעכצט ווי אַ זקן אין מרחץ. און ווער ווייסט, צי האָט זי געקרעכצט פון ווייטאָק צי גאָר פון הנאה.

ווען די מוטער האָט געזען, אַז צירלס לייב איז שוין רויט, האָט זי אויפגעהערט שמייסן. צירל האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעגליכן, אָנגעקוקט די מוטער מיט די צעשמייכלטע אייגעלעך און זיך אָנגערופן: — מאַמעליו, כ׳וויל אַ שאָקאָלאַדקע!

* * *

העניאַ האָט גוט געוווּסט, אַז זיין שוועסטער צירל איז נישט ווי אַנדערע מיידלעך. ער האָט געהאַט חברטעס אין דער שולע, ער האָט זיך געשפּילט אין פּענסיאָנאַט מיט מיידלעך און גוט געזען דעם חילוק צווישן זיי. אָבער ער האָט קיין מאָל נישט געפרעגט נישט דעם פאָטער, נישט דער מוטער, פאַרוואָס עס איז אַזוי.

ער האָט אָבער געטראָגן אין זיך אַ פאַרבאָרגענע טענה צו דער מוטער, פאַרוואָס זי פאַרנעמט זיך אין גאַנצן נישט מיט אים. צוליב דער זעלבער סיבה איז ער געווען פול מיט שנאה צו זיין שוועסטער צירל.

פלעגט טרעפן, דער עיקר אין די ווינטער-נעכט, אַז ס׳האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם שלאָף-צימער און העניאַ, אין העמד און באָרוועס, האָט זיך אַריינגעשאַרט און צוגעגאַנגען צו דער מוטערס בעט, מיט אַ שטיל געוויין זי אויפגעוועקט און דערציילט, אַז אַ שלעכטער חלום לאָזט אים נישט שלאָפן, ער האָט מורא. די מוטער פלעגט רחמנות האָבן אויפן קינד וואָס האָט אין גאַנצן

געציטערט און אים אַריינגענומען צו זיך אין בעט. ער האָט זיך צו־געטוליעט צו איר און אין דער אותה רגע איינגעשלאָפן.

ווען העניאַ איז געווען אין אַ פּענסיאָנאַט און די מוטער איז אים געקומען באַזוכן, פּלעגט ער צו איר צופאַלן מיט זיין גאַנצער אויסגעבענקטקייט נאָך איר. ער פלעגט זי נישט אָפּלאָזן אויף קיין רגע, פאַרהאַלטן זיך גאַר ווי אַ קליין קינד. ער פלעגט די מוטער קושן און האַלדזן און איר נישט לאָזן רעדן קיין וואָרט מיט אַ זייטיקן מענטש.

איין מאָל, ווען זי האָט זיך שוין געגרייט מיט אים געזעגענען און אַוועקפאָרן, איז העניאַ, דאָס מאָל מער ווי שטענדיק צו איר צוגעשטאַנען מיט געבעט און מיט געוויין, אַז זי זאָל נאָך מיט אים בלייבן. דעמאָלט האָט זיך די מוטער אָנגערופן: — קינד מיינס, כ׳וואָלט גערן מיט דיר געבליבן, נאָר איך קאָן נישט איבערלאָזן צירלען אַזוי לאַנג אויף הפקר.

ער איז געוואָרן רויט און ווילד פון כעס: — מאַמע, צוליב דעם טינופת ווילסטו מיך פאַרלאָזן?!

די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיך שטאַרק צע־וויינט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. שפּע־טער האָט ער זיך מיט איר צערטלעך געזעגנט און איר געלאָזט אָן שום טענות אַוועקפאָרן.

ווי די עלטערן האָבן נישט געהיטן, אַז צירל מיט העניאַ זאָלן זיך נישט צונויפטרעפן, פלעגט פאָרט געשען, אַז זיי האָבן זיך אומ־געריכט, פלוצעם באַגעגנט. ווען דאָס יינגעלע האָט דערזען זיין שוועסטער, דאָס פּעטע נפש, וואָס האָט זיך ווי געקייקלט אויף אירע דיקע פיס, ווען ער האָט דערזען איר ברייט פּנים, אירע שיטערע געלע האָר אויפן גרויסן קאָפּ און די קליינע שמייכלענדיקע צו אים אייגעלעך, פלעגט אים באַהערשן אַ ווילדע שנאה צו איר, ער פלעגט שרייען: אידיאָטקע! און שפּייען אויף איר.

דעמאָלט האָט זיך צירל אַוועקגעשטעלט און אָנגעקוקט איר ברודערל מיט אירע צעשמייכלטע, שמאָלע אייגעלעך. ס׳איז אין

איר שמייכל געווען אַזוי פיל פאַרווירטער האָס, אין איר צודרינג-לעכן בליק אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז אויף אַלע וואָס זענען גראָד דער-ביי געווען פלעגט אָנפאַלן אַ ווילדער פחד. אַלע זענען געווען זיכער, אַז אָט-אָט און צירל וועט זיך אַ וואַרף טאָן אויף איר ברודערל און אים דורסן. עמעצער פון די שטוב-מענטשן פלעגט זיך צורוקן צום יינגעלע בכדי אים באַשיצן, בכדי אין מאָמענט פון געפאַר אים אַרויסראַטעווען פון צירלס הענט. אָבער מיט אַ מאָל האָט צירל אַוועקגענומען איר בליק פון איר ברודערל, אים געוואָנדן צו דער מוטער און זיך אָנגערופן: — מאַמעליו, כ'וויל אַ שאָקאָלאַדקע!

* * *

די גרעסטע שוועריקייטן און זאָרגן האָט די פרוי עפּשטיין געהאַט מיט צירלען צוליב די דינסטן.

ס'איז ביי די עפּשטיינס געווען אַ גרויסע דירה, מיט מעבלען, מיט דיוואַנעס, מיט קרישטאָלן, זילבער און פאָרצעליי. צו רוימען אַזאַ דירה און פוצן די אַלע זאַכן האָט מען באַדאַרפן האָבן אַ פאַר-אַנטוואָרטלעכן מענטש, נישט סתם אַ דינסט-מיידל. אויך צוליב דעם, וואָס די פרוי עפּשטיין איז געווען כסדר באַשעפטיקט מיט צירלען, האָט זי געמוזט האַלטן אַ ספּעציעלן מענטש צום קאָכן.

אַזוי לאַנג ווי צירל איז געווען אַ יונג קינד, האָבן די דינסטן רחמנות געהאַט אויף איר. איר אומבאַהאָלפנקייט און אַפילו איר אומגעלומפּערטקייט האָבן געוועקט צו זיך זייערע גוטע געפילן, געפילן פון מיטלייד, פון צער. די דינסטן האָבן צירלען אָפט געלאָזט זיין אין קיך און די קעכין פלעגט איר טייל מאָל אונטערררוקן עפּעס צו עסן אָן דער מוטערס וויסן.

אָבער ווען צירל איז אַלט געוואָרן אַ יאָר ניין-צען, ווען זי איז אַזוי אויסגעוואַקסן, האָט איר אויסזען און פאַרהאַלטן זיך, שטאָט רחמנות געוועקט ביי די דינסטן ווידערווילן און חוזק. זיי פלעגן יאָגן צירלען פון דער קיך. געהאַט אַ ספּעציעל פאַרגעניגן צו טשעפּען איר, דערגיין איר די יאָרן, דערצערנען. זיי פלעגן אויף איר שרייען:

נאַר, בהמה! זי גערופן פּישערין! זיי האָבן דאָס געטאָן אַפילו ווען די באַלעבאָסטע איז געווען אין דער היים.

וואָס מער די דינסטן און קעכינס האָבן צירלען געיאָגט פון דער קיך, אַלץ מער און אַלץ עפּטער האָט זיך צירל דאָרט אַהין געריסן. נישט זעלטן האָט די דינסט, צי די קעכין זיך דערלויבט צו געבן צירלען אַ קלאַפּ.

די פרוי עפּשטיין האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ס'האָט איר דאָס מוראדיק וויי געטאָן. פלעגט קומען צו קריגערייען צווישן דער באַלעבאָסטע מיט די דינסטן און קעכינס. נישט איין מאָל האָט נאָך אַזאַ מחלוקה די קעכין געכאַפּט איר קוישל, געהייסן זיך באַצאָלן און אַוועקגעגאַנגען.

מיט דער צייט האָט די פרוי עפּשטיין רעזיגנירט פון האַלטן קעכינס. זי איז אַליין געשטאַנען ביי דער קיך און געקאָכט. זי פלעגט צושטעלן דאָס מיטאָג באַלד אין דער פרי, ווען צירל איז נאָך גע-שלאָפן, און ווען זי פלעגט מיט צירלען אַרויסגיין שפּאַצירן איז שוין דאָס מיטאָג געווען פאַרטיק. אָבער אַפילו מיט די בלויזע דינסטן איז אויך אָפט געקומען צו קריגערייען צוליב צירלען.

ביי די עפּשטיינס האָבן זיך אָנגעהויבן די דינסטן אָפט צו טוישן. מלכה די רייפערקע, די עגונה מיטן גרויסן בויך און געשוואָ-לענע פיס אין גרויסע מענער-שיך, וואָס האָט געוווינט אין קליינעם הייזל אויף שמאָלע מילע, איז געוואָרן ביי די עפּשטיינס אַ גאַנצע איינגייערין.

נאָך אַ צייט, ווען עטלעכע דינסטן האָבן זיך שוין געהאַט געטוישט, ווען די פרוי עפּשטיין איז שוין געווען מיד פון האָבן מיט זיי צו טאָן, האָט זי געזאָגט צו מלכהן דער רייפערקע, אַז זי זאָל איר ברענגען אַ מיידל פון דער פּראָווינץ, זאָל זיין נישט קיין גרויסע טוערקע, אַבי אַ שטילע, נישט קיין פּיסקאַטע ווי די מיידלעך, וואָס דינען שוין לאַנג אין וואַרשע.

דעמאָלט איז צו די עפּשטיינס אָנגעקומען פאַר אַ דינסט-מיידל — קיילע.

* * *

ווען מלכה די רייפערקע האָט געבראַכט צו פירן קיילען צו די עפּשטיינס, האָט קיילע, נאָכן אַרומקוקן זיך איבער די שטובן מיט אַלע מעבלען, מיט די שענק און קרעדענצן, און מיט די אַלע זאַכן וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, נישט געוואָלט דאָרט אָננעמען די שטעלע.

— כ׳וועל נישט קענען באַראַמען פיר שטיבן מיט אַ קעך. ס׳איז איבער מאַנע כוחות. ס׳איז נישט פּאַ מיער, האָט זי געזאָגט מיט שרעק.

קיילע איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי פון פופצן. זי איז געווען פון מיטעלן וווקס, נאָר זייער דאַר. געהאַט שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן און גאָר דינע הענט און פיס. זי איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געווען אין וואַרשע.

די פרוי עפּשטיין האָט געזען אַז קיילע איז אַ שוואַכע. איר איז אָבער געפעלן געוואָרן וואָס קיילע רעדט אַזוי שטיל און איידל. אויך דאָס, וואָס זי איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין וואַרשע און איז דאָ אַ פרעמדע, איז געווען אַ גרויסע מעלה. האָט זי דעריבער שטאַרק צוגערעדט קיילען, אַז זי זאָל בלייבן ביי איר אויף דער שטעלע.

די פרוי עפּשטיין האָט צו איר געזאָגט: — האָב נישט קאַ מורא. וועסט באַ מיר נישט אַרבעטן שווער. איך אַליין קאָך אין ראָם. צי די שווערע אַרבעטן, צי פראָטערירן פּאָדלאָגעס, אויסציקלאָפּן די דיוואַנעס, פּיצן די פענצטער, נעם איך דעם סטרוזש. וועסט באַ מיר נישט דאַרפן וואַשן קאַ וועש, אַפילו נישט קאַ קליינע, אַפילו נישט מאַכן קאַ „פשעפּיערקע". איך זיך נישט קאַ מענטש צי דער אַרבעט, כ׳זיך אַ מענטש פּאַר די שטיב. אַזאַ שטיב ווי מאַנע קען נישט זאַן און אַ סטאַלן מענטש. אָף צי אַרבעטן האָב איך אַנדערע מענטשן, נישט דיך.

מלכה די רייפערקע האָט אויך צוגערעדט קיילען צו בלייבן: — ווּוס האָסטי מורא, מע וועט דעך פאַרקויפן קאַ אַרגענ־טינע? וועסט נישט וועלן, וועסטי אַוועקגיין. ווּוס אי, ווּוס האָסטי מורא?

די פרוי עפּשטיין האָט דער רייפערקע און קיילען מכבד געווען מיט טיי און קוכן. קיילען איז די באַלעבאָסטע געפעלן געוואָרן — און זי איז געבליבן.

פון דעסטוועגן, כאָטש ס'איז געווען אַזוי ווי די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט, איז די שטעלע פאַר קיילען געווען אַ צו שווערע. זי האָט נישט געקאָנט זען ווי די מאַדאַם נעמט די באַרשט צו קערן, צי אַ שמאַטע אָפּצוווישן דאָס מעבל. ווען די מאַדאַם פלעגט זיך נעמען עפּעס טאָן האָט איר קיילע עס אַרויסגענומען פון די הענט. איצט זענען אויך פאַרגעקומען קריגערייען צווישן דער באַלעבאָסטע און דער דינסט, נאָר גאַר אַנדערע ווי אַ מאָל. די באַלעבאָסטע האָט געוואָלט אַרבעטן און קיילע האָט איר נישט געלאָזט. אויך די מעבלען און די אַזוי פיל זאַכן וואָס זענען געווען אין שטוב, אַפילו די מענטשן וואָס פלעגן קומען מאַכן די גרעסערע אַרבעטן, האָבן אַרויפגעלייגט אויף קיילען אַ שווערקייט, אַן עול, אַזאַ וואָס האָט פאַרצערט אַ טייל פון אירע שוואַכע כוחות.

אויב קיילע איז פאַרט געבליבן אויף דער שטעלע, איז עס נישט געווען צוליב דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט זי אַזוי גוט באַ־האַנדלט, צוגעזען איר מיטן עסן, אויפגענייט איר עטלעכע קלייד־לעך און נישט געלאָזט טאָן קיין שווערע אַרבעטן, אויב קיילע איז געבליבן איז עס נאָר געווען צוליב צירלען.

* * *

ווען צירל איז דאָס ערשטע מאָל, נאָך דעם ווי קיילע איז ביי זיי געבליבן אויף דער שטעלע, אַריינגעקומען אין דער קיך אַריין און געקוקט אויף דעם נייעם דינסט־מיידל מיט אירע צעשמייכלטע אייגעלעך, איז דאָס קיילען זייער געפעלן געוואָרן.

קײלע איז געװען דאָס עלטסטע קינד פֿון זײער אַן אָרעמער שטוב. זי האָט קײן מאָל נישט געגעסן צו דער זעט. זי איז געװױנט געװען צו טײלן זיך מיט איר אַ יעדן ביסן מיט די יינגערע קינדער.

זײט זי איז אַלט געװאָרן פֿערצן יאָר, פֿלעגט זיך קײלע זומער אײנדינגען פֿאַר אַ דינסט. לעבן איר שטעטל איז געװען אַ זומער־װױנונג, האַלב־דאָרף, האַלב־דאַטשע, װוּ ס׳פֿלעגן קומען פֿון װאַרשע נישט קײן פֿאַרמעגלעכע משפּחות־לעטניקעס. בײ אַזאַ מש־פּחה פֿלעגט קײלע נעמען אַ שטעלע.

זי איז געװען געװױנט צו די צעלאָזענע, חוצפּהדיקע קינדער פֿון די לעטניקעס, װאָס אין װאַרשע האָבן זײ קײן דינסטן נישט געהאַלטן, נאָר דאָ, אױף דער דאַטשע האָבן זײ פֿאַר קלײן געלט זיך געמאַכט באַקװעם און צוגענומען אַ יונג דינסט־מײדל פֿון דעם נאָענטן שטעטל.

די קינדער פֿון די לעטניקעס װאָס אין װאַרשע, אױף זײערע הײף, האָבן זײ זיך געפּילט נישטיק און װי פֿאַרשעמט לגבי די רײכע קינדער, װאָס האָבן געװױנט אין די גרױסע פֿראָנט־דירות, און מען האָט געהאַלטן צו זײ דינסטן און באָנעס, האָבן זיך אָפּגענומען בײ די אָרעמע דינסט־מײדלעך װאָס האָבן זומער בײ זײ געדינט. קײלען האָבן זײ גערופֿן „קײלע־שמײלע”, די גאָר העזהדיקע האָבן זי גערופֿן „נאַכט־קײלע”. זײ האָבן איר געװיזן די צונג, געמאַכט איר פֿאָנפֿערס, אָפּגעטאָן פֿאַרשידענע שפּיצלעך. נישט אײן מאָל האָט קײלע געװײנט, פֿאַרשאָלטן אירע יונגע יאָרן צוליב די צע־װילדעװעטע קינדער.

װען קײלע האָט דערזען צירלען, האָט זי נישט באַמערקט איר פֿעט, קלעצלדיק לײב, נאָר דאָס פֿרישע, העלע קלײדל װאָס זי טראָגט; זי האָט נישט באַמערקט די שיטערע, פֿון מײערן־קאָליר האָר, נאָר די שײנע קאָקאַרדעס װאָס זענען אין די האָר אַרײנגע־פֿלאָכטן; אין אירע צעשמײכלטע אױגן האָט זי נישט געזען קײן נאַ־רישקײט, נאָר גוטסקײט.

װען צירל האָט זיך אַװעקגעזעצט אין קיך אױפֿן שפּיץ פֿון

בענקל און כסדר געשמייכלט, האָט זיך קיילע אָנגענומען מיט מוט און זי געפרעגט: — ווי הייסטו די פריילין?

צירל איז אויסגעבראָכן מיט אַ ווילד געלעכטער און אַרויס פון דער קיך. אָבער קיילע האָט זיך נישט געפילט פון איר געלעכטער געטראָפן. זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ זביטקע, פאַר אַ גוטמוטיקע שפּיל פון אַ רייך קינד. אין אַ מינוט אַרום איז צירל ווידער אַריינגעקומען אין קיך אַ צעשמייכלטע און ווידער אַרויסגעלאָפן מיט אַ געלעכטער, און ווידער אַריינגעקומען. קיילע איז נישט געווען אין כעס. פאַרקערט, זי האָט מיט צירלען מיטגעלאַכט.

צירל האָט אָנגעהויבן וואָס אָפטער אַריינצוקומען אין דער קיך אַריין. זי האָט גיך אַרויסגעפילט קיילעס גוטסקייט צו איר. זי האָט געזען אַז זי איז אַזוי אַנדערש פון די דינסט־מיידלעך וואָס זענען ביז איצט ביי זיי געווען. יענע פלעגן זי טרייבן פון דער קיך און רופן מיט מיאוסע צונעמען, נישט אַזוי ווי מיט העניאַ, וועלכן זיי פלעגן צערטלען, אַ גלעט טאָן איבערן קעפּל, אויב ער האָט זיך נאָר געלאָזט.

אַנדערש קיילע. זי האָט גאָר ליב געהאַט ווען צירל איז געווען נאָענט פון איר. זי האָט געקוקט אויף אירע דיקע הענט מיט די טיפע גריבעלעך ביי די עלנבויגנס און געזען דערין אַ סימן פון ווױלשטאַנד, פון אויסגעפּיעשטשעטקייט און געווען זייער צופרידן, ס'איז איר געווען גוט, ווען צירל פלעגט זיצן מיט איר אין קיך.

דאַקעגן פאַר צירלס ברודערל, פאַר העניאַ, פאַר דעם יינגעלע מיט די שיינע, טונקעלע אויגן, מיט דעם טונקעלן פּנימל, האָט קיילע מורא געהאַט. עפּעס האָט ער איר אויסגעזען צו זיין צו קלוג פאַר איר. זי האָט מורא געהאַט ער זאָל פון איר נישט חוזק מאַכן, נישט אָפּטאָן קיין שפּיצלעך און זי פלעגט אים, ווי נאָר זי האָט געקאָנט, אויסמיידן.

מיט דער צייט האָט קיילע דאָך באַמערקט, אַז צירל איז נישט אין גאַנצן ווי אַנדערע קינדער אין איר עלטער. זי האָט געזען, אַז צירל גייט נישט אין קיין שולע אַריין. אָבער דאָס אַליין האָט

אויף קיילען נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. מילא, האָט זי זיך געטראַכט, אַ רייך קינד קאָן זיך אויף אַלעם פּאַזוואָליען, אַפילו נישט צו גיין אין אַ שולע, זיך נישט צו לערנען. מען דאַרף נישט זיין געלערנט און קלוג, מען דאַרף נאָר האָבן מזל. האָט קיילען אונטער־געזאָגט איר שׂכל, דער שׂכל פון אַן אָרעמאַן. און דווקא דאָס, וואָס קיילע האָט, ווי צירל, נישט געקענט נישט לייענען און נישט שרייבן, האָט זי דערנענטערט צו זיך, געמאַכט היימישער, אייגענער.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז קיילע איז אַריינגעקומען אין צירלס צימער און דערזען ווי צירל ליגט מיט אַ פאַרשאַרצט העמד און די מוטער שמייסט זי מיט ריטלעך אויפן גאָלן לייב. קיילע האָט זיך צעוויינט, און צירלס מוטער האָט אויף איר אָנגע־שריגן און זי געהייסן גיך אַרויסגיין פון דער שטוב.

שפּעטער האָט די פרוי עפּשטיין געגעבן קיילען צו פאַר־שטיין, אַז מען קאָן נישט דערלויבן דערויף אַז אַזאַ מיידל זאָל נאָס מאַכן דאָס בעט, אַז מען מוז זי דערפאַר באַשטראָפן זי זאָל זיך אָפּ־געוויינען דערפון.

אָבער קיילע האָט אויף קיין אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם וואָס זי האָט געזען.

— מאַדאַם, מאַדאַם, ווּוס איז? אַ ראַך קינד, אַ קינד גע־כאַוועט אין ווילטוג קאָן זעך פאַלן באַ נאַכט אַרופציגיין פון בעט. באַנעצט עס זעך אין בעט, איז ווּוס אי? ס'איז חלילה אַן אימגליק?

די באַלעבאָסטע האָט זי אָנגעקוקט אַ פאַרווּנדערטע. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, ניין, קיילע, ס'איז נישט אַזוי ווי די מיינסט.

אָבער מער האָט זי מיט איר וועגן דעם נישט גערעדט.

כאָטש קיילע האָט נישט געוואַשן קיין וועש, און אַפילו נישט געמאַכט קיין קליינע־וועש, אַ פשעפּיערקע, אָבער ווען ס'האָט זיך געטראָפן אַז צירל האָט נאָס געמאַכט דאָס בעט, פלעגט קיילע גיך אַרויסכאַפּן דאָס נאַסע ליילעך, עס איבערוואַשן און שפּעטער

עס אַליין אויספּרעסן. זי האָט דאָס געטאָן מיט איבערגעגעבנקייט, מיט ליבע.

* * *

ווייל די עפּשטיינס האָבן נישט געוואָלט איבערלאָזן צירלען אַליין אין שטוב אויפן בּאַראַט פון די דינסטן, פלעגן זיי אָפט פאַר־בעטן געסט צו זיך, דער עיקר ווינטער־צייט, ווען מענטשן האָבן גערן געהאַט אין די אָוונטן זיך צונויפצוקומען און געמיטלעך פאַר־ברענגען עטלעכע שעה אין שפּילן אין קאָרטן, אין אָקאָ, אין טערטל־מערטל, אָדער אין פּאָקער.

ביי די עפּשטיינס פלעגט מען דעמאָלט אין סאַלאָן אָנצינדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן, מען האָט צוגעגרייט שיינעם כּיבוד און אוועקגעלייגט אויפן טיש עטלעכע טאַליעס קאָרטן.

איידער די געסט זענען געקומען האָט די מוטער, פאַרן פּרייז פון עטלעכע טשעקאָלאַדקעס, געלייגט צירלען פרי שלאָפן. אָבער ס׳פלעגט טרעפן, אַז אין מיטן, ווען די געסט זענען געווען פאַרטאָן אין קאָרטן־שפּיל, האָט זיך געעפנט די טיר פון סאַלאָן און צירל האָט זיך באַוויזן אין איר לאַנג נאַכט־העמד און געקוקט אויף אַלע מיט אירע שמאָלע, צעשמייכלטע אייגעלעך.

ווען מען האָט, ווען געסט זענען געווען, אָפּגעשלאָסן די טיר פון איר צימער, פלעגט טייל מאָל צירל פלוצעם אָנהייבן צו קלאַפּן מיט די פויסטן אין דער טיר אַריין, אַז ס׳איז געוואָרן אַ צעמישעניש. כּמעט שטענדיק, ווען געסט זענען געווען, האָבן די עלטערן געהאַט מיט איר צו טאָן. זי פלעגט זיי אַלע מאָל אַריינ־ברענגען אין אַ קאָנסטערנאַציע.

קיילע איז אָנגעקומען צו די עפּשטיינס נאָך סוכּות. ווען אין אַ צייט אַרום האָבן באַדאַרפט קומען אין אַן אָוונט צו זיי געסט, האָט דאָס מאָל צירלס מוטער גענומען אַ טעלער, אַרויפגעלייגט אויף אים אַ ביסל קיכלעך, עטלעכע טשעקאָלאַדקעס, אַ פּאָר עפּעלעך און געזאָגט צו צירלען:

— נאַ, נעם דעם טעלער און גיי אַראָן צו קיילען אין קעך אַראָן און מאַכטס ענק דאָרט אַ באַל.

ציר̈ל האָט זיך אויף אירע קיילעכדיקע פיסלעך אַריינגע־קייקלט אין קיך אַריין, האַלטנדיק דעם טעלער מיט ביידע הענט, און געזאָגט:

— קיילע, די מאַמעליו האָט געהייסן מען זאָל מאַכן אַ באַל.

קיילע האָט אויפגענומען צירלען ווי זייער אַן אָנגעלייגטן גאַסט, ווי זי וואָלט זי שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזען. קיילע האָט צירלען אַרומגענומען מיט די אָרעמס און איר אַרויסגענומען פון די הענט דעם טעלער מיטן כיבוד. זי האָט צירלען דערלאַנגט אַ שטול און זי אַוועקגעזעצט לעבן דעם טיש, פאַרשפּרייט אַ טישטעך, צע־לייגט דעם כיבוד אויף קליינע טעלערלעך, יעדן מין באַזונדער, און זיך אָנגערופן:

— יעצט וועט מען צוזאַרטן ביזקל וואָנט ס׳וועלן קימען די געסט.

צירל איז געזעסן אויפן שטול ביים טיש, פאַרלייגט די הענט אַרום דעם בוזעם, ווי אַ דערוואַקסענע, און מיט אירע שמאָלע איי־געלעך כסדר געשמייכלט צו קיילען. קיילע האָט צוריקגעשמייכלט.

ווען די געסט זענען אָנגעקומען און אַ ביסל אונטערגעוועזן, איז אין קיך אַריינגעקומען צירלס מוטער. זי האָט געהאָלפן קיילען אָנטאָן דאָס ווייסע פאַרטעכל מיט שפּיצן, אַליין אָנגעגאָסן די גלעזער טיי און זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער זילבערנער טאַץ, וועלכע זי האָט געהאַט אַריינגעבראַנגט פון דעם עס־צימער.

די פרוי עפּשטיין אַליין האָט געטראָגן די טאַץ מיט דער טיי ביז צו דער טיר פון סאַלאָן. ערשט דאָרט האָט זי איבערגעגעבן קיילען די טאַץ און איר אָנגעזאָגט: געב גיט אַכטינג.

ווען קיילע האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון סאַלאָן, האָט ביי איר די באַלעבאָסטע ווידער אַרויסגענומען פון די הענט די זילבערנע טאַץ מיט די פינקלדיקע גלעזער טיי. קיילע האָט אַ בליק געטאָן אויף די געסט. דאָס זענען אַלץ געווען יונגע מענטשן

אין מיטן די דרייסיקער יאָרן. פרויען און מענער, אַלע יום-טובדיק אָנגעטאָן.

זי איז פאַרבליפּט געוואָרן פון די דעקאָלטן באַהאַנגענע מיט בריליאַנטענע קאָליעס, פון די הענט אין גאָלדענע בראַסלעטן און פינגערלעך, וואָס האָבן זיך געמיניעט מיט פאַרשידן-קאָלירקע שטיינער. פון פאַרבליפּטקייט איז קיילע געבליבן שטיין און פאַרגעסן אַרויסצוגיין פון סאַלאָן.

אַזוי איז זי געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע, ביז זי האָט אויפגעכאַפּט דעם פאַרוווּנדערטן בליק פון דער באַלעבאָסטע און פון אַ טייל געסט. ערשט דעמאָלט האָט זי זיך געכאַפּט און אַרויס פון סאַלאָן.

קיילע איז צוריק אַריין אין דער קיך. ס׳איז געווען אָנהייב ווינטער. ביי נאַכט האָבן זיך שוין געלאָזט פילן די ערשטע פרעסטלעך. אונטער דער קיך-פּליטע האָט כסדר געברענט פייער.

קיילע האָט צוגעלייגט צו דער קיך עטלעכע שטיקלעך קוילן. דערנאָך האָט זי אָנגעגאָסן צוויי גלעזער טיי, איינס פאַר צירלען און דאָס צווייטע פאַר זיך, און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

קיילע האָט צירלען דערלאַנגט דעם כיבוד פון יעדן טעלערל באַזונדער. פריער האָבן זיי געגעסן די קיכלעך מיט דער טיי. דערנאָך די עפּעלעך, און אין סאַמען סוף די טשעקאָלאַדקעס מיט די מאַרמאָלאַדקעס.

פון דער וואַרעמקייט וואָס איז זיך צעגאַנגען איבער דער קיך פון דער איינגעהייצטער פּליטע, פון דער וואַרעמער טיי, פון דעם באַטעמטן כיבוד, פון דעם גוטן געפיל וואָס זי האָט געהאַט פון קיילעס באַנעמען זיך מיט איר, פון דעם אַלעם האָבן זיך ביי צירלען ביסלעכווייז געשלאָסן אירע שמאָלע אויגן און זי איז זיצנדיק ביים טיש איינגעשלאָפן.

דעמאָלט האָט קיילע פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט, אויף די שפּיצן פינגער צוגעגאַנגען צו איר בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין דער קיך, און עס אויפגעבעט.

זי האָט אָנגענומען צירלען אונטער ביידע אָרעמס, אַ שלאָפנדיקע זי אַוועקגעזעצט אויפן בעטל, אַראָפּגענומען פון איר דאָס קליידל מיט די שיך און זאָקן און צירלען אַריינגעלייגט צו זיך אין בעט אַריין און זי איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

אַליין האָט זיך קיילע צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער שטול און מיט אַ פאַרגאַפטן בליק געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער צירל. זי האָט געקוקט אויף איר קיילעכדיקן, פעטן אָרעם, וואָס איז געווען האַלב־אָפּגעדעקט, זי האָט געקוקט אויף דער גלאַטיקער, גלאַנצנדיקער הויט פון איר אָרעם און קאַרק, זי האָט געפירט אירע אויגן איבער דער פאַרקיילעכדיקייט פון צירלס לייב, וואָס האָט זיך אַזוי בולט געצייכנט אונטער דער קאָלדרע מיט וועלכער זי איז געווען צוגעדעקט.

דערנאָך האָט קיילע אַ קוק געטאָן אויף אירע אייגענע הענט וואָס זענען דאַר און טונקל. זי האָט פאַרשאַרצט ביז אַרויף אָן אָרבל פון איר קלייד און באַקוקט איר פאַר־אָרעם וועלכער איז געווען טונקל און שלאַבעריק. זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך אַריינגעקוקט אין דעם אויסשניט פון איר קליידל, זי האָט זיך אַריינגעקוקט אין סטענדל וועלכער איז איצט, ביים אַראָפּגע־בויגענעם קאָפּ און צוזאַמענגענומענע אָרעמס, געוואָרן לויזער, און זי האָט דערזען אירע צוויי פלאַטשיקע, קוים־אָנזעעוודיקע בריסטלעך מיט טונקעלע וואָרצלען, טונקעלע, ווי צוויי טראָפּנס טינט.

קיילע האָט לעצטנס אַ סך געגעסן. די מאַדאַם האָט איר גאָרנישט געקאַרגט. פאַרקערט, געגעבן איר פון אַלעם בעסטן און צוגערעדט זי זאָל עסן. אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן און קיילעס לייב איז געבליבן דאַר און לײַדיק, ווי פריער.

איז זי געזעסן און געקוקט מיט קנאה און מיט ליבשאַפט אויף דער דיקער צירלען, וואָס האָט געעטעמט רעגלמעסיק און רויִק, ווי ביי זיך אין בעט. איר קליין מויל און נעזל זענען אין קיילעס אויגן געווען מלא חן.

* * *

נאָך דעם ווי די געסט זענען אַוועקגעגאַנגען, איז די פרוי עפּשטיין אַריין אין דער קיך זען וואָס ס׳טוט זיך מיט צירלען. ווען זי האָט זי געזען אַ שלאָפנדיקע אין קיילעס בעט אין קיך, האָט זי צירלען געוואָלט פון דאָרט אַרויסנעמען און אַריינפירן אין איר בעט אַריין.

אָבער קיילע איז צוגעשטאַנען צו איר מאַדאַם, אַז זי זאָל שוין לאָזן צירלען איבערנעכטיקן ביי איר אין בעט. — ס׳איז אַ רחמנות אויפן קינד זי אויפצירייסן פון אַזאַ שלוף אין מיטן דער נאַכט, — האָט זי געטענהט. זי האָט געקוקט אויף איר באַלעבאָסטע מיט געבעט אין די אויגן.

צי פון דאַנקבאַרקייט צו קיילען, צי פון צופרידנקייט וואָס דאָס מאָל איז די אויפנאַמע נישט פאַרשטערט געוואָרן, צי ס׳איז איר טאַקע אַ שאַד געווען אויפצוּוועקן צירלען אין מיטן דער נאַכט, נאָר די מוטער האָט דערלויבט אַז זי זאָל בלייבן שלאָפן מיט קיילען אין בעט.

קיילע האָט זיך אויסגעטאָן, אויסגעלאָשן דאָס ליכט, און איז אַריין אין בעט אונטער דער קאָלדרע.

פון מידקייט, פון דער שפּעטקייט פון דער נאַכט, פון אַ משונהדיק געפיל וואָס האָט זי באַהערשט, האָט קיילע באַלד ווי זי איז אַריין אין בעט, אָנגעהויבן דרעמלען. האַלב נאָך אויף דער וואָך און האַלב שוין אין חלום האָט קיילען אַ טראָג געטאָן אַ ווילדע בענקשאַפט נאָך געסקלאַרוועטע לייבער, נאָך פולע ברוסטן, נאָך פאַרקיילעכדיקע היפטן, נאָך פעטע עסנס, נאָך געפעקלטע פליישן, נאָך שמאַנט און קאַקאַאָ, נאָך דעם אַלעם וואָס מאַכן די פּנימער פעט און רונדיק און די הויט גלאַטיק און גלאַנציק. פון דער פאַר־נעפּלטער, פאַרווירטער בענקשאַפט, האָט זיך קיילעס דאַר לייב אָנגעגאָסן עפּעס מיט אַ ניי לעבן.

נישט ווייסנדיק אַליין וואָס זי טוט, האָט זי אויסגעשטרעקט איר דאַרן אָרעם מיטן קנאָכיקן עלנבויגן און אַרומגענומען די שלאָפנדיקע צירל. קיילע האָט דערפילט די ווייכקייט און וואַרעמקייט פון איר פעט, גלאַטיק לייב, זי האָט אַריינגעצויגן דעם אָנגענעמען ריח פון דעם שמעקעוודיקן זייף מיט וועלכן איר לייב איז געווען געוואַשן, און זי האָט מיט פאַרגעניגן צירלען צוגעדריקט צו זיך.

פון דעמאָלט אָן, ווען ס'פלעגן צו די עפשטיינס קומען געסט, פלעגט די פרוי עפשטיין אַלע מאָל געבן צירלען אַ טעלער מיט נאַשערייען און הייסן איר אַריינגיין אין קיך אַריין „מאַכן מיט קיילען אַ באַל". נאָך דעם באַל פלעגט שוין צירל בלייבן שלאָפן מיט קיילען אין בעט.

די עפשטיינס האָבן פון צייט צו צייט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון שטוב. דעמאָלט פלעגן זיי אויך טאָן דאָס זעלבע: די פרוי עפשטיין האָט געגעבן צירלען גוטע ,זיסע זאַכן, געהייסן איר מאַכן מיט קיילען אַ באַל, און צירל פלעגט שוין נאָכן באַל בלייבן שלאָפן מיט קיילען.

ס'האָט זיך קיין איין מאָל נישט געטראָפן, אַז ווען צירל איז געשלאָפן מיט קיילען זאָל זי נאָס מאַכן דאָס בעט.

מיט דער צייט האָט צירל ליבער געקריגן קיילען ווי די אייגענע מוטער. זי האָט פאַרלאַנגט, אַז קיילע זאָל איר געבן עסן און גיין מיט איר שפּאַצירן. אַפילו נאָך טשעקאָלאַדקעס פלעגט זי זיך שוין ווענדן צו קיילען, זי פלעגט זאָגן: קיילע, כ'וויל אַ שאָקאָלאַדקע!

קיילע איז געוואָרן שטאַרק פלייסיק ביי דער אַרבעט אין שטוב. וויפל זי האָט נישט געטאָן, האָט זיך איר אויסגעדאַכטן אַז ס'איז ווייניק, אַזוי מורא האָט זי געהאַט זי זאָל נישט פאַרלירן די שטעלע.

איין מאָל, האָט די פרוי עפשטיין עפּעס אַזוי זייטיק אַ בליק געטאָן אויף קיילען און באַמערקט אין אירע שוואַרצע אויגן דעם

זעלבן שמייכל, וואָס אין צירלס. ס'איז איר געוואָרן משונהדיק אומהיימלעך, ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַן אומרו.

די פרוי עפּשטיין האָט אַ טראַכט געטאָן: — ווען איך וואָלט געהאַט אין זיך אַ יידיש האַרץ, וואָלט איך קיילען שוין, די רגע, באַדאַרפט אָפּשאָפן.

אָבער זי האָט דאָס נישט געטאָן...

די מומע

אייגנטלעך איז זי גאָרנישט געווען אונדזער מומע. זי איז געווען, דאַכט זיך, אונדזערס אַ גליד־שוועסטערקינד, עפּעס אַ שלישי־בשלישי, אָדער אַ שלישי־ברביעי. קיין מומע איז זי זיכער נישט געווען.

און דאָך האָט מען זי ביי אונדז גערופן — די מימע. נישט מומע סתם, נאָר: די מימע. ביים נאָמען, ווי אַנדערע מומעס, האָבן מיר זי נישט גערופן. איך געדענק נישט, אַז מען זאָל האָבן אַ מאָל דערמאָנט ביי אונדז איר נאָמען.

די מומע איז געווען אַן אַלמנה. ווען זי איז אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז איר מאַן געשטאָרבן. זי האָט מער נישט חתונה געהאַט. געפּירט איר מאַנס געשעפטן און דערצויגן זייערע דריי, נאָך דעמאָלט קליינע קינדער.

זי איז געווען פון מיטעלן וווקס. געהאַט אַ פּאָר ברייטע מענערישע פּלייצעס. אַ ביסל אַ שוועַר־וואָגיק פּנים מיט אַ פעסט פאַרזעצטער נאָז, טונקעלע אויגן און אַ בולטן שטערן. זי האָט געטראָגן אַ שייטל, וואָס איז געווען שטענדיק פריזירט לויט דער אָנגענומענער מאָדע.

געווען איז זי אַלע מאָל עלעגאַנט געקליידעט. גענייט אירע קליידער און קאָסטיומען ביי די בעסטע שניידערינס און שניידערס. הוטן האָט זי פאַר זיך באַשטעלט ביי די טייערסטע מאָדיסטינס. אַלץ וואָס זי האָט געטראָגן איז געווען פול מיט געשמאַק און פרויען־חן, אָבער גיין פלעגט זי פּאַמעלעך, מיט זיכערע טריט פון אַן עלטערן, מיושבן מאַנצפּערשוין.

זי האָט זייער ווייניק גערעדט און געהאַט אַ משונהדיק געדולד אויסצוהערן יענעמס רייד. ווען מען פלעגט זי עפּעס פרעגן אין געשעפט, אפילו וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך, האָט זי נישט געענטפערט, נאָר עפּעס אַ פאָנפע געטאָן אונטער דער נאָז. ס׳פלעגט אַרויסקומען אַ „פ־ן” אָדער אַ „פ־ם”, אַ צונויפקלאַנג פון די אותיות פיי און נון, אָדער פיי און מעם, וואָס פלעגט אַרויס פון איר נאָז, מיט וועלכער זי האָט קוים באַמערקבאַר אַ באַוועג געטאָן. דאָס איז געווען אַלץ. מער האָט מען זי נישט געטאָרט פרעגן.

זי האָט געקאָנט אָפּזיצן אין אַ געזעלשאַפט שעהען לאַנג און זיך צוהערן מיט גרויס אינטערעס צו די פאַרשידענע געשפּרעכן און מעשיות, וואָס אַנדערע האָבן דערציילט און אַליין זיך נישט אַריינמישן מיט קיין איין וואָרט, אפילו נישט קיין פאָנפע טאָן. זי האָט ליב געהאַט צו שטיין אין געשעפט אין אַ געזעלשאַפט פון מענער און צוהערן זיך צו זייערע שמועסן וועגן מסחר און וועגן פאַרשידענע געשעפטלעכע קאָמבינאַציעס און אַליין נאָר צושמייכלען מיט אַ ווייטן שמייכל.

מען האָט זי נישט געקאָנט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַר גאָרנישט, נישט פאַר די קלענסטע און נישט פאַר די גרעסטע זאַך, נישט פאַר דעם קלענסטן און נישט פאַר דעם גרעסטן פעלער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין געשעפט. וואָרעם קיינער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט, וואָס באַדייט איר פאָנפע, איר פ־ן, צי פ־ם: צי באַדייט דאָס יאָ אָדער ניין, שלעכט אָדער גוט, אמת אָדער ליגן, טאָן אָדער נישט טאָן, באָרגן אָדער נישט באָרגן. זי האָט זיך אָבער אפילו פאַרן גרעסטן באַגאַנגענעם פעלער אויף קיינעם פון די געשעפטס־אָנגעשטעלטע נישט געבייזערט. זי האָט נאָר גע־בליצט מיט אירע טונקעלע אויגן און עפּטער געלאָזט הערן דעם שטילן פ־ן, צי פ־ם.

* * *

קיינער האָט טאַקע נישט געוווּסט וועגן דעם באַדייט פון

אירם אַ פֿאָנפֿע טאָן, אַפֿילו נישט די אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געאַרבעט יאָרן ביי איר, ווען איר מאַן האָט נאָך געלעבט.

אָבער אירע נאָך זייער יונגע קינדער האָבן יאָ געוווּסט דעם סוד. זיי האָבן געקאָנט דעשיפֿרירן דעם מינדעסטן ניואַנס פֿון אירם אַ פֿאָנפֿע טאָן. איר נאָז איז פֿאַר זיי געווען דער סאַמער פֿילבאַרסטער סייסמאָגראַף. פֿון די באַוועגונגען מיט אירע נאָז־פֿליגלען האָבן זיי אַרויסגעלייענט איר צושטימונג אָדער קעגנער־שאַפֿט, איר הסכמה אָדער פֿאַרבאָט, איר צופֿרידנקייט אָדער צאָרן. פֿון דעם קוים באַמערקבאַרן צוקן מיט די נאָז־פֿליגלען האָבן די קינדער אירע שוין געננוי געוווּסט וועגן זייער מוטערס שטימונג. די יונגע קינדער פֿון אונדזער מומע האָבן נישט נאָר געקאָנט פֿעסטשטעלן צי זייער מוטער איז אין אַ גוטער אָדער שלעכטער שטימונג, אין אַ געהויבענער אָדער געדריקטער, נאָר צי האָט זי דעם טאָג געהאַט עפּעס אַן עגמת־נפֿש, אָדער עפּעס אַן אומאָנגענעמלעכקייט. אַפֿילו איר סאַמע פֿאַרבאָרגנסטע זאָרג, דעם קלענסטן מיסדערפֿאָלג, האָבן זיי אַרויסגעהערט פֿון אירם אַ שטילן פֿאָנף, פֿון אירם אַ באַוועג מיט דער נאָז. און פֿאַרקערט, יעדע צופֿרידנקייט, יעדעם קלענסטע פֿאַרגעניגן וואָס זי האָט געהאַט, האָבן זיי ביי איר תיכף דערקענט לויט דעם קלאַנג פֿון איר פֿ־ן, צי פֿ־ם.

לויט דער מוטערס פֿאָנפֿען האָבן די קינדער שוין געוווּסט ווי אַזוי זיך אין איר אָנוועזנהייט צו פֿאַרהאַלטן. צי דאַרפֿן זיי זיצן שטיל, זיצן אויף דער קאַנאַפּע, אָדער אין אַ ווינקל פֿון שטוב און האַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך, אָדער זיי דאַרפֿן מאַכן די מאַמעשי פֿריילעך, דערציילן איר וואָס איז זיך אין משך פֿון טאָג מיט זיי פֿאַרלאָפֿן, זינגען אָדער עפּעס דעקלאַמירן פֿאַר איר.

דאָס עלטסטע מיידל איז אַלט געווען ביי ניין יאָר, דאָס יינגסטע ביי זעקס און דאָס יינגל איז געווען דער מיטלסטער. דאָס עלטסטע מיידל פֿלעגט יעדעס מאָל, ווי נאָר די מוטער איז אַריין אין שטוב, לויפֿן ברענגען איר די שטוב־לאַטשן. דאָס מיידעלע

פלעגט זיך אָוועקזעצן אויף דער פּאָדלאָגע, דער מאַמעשי צופוסנס, און איר אויפבינדן און אויסטאָן די שיך. ערשט דעמאָלט האָבן די קינדער אַ בליק געטאָן אויף דער מאַמעשיס נאָז, געוואַרט אויף אירס אַ פּאָנף, בכדי צו וויסן וואָס ווייטער צו טאָן, ווי אַזוי זיך מיט איר צו באַגיין.

* * *

מיין טאַטע, וועלכער האָט זיך בדרך כלל נישט געהאַלטן נאָענט מיט דער מאַמעס משפחה, איז אָבער פון דער מומע געווען מלא התפעלות, געהאַלטן פון איר אַ וועלט. ער האָט נישט נאָר גערימט איר אייזערנעם קאָפּ ביים פירן אירע געשעפטן, נישט נאָר געלויבט איר האַלטונג און איר באַגיין זיך מיט מענטשן, נאָר קודם-כל און דער עיקר איז ער געווען אַנטציקט פון איר דערציִען די קינדער.

די מומע האָט דערצויגן אירע קינדער אין שטרענג רעלי־גיעזן גייסט. עלעגאַנט אָבער פרום. די מומע אַליין פלעגט פאָרן צו אַ רבין. געגעבן אים שיינע פדיונות און געהאַלטן מיט אים עצות. ביי יעדער אַזאַ געלעגנהייט פלעגט זי אויך אָפּשטאַטן אַ וויזיט דער רביצין. טאָמער איז איר מאַנס יאָרצייט אויסגעפאַלן אום אַ שבת, פלעגט זי מאַכן אַ גרויסן קידוש פאַר די חסידים פון אַ שטיבל, וווהין זי האָט שפּעטער געשיקט איר יינגל דאַוונען.

די מומע האָט קיין מאָל נישט באַנוצט צו אירע קינדער קיין קאַנטשיק, נישט אויפגעהויבן אויף זיי קיין האַנט. נישט אויף די מיידלעך און אויך נישט אויף דעם יינגל. זי האָט זיך אפילו קיין מאָל אויף זיי נישט געבייזערט. זי האָט נאָר געפּאָנפעט, און איר פּאָנפען, ווי דאָס פאַרכישופטע פייפל פון פאַסטעך, האָט גע־פירט אירע שעפעלעך דאָרט, וווּ זי האָט געוואָלט.

ווען מיין טאַטע מיט דער מאַמען פלעגן אַ מאָל אין אַ שבת-אָוונט גיין צו דער מומען מיט אַ וויזיט, האָב איך געבעטן מען זאָל מיך לייגן פריער שלאָפן. כ'פלעג אויסטראַכטן פאַרשי־

דענע תירוצים, אַז דער קאָפּ טוט מיר ווײ, צי דער בויך טוט מיר ווײ, אַבי מען זאָל מיך לייגן אין בעט אַרײַן. כ׳האָב געוואָלט אויסמײַדן זיך צו טרעפן מיטן טאַטן באַלד נאָך זײַן קומען פון דער מומען. כ׳האָב שוין געהאַט מײַן דערפאַרונג אין דעם פּרט, כ׳האָב שוין געוווּסט, אַז גוט וועט זיך מײַן אַזאַ באַגעגעניש מיטן טאַטן נישט ענדיקן.

ווען דער טאַטע פלעגט צוריקקומען פון אַ וויזיט ביי דער מומען, האָט ער געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר שטרענגע, פאַר־שנדיקע אויגן. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי דורכדרינגלעך, אַז איך פלעג זיך פאַר זײַן בליק שרעקן. דערנאָך איז דער טאַטע אַרויס מיט טענות צו מיר:

— יאָ, אוודאי, די זיצט באַם טיש אין די מימעס יינגל זיצט באַם טיש, די פירסט זעך אָפּ אין ער פירט זעך אָפּ, די רעדסט צי דאַן מאַמישי אין ער רעדט צי זאַן מאַמישי, אין אוודאי, יאָ.

ווי אַזוי איך זיץ ביים טיש און ווי אַזוי דער מומעס יינגל, דאָס האָט דער טאַטע נישט געזאָגט. ער האָט אויך נישט געזאָגט ווי אַזוי איך פיר זיך אויף און ווי אַזוי ער, ווי אַזוי ער רעדט צו זײַן מאַמעשי און איך צו מײַן מאַמעשי.

אָבער מיט מײַן קינדישן שכל האָב איך פונדעסטוועגן גוט באַנומען, אַז דער טאַטע וויל זאָגן, אַז איך זיץ ביים טיש ווי אַ פּרא־אדם און דער מומעס יינגל ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, אַז איך פיר זיך אויף שלעכט און ער גוט, אַז ער רעדט צו זײַן מאַמעשי איידל און מיט דרך־ארץ און איך נישט, אַז אַלע מעלות זענען אויף זײַן זייט און אַלע חסרונות אויף מײַן זייט.

איך האָב נאָך געמוזט אויסהערן מײַן טאַטנס רייד אויפ־מערקזאַם און מיטן גאַנצן ערנסט. טאָמער האָב איך אַ מאָל אַרומ־געוויזן בעת דעם מוסר זאָגן סימנים פון אומגעדולדיקייט, אָדער נישט־צופרידנקייט, האָט זיך נאָך דער גאַנצער ענין געקאָנט

ענדיקן פאַר מיר מיט אַריינכאַפּן עטלעכע פּעטשלעך אויפן ווייכן אָרט.

די שוועסטערס מיינע האָט דער טאַטע אויך נישט געזשאַ־לעוועט קיין אַריינזאָגעכצן נאָך דעם צוריקקומען פון אַ וויזיט ביי דער מומען. ער איז געווען צו זיי פול מיט תערומות:

— זי, — דאָס הייסט די מומע, — זי האָט דוס קינדער. ווּוס דען, ווי בּאַ מיר? די קליינע קינדער פירן דאָך בּאַ איר די גאַנצע שטיב! און ווי אַזוי זיי רעדן דוס צי איר. דער דרך־ארץ, די אושאַנאָוואַניע! דוס עלטסטע מיידל, זי ליינט דוס! זי שראַבּט דוס! אַ גאַנצע געלערנטע! אין דוס אַלץ פין זעך אַליין. ס'האָט נישט געקאָסט קאַ גראָשן געלט. אין איך געב אָם שווערע מאַיאָנט־קעס אָף שקאָלעס אין ס'איז אַ נעכטיקער טוג.

מיינע שוועסטערס פלעגן אויסהערן דעם טאַטנס שטראָף־רייד און נישט ענטפערן קיין איין וואָרט. צווישן זיך פלעגן זיי טייל מאָל האָבן סיכסוכים, אָבער לגבי דער מומען און אירע קינדער זענען זיי געווען שטרענג סאָלידאַר. איך האָב אָפט געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך, אַז די מומע מאַכט פון אירע קינדער פּאַפּוגעס, צי גאָר מאַלפּעס...

מיר האָבן די מומע נישט גערן געהאַט, אָבער אימפּאָנירט האָט זי אונדז פון דעסטוועגן. צו אירע קינדער האָבן מיר זיך באַצויגן נישט זייער פריינטלעך. מיר וואָלטן גאָר אפשר אין גאַנצן געווען ברוגז מיט זיי, ווען נישט דאָס, וואָס זיי זענען געווען יתומים, זיי האָבן נישט געהאַט קיין טאַטן.

מיין מאַמען האָט שטאַרק געאַרט, וואָס דער טאַטע נוצט אוים זיינע וויזיטן ביי דער מומען אויף אַריינצוזאָגן, אויף צו האָבן טענות צו זיינע אייגענע קינדער. מיין מאַמע פלעגט דעריבער זיך באַמיען, אַז די דאָזיקע וויזיטן זאָלן זיין וואָס זעלטענער. נישט גיין צו דער מומען, אָדער פּרוּוון פאַרמינערן איר ווערט אין טאַטנס אויגן, האָט די מאַמע אויך נישט געוואָלט. די מומע איז געווען דער איינציקער מיטגליד פון איר משפחה פון וועלכן דער

טאַטע האָט געהאַלטן, און די מאַמע האָט נישט געוואָלט פאַרלירן דעם קאַרגן אָנזען, וואָס איר משפחה האָט ביי אים...

* * *

ווען אַ פּראָווינצער קונה פלעגט קומען צו דער מומען אין געשעפט אַריין איינקויפן סחורה, האָט ער קיין מאָל נישט געוווּסט, צי וועט ער באַקומען די סחורה אויף קרעדיט אָדער נישט. די מומע האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פון צייט צו צייט אַ פּאָנפע געטאָן, אָבער ווי האַלט ער מיט איר אין דער וועלט, דאָס האָט דער קונה נישט געוווּסט.

דער קונה פלעגט אַריינגיין אין מאַגאַזין אַריין, זיך אָפּ־קלייבן די סחורה וועלכע ער האָט באַדאַרפן, צוריקקומען אין קאַנטאָר, דורכגעקוקט דעם רעכענונג, זיך געדונגען מיטן פּרייז, זיך געאַמפּערט וועגן טערמינען פון די וועקסלען, דערנאָך זיי אונ־טערגעשריבן, אָבער פון דער מומעס פּנים, פון איר פּאָנפען, האָט ער נאָך אַלץ נישט געוווּסט, צי באַקומט ער דעם קרעדיט אָדער נישט.

ערשט ווען דער טרעגער פלעגט אים אָפּברענגען די סחורה אויף דער אכסניה, ערשט דעמאָלט האָט דער קונה געוווּסט, אַז זי איז זיינע.

וואָרעם געטראָפן האָט זיך, אַז דער קונה האָט געהאַט אָפּגעקליבן די סחורה, געהאַט אַדורכגעקומען מיטן פּרייז, פעסט־געשטעלט דעם טערמין פון די צאָלונגען, אונטערגעשריבן די וועקסלען, זיך אָנגעהערט דער מומעס פּאָנפען, נאָר אָנשטאָט צו באַקומען אויף דער אכסניה אָפּגעשיקט די סחורה, האָט ער גאָר באַקומען צוריק אָפּגעשיקט די וועקסלען, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועז.

אין אַזעלכע פאַלן האָט זיך אָפּט אַרויסגעוויזן, אַז די מומע איז דווקא געווען גערעכט...

* * *

ווען די מומע פֿלעגט אַריינקומען אין אַ געשעפֿט עפּעס פֿאַר זיך קויפֿן, האָט איר נישט געאַרט וואָס דאָס געשעפֿט איז גראָד פֿול מיט קונים, וואָס דער באַלעבאָס, צי די אָנגעשטעלטע זענען זייער באַשעפֿטיקט. זי האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ בענקל, זיך ברייווח אַוועקגעזעצט, זיך נישט געיאָגט, געדולדיק געוואַרט מען זאָל זי באַדינען און דערנאָך גענוי און פּינקטלעך געקוקט און באַקוקט פֿון אַלע זייטן די דערלאַנגטע סחורות. זי האָט אויסגעהערט אַלע שבחים מיט וועלכע דער באַלעבאָס אָדער זיינע משרתים האָבן די סחורות גערימט. זי האָט לייטזעליק אָנגענומען אַלע איר געמאַכטע קאָמפּלימענטן ווען איר גוטן געשמאַק, פֿון צייט צו צייט אַ פֿאַנפֿע געטאָן, צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויפֿן געפֿאָדערטן פּרייז. אָבער נישט דער באַלעבאָס און נישט די אָנגעשטעלטע האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט, צי וועט זי קויפֿן, אָדער נישט, צי געפֿעלט איר די זאַך, אָדער נישט.

טייל מאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען איז שוין מיט איר פֿאַרטיק, אַז אָט־אָט, און זי וועט הייסן מאַכן דעם רעכענונג און באַצאָלן. דעמאָלט האָט זיך די מומע פּלוצעם אויפֿגעשטעלט, העפֿלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ פֿאַנפֿע געטאָן אונטער דער נאָז — און איז אַוועק מיט גאָרנישט.

מאַנכעס מאָל האָט אויך געטראָפֿן, אַז ווען מען האָט פֿאַר דער מומען געהאַט אָנגעוואָרפֿן שטויסן מיט שטאָפֿן, ווען מען האָט געהאַט פֿאַר איר אָנגעשטעלט פֿולע טישן מיט זאַכן, ווען אַלע, דער באַלעבאָס און זיינע משרתים האָבן שוין געהאַט אַרויסגערעדט פֿון זיך אַלע ווערטער, שוין געהאַט באַנוצט אַלע טריקן מיט וועלכע מען באַנוצט זיך צו נעמען אַ קונה, ווען זיי האָבן שוין געהאַט רעזיגנירט פֿון דעם, אַז זי זאָל עפּעס קויפֿן, האָט די מומע אַ פֿאַנפֿע געטאָן און אָנגעוויזן אויף אַ שטאָף, וועגן וועלכן ס׳איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן אַז זי וועט אים נעמען, אָדער אויף אַ

זאַך וועגן וועלכער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז זי האַלט עס ביים קויפן. די מומע האָט געהייסן מאַכן דעם חשבון, באַצאָלט און געהייסן די זאַך, אָדער דעם שטאָף, זיך אָפּשיקן אַהיים.

ווען מיין שוועסטער חיה (העלאַ) איז געוואָרן אַ דער־וואַקסן מיידל, פלעגט די מומע זי מיטנעמען ביים גיין עפּעס איינקויפן. מיין שוועסטער האָט זייער ליב געהאַט גרויסע מאַגאַ־זינען מיט דעקאָרירטע שוי־פענצטער, מאַגאַזינען מיט שטאָקן, מיט אינערלעכע שטיגן, מיט רייכער אויסשטאַטונג און עלעגאַנ־טער באַדינונג, און טאַקע אין אַזעלכע מאַגאַזינען פלעגט אָפּט די מומע מאַכן אירע איינקויפן.

יעדעס מאָל, ווען מיין שוועסטער פלעגט צוריקקומען פון אַזאַ גיין קויפן מיט דער מומען, האָט זי זיך צוגעזאָגט מיט אַלע הייליקסטע צוזאָגן, אַז מער גייט זי נישט מיט איר. מיין שוועסטער פלעגט דערציילן: — צ׳קענט זעך דען פאָרשטעלן ווּוּס דום איז געווען. די מימע האָט שוין אַזוי געמאַכט, אַז אַלע אָנגע־שטעלטע האָבן זיך געדרייט אַרים איר. עס האָבן זיך אַרים איר כסדר געטוישט די וואַכן. ווען די עטלעכע אָנגעשטעלטע, ווּוס האָבן זי באַדינט, זענען שוין געוואָרן פין איר מיד, האָבן זיי זיך געטאָשט מיט אַנדערע. אַלע זענען שוין געוואָרן מיד, נאָר נישט די מימע... וויפל מען האָט זעך נישט באַמיט אַראָפּציקריגן פין איר אַ וואָרט, צי ס׳געפעלט איר יאָ, צי נישט, האָט מען פין איר אַחוץ אַ פאָנפע גורנישט מער געהערט. ס׳איז מיר געווען אַ חרפּה אין אַ בושה. מען זאָל מעך אופגילדן גיי איך מער נישט מיט די מימע עפּעס קויפן!

אָבער ווייל מיין שוועסטער האָט ליב געהאַט מאַגאַזינען מיט שטאָפּן, מיט קליידונג, מיט פאַרשידענע פּערפומעריע־זאַכן, ווייל זי האָט ליב געהאַט דאָס גיין קויפן, דאָס אויסגעבן געלט, האָט זי נישט געקאָנטביישטיין דעם נסיון, און ווען די מומע האָט זי געבעטן, איז זי מיט איר מיטגעגאַנגען. מיין שוועסטער חיה איז געווען דער מומעס שטענדיקער קרבן...

* * *

יאָרן זענען געגאַנגען. די קינדער ביי דער מומען זענען אונטערגעוואַקסן. די געשעפטן אירע האָבן זיך צעצווייגט. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה. רעוואָלוציעס זענען פאָרגעקומען אין דער וועלט. טראָנען האָבן געקראַכט. אַלטע, הונדערט יאָריקע קרוינען זענען געפאַלן פון קיסרישע קעפּ, נאָר די מומע אַליין האָט זיך נישט געענדערט. זי איז נאָר געוואָרן אַ קאַפּעלע פולער, אָבער זי איז זיך געגאַנגען איבער דער צעטרייסלטער וועלט מיט איר פאַמעלעכן, זיכערן טראָט פון אַן עלטערן, מיושבן מאַנצפּערשוין און פון צייט צו צייט, ווען זי האָט באַדאַרפן אַרויסזאָגן איר מיינונג, אָדער ווען עפּעס דערצירן, האָט זי אַ פּאָנפע געטאָן.

רוסלאַנד האָט פאַרלאָזט דאָס אָנעקסירטע דורך איר פוילן. די דייטשן האָבן עס אָקופּירט. דערנאָך האָט מען פאַרטריבן די דייטשן, און פוילן איז נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר קנעכטשאַפט צוריק געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. רעגירונגען האָבן זיך געביטן, וואַלוטעס האָט מען געטוישט, עקאָנאָמישע קריזיסן האָבן נישט איין מאָל באַדראָט די מענטשלעכע עקזיסטענצן, אויף די יידישע קעפּ האָט זיך אַ שיט געטאָן אַ באַרג מיט פּורעניותן, נאָר די מומע איז געבליבן די זעלבע וואָס זי איז געווען מיט יאָרן צוריק.

מיט אירע פאַמעלעכע, געמאָסטענע טריט און מיט אירס אַ פּאָנפע טאָן, האָט די מומע אַדורכגעפירט איר הויז און אירע געשעפטן דורך אַלע שטורמען און סכנותן, וועלכע די צייט האָט מיט זיך געבראַכט. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון פוילן, אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען ס'זענען אויפגעבראָכן געוואָרן די מויערן פון אַלטע, הערמעטיש פאַרמאַכטע פרומיידישע הייזער, ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן געהערן צו די לעגאַל געוואָרענע אָרגאַניזאַציעס, ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע, ווען דאָס יונגע יידישע דור האָט רעוואָלטירט און אָראָפּגע-

וואָרפֿן פֿון זיך דעם עול פֿון יידישקייט, און טייל האָבן גענומען גיין אויף פֿרעמדע וועגן, איז דאָס הויז פֿון דער מומען געבליבן ווי ביז איצט: עלעגאַנט, אָבער פֿרום. זי האָט עס געפֿירט אויפֿן חסידיש־נגידישן שטייגער. די מיידלעך האָט זי נישט געשיקט אין שקאָלעס, נאָר געלערנט אין דער היים, זיי האָבן אפֿילו נישט געחלומט צו שטודירן אויפֿן אוניווערסיטעט. די מומעס זון האָט געלערנט אין שטיבל און אויף די ימים־טובים האָט זי אים מיט אירע באַקאַנטע חסידים מיטגעשיקט צום רבין.

אירע קינדער האָבן אין דער צייט פֿון רעוואָלט פֿון דער יוגנט זיך מיט גאָרנישט באַאומרויִקט אחוץ מיט דער מאַמעשי. זיי האָבן איר, ווי אַלע מאָל, אויסגעטאָן די שיך ווען זי פֿלעגט קומען אהיים, און פֿון איר צוקן מיט דער נאָז האָבן זיי אָראָפּגעלייענט אירע שטימונגען און פֿאַרלאַנגען און צו זיי זיך גענוי צוגעפּאַסט.

שפּעטער, אין דער צייט פֿון גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס און שווערן שטייער־לאַסט, ווען אַלטע, געגרונד־פֿעסטיקטע פֿירמעס האָבן געקראַכט, באַנקראָטירט, איז די מומעס געשעפֿט געבליבן שטיין אויפֿן פֿלאַץ. זי האָט אויסגעהאַלטן אַלע פֿאַרלוסטן, איבער־געטראָגן אַלע שוועריקייטן, געדעקט אַלע חובות און געבליבן פֿון די געציילטע, זעלטענע פֿירמעס, וואָס האָבן זיך אין די דאָזיקע שווערע יאָרן נישט איינגעבראָכן.

מיין טאַטע פֿלעגט זיך אָפֿט וווּנדערן. איך האָב געהערט ווי ער רעדט צו דער מאַמען: — די ווייסט, איך פֿאַרשטיי גורנישט ווי אַזוי זי מאַכט דוס. אַ מענטש און אַ מאָל, און אַ לשון, ווּוס קען העכסטנס אַ פֿאָנפֿע טין, ווי אַזוי געט זי זעך אַן עצה מיט אַזויפֿיל מענטשן, מיט אַזעלכע פֿאַרדרייטע געשעפֿטן? ס׳איז נישט צי פֿאַרשטיין. סאַדן אַז אין איר פֿאָנפֿען ליגט דער כוח, ווּוס איז געלעגן אין שמשון־הגיבורס הוער...

* * *

ס׳האָט זיך געמאַכט אַ שווערער ווינטער מיט שנייען, מיט

זאַוויערוכעס. די מומע, וואָס פלעגט זייער אָפּהיטן איר געזונט, האָט זיך דאָס מאָל געהאַט פאַרקילט, באַקומען הויכע טעמפּעראַטור און אַ שווערן קאַטאַר אין דער נאָז.

נאָך עטלעכע טעג איז די טעמפּעראַטור ביי איר אַוועק, אָבער דער קאַטאַר איז געבליבן. די מומע האָט געהאַלטן אין איין ניסן. זי איז שוין אַרוים אין גאַס, געקומען אין געשעפט, אָבער געמוזט האַלטן כסדר אַ טיכל ביי דער נאָז.

דערנאָך איז דער קאַטאַר אויך אַוועק. נאָר אין אַ וואָך אַרום איז ער צוריקגעקומען. צוריקגעקומען מיט אַ רינען פון דער נאָז און מיט אַ געניסעריי.

פון דעמאָלט אָן האָט די מומע יעדע וואָך, אָדער יעדע צווייטע וואָך, באַקומען אַ קאַטאַר. דאָס איז געווען זייער דענער־ווירנדיק. שטאַרק נישט אָנגענעם, נישט פאַר איר און נישט פאַר די אַרומיקע.

די מומע איז געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר, צו אַן אויערן־נאָז ספּעציאַליסט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט דער מומען, אַז זי האָט שוין מן־הסתם פון זייער לאַנג אַ געוויקס, אַ פּאָליפּ אין דער נאָז. נאָר איצט, נאָך דער שווערער פאַרקילונג, איז ער געוואָרן די סיבה פון אירע אָפטע קאַטאַרן. כל־זמן מען וועט נישט אויסשניידן דעם פּאָליפּ, וועט זי פון די קאַטאַרן נישט פּטור ווערן.

כאָטש די מומע איז געווען זייער אַ דרייסטע, האָט זי אָבער פאַר דעם אויסשניידן דעם פּאָליפּ שטאַרק מורא געהאַט. זי האָט עס גערופן: מאַכן אַן אָפּעראַציע. עפּעס האָט די דאָזיקע קליינע כירורגישע באַהאַנדלונג זי שטאַרק געשראָקן.

די מומע איז געגאַנגען צו נאָך דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן, און אַלע האָבן געזאָגט דאָס זעלבע: אויב זי וויל פּטור ווערן פון די קאַטאַרן מוז זי לאָזן אויסשניידן דעם פּאָליפּ. זי איז געפאָרן צום רבין, געלאָזט זיך שרייבן אַ קוויטל, געגעבן אַ שיינעם פּדיון. דער רבי האָט געזאָגט, אַז זי זאָל זיך פאָלגן די דאָקטוירים.

נאָכן אָפּמאַטערן זיך אַ גאַנצן ווינטער מיט די קאַטאַרן, האָט

די מומע אָנהייב זומער זיך ענדלעך דעצידירט אויף דער אָפּעראַציע, ווי זי האָט דאָס גערופן. עס האָט זיך דאָס געטאָן דעם טאָג! מען האָט טעלעגראַפירט צום רבין, געשיקט אים טעלעגראַפיש אַ פּדיון, געגעבן צדקה, די מומעס מיידלעך האָבן געקלאָגט און געוויינט, דער זון איז אַ גאַנצע נאַכט פריער און דעם טאָג ביז נאָך דער אָפּעראַציע געזעסן און געזאָגט תהלים.

ווען עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ביי דער מומען אַרויסגענומען די טאַמפּאָנען און אַדורכגעשווענקט די נאָז, איז זי געבליבן זיצן אַ טויט דערשראָקענע: זי האָט געמאַכט באַוועגונגען מיט דער נאָז, געצוקט מיט די נאָז-פליגלעך, אָבער דעם מינדסטן פּאָנף נישט געהערט, נישט געהערט קיין שאָרך, נישט קיין פּ־ן, נישט קיין פּ־ם, נישט קיין בים און נישט באָם, גאָרנישט, ווי די נאָז וואָלט מיט אַ מאָל שטום געוואָרן.

די ערשטע טעג האָט די מומע דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר די קינדער. פון געוווינהייט האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי הערן דער מאַמעשי פּאָנפן. אָבער נאָך עטלעכע טעג, ווען צוליב דעם כלומרשטן הערן פּאָנפען איז געקומען צו מיספאַרשטייענישן צווישן דער מומען און אירע קינדער, האָט די מומע, נישט האָבנדיק קיין ברירה, אָנגעהויבן צו רעדן.

און אַז די מומע האָט אָנגעהויבן רעדן, האָבן די קינדער איר אָנגעהויבן ענטפערן. ערשט איצט האָט די מומע געזען, אַז זי האָט געהאַט פאַר וואָס מורא צו האָבן, אַז איר שרעק פאַרן אויסשניידן דעם פּאָליפּ איז געווען אַ באַרעכטיקטע. אין אַ צייט אַרום, ווען די מומע האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו רעדן, האָבן איר די קינדער אָנגעהויבן ענטפערן נישט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט, נישט דאָס, וואָס זי איז געוווינט געווען פון זיי צו הערן.

עס איז געשען, אַז צו דער מומעס קינדער זענען אַמאָל געקומען חברטעס, וואָס זענען איר נישט געפעלן געוואָרן. ווען זי האָט דאָס געזאָגט אירע טעכטער, האָבן זיי געענטפערט, אַז היינטיקע צייטן איז נישט אָנגענומען, אַז מוטערס זאָלן זיך צו פיל

אריינמישן אין דעם, וואָס זייערע טעכטער טוען, צי מיט וועמען זיי פאַרברענגען.

די מומע איז געקומען צו לויפן צו מיין טאַטן אין גאַנצן אַ צעטרייסלטע, אַ דערשיטערטע. — גוואַלד ! — האָט זי געשריגן — כ׳מיז שוין זעען מיט מאַן חברה צי טין שידוכים. וועיער ווייסט ווּס ס׳וועט נאָך פין זיי אַראָסקימען. — זי האָט געבעטן מיין טאַטן ער זאָל איר זיין דערין בייהילפיק.

אָבער זייט די מומע האָט אויפגעהערט פּאָנפען און אָנגעהויבן רעדן פּשוטע דיבורים, האָט מיין טאַטע פאַרלוירן צו איר דעם גאַנצן אינטערעס. ער האָט אויפגעהערט רימען איר אייזערנעם קאָפּ, איר חכמה אין פירן די געשעפטן און איר אופן פון דערציען די קינדער. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז די מומע איז די זעלבע יידענע, וואָס אַלע אַנדערע, און אָפּן אַרויסגעוויזן זיין אומגעדולדיקייט צו איר.

סתם אָפּפּטרן די מומע מיט גאַרנישט, האָט דער טאַטע אויך נישט געקאָנט. האָט ער געבעטן ר׳ תנחומען, וועלכער איז געווען דער „אויסערן-מיניסטער״ פון אונדזער שטוב, אַז ער זאָל אַרויפגיין צו דער מומען און אַ שמועס טאָן מיט אירע קינדער. זען ווי זיי האַלטן אין דער וועלט.

ר׳ תנחום איז אין איינעם אַן אינדערפרי, נאָכן דאַווענען, אַרויפגעגאַנגען צו דער מומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פאַלטן מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער טיי, אויסגערויכערט עטלעכע פּאַפּיראָסן און בײם אַוועקגיין גענומען ביי דער מומען אויף אַ דאַראָזשקע.

ווען ר׳ תנחום איז צוריקגעקומען פון זיין וויזיט ביי דער מומען, האָט ער געזאָגט צו מיין טאַטן: — ס׳איז ביטער, די מיידן אין דע יינג רעדן פין ליבע, רחמנא ליצלן. — דערביי האָט ר׳ תנחום אויסגעשפּיגן אויף דער פּאַדלאָגע און געכאַפּט פון אונדזער דינסט, גענענדל, דעם אמתן פּסק.

* * *

די מומע האָט חתונה געמאַכט אירע טעכטער מיט בחורים, וואָס זיי אַליין האָבן זיך אויסגעקליבן. די מומעס איינציקער זון האָט אויפגעהערט קומען אין שטיבל, זיך אָנגעטאָן דאַטש, אין גאַנצן זיך נישט אינטערעסירט מיט דער מומעס געשעפטן, נאָר געגאַנגען שפּאַצירן און געלייענט ביכלעך.

קיין באַר געלט צו געבן די טעכטער האָט די מומע נישט געהאַט. זי האָט יעדן איידעם געגעבן ווי אַ נדן, אַ געהעריקן אָנטייל אין געשעפט. ווען די מומע האָט געזען, אַז איר זון איז נישט קיין לייט, נישט ער לערנט און נישט ער וויל זיין אַ סוחר, האָט די מומע אַריינגענומען די איידעמס זיי זאָלן אין געשעפט אַרבעטן.

זייט די מומע האָט אויפגעהערט צו פּאָנפען, האָבן אירע געשעפטס־אָנגעשטעלטע פאַרלאַנגט פון איר זי זאָל קלאָר אַרויסזאָגן איר מיינונג: יאָ קויפן, צי נישט קויפן, יאָ פאַרקויפן, צי נישט, געבן דעם קונה קרעדיט, צי ניין.

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מומעס מיינונגען זענען גאָרנישט אַזעלכע געראָטענע, אַז מיט איר פּאָנפען האָט די מומע גיכער צוגעטראָפן, ווי מיט איר רעדן. און אפשר האָבן אירע אָנגעשטעלטע אריינגעלייגט אין אירן אַ פּ־ן, צי אַ פּ־ם, זייערע אייגענע כוונות פון גוטע, דערפאַרענע געשעפטסלייט און איצט האָבן זיי זיך פאַרלאָזט נאָר אויף איר. אפשר?...

ווי ס'זאָל נישט האָבן געווען, נאָר די מומע האָט אָנגעהויבן מאַכן פעלערן אין געשעפט, זי האָט געליטן שווערע געלט־פאַרלוסטן. זי האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. דערנאָך, ווען אירע איידעמס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין געשעפט און געזען די שאָדנס, וואָס די מומע איז גורם מיט איר פירעכץ, האָבן זיי געמאַכט צווישן זיך יד אחת, באַשטימט פאַר דער מומען אַ חודשלעכן געהאַלט און זי אין גאַנצן באַזייטיקט פון געשעפט.

די מומע האָט אויפגענומען דעם פּסק פון אירע איידעמס מיט הכנעה. נאָר אירע ברייטע, מענערישע פּלייצעס האָבן אָנגעהויבן

ווערן שמעלער, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַרקיילעכיקן. אירע טריט זענען שוין נישט געווען די אַמאָליקע זיכערע און פּאַמעלעכע, נאָר דראָבנע, שנעלע און ווי דערשראָקענע.

אין אָנהייב פלעגט נאָך די מומע קומען אין געשעפט אַריין, שטיין פון דער ווייטנס און זיך צוהערן צו די מענערישע שמועסן וועגן געשעפטן. זי האָט אָבער געזען, אַז די איידעמס קוקן דערויף קרום, האָט זי אין גאַנצן אויפגעהערט קומען.

די מומעס זון האָט חתונה געהאַט. אירע טעכטער האָבן שוין געהאַט קינדער. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט די מומע אָנגע־הויבן זיך פאַרנעמען אַ ביסל מיט די אייניקלעך.

קיין גרויס געדולד האָט זי אָבער צו זיי נישט געהאַט, און די אייניקלעך זענען געווען צעלאָזט און קאַפּריזנע. די מומע האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיי און זיי אָנגעהויבן פּאַטשן אין די געזעסלעך, דאָס, וואָס צו אירע קינדער האָט זי קיין מאָל נישט געטאָן.

ווען די טעכטער האָבן דאָס באַמערקט, זענען זיי אַרויס צו איר מיט טענות: — וועיער שלוגט דוס האַנט קינדער! די מאַמישי איז אַ פאַנאַטיטשקע. דוס ווּס האָט שוין נישט געטויגט אין די מאַמישים צאַטן, טויג שוין האַנט אוודאי נישט!

זיי האָבן געזאָגט די ווערטער „דוס ווּס האָט שוין נישט געטויגט אין די מאַמישים צאַטן" — מיט אַ פּרעטענזיע, אַ שטייגער, ווי זייער מוטער וואָלט זיי געווען געשלאָגן, אין דער צייט ווען די מומע האָט אויף זיי קיין מאָל קיין האַנט נישט אויפגעהויבן. זי האָט נאָר בלויז געפּאָנפּעט.

די מומע האָט אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט אירע אייניקלעך. זי איז זעלטן געקומען צו אירם אַ קינד. זי איז געזעסן אין דער היים און פון צייט צו צייט עפּעס גערעדט צו זיך.

פּלוצעם זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז די מומע איז נישטאָ. זי איז געשטאָרבן צווישן אַ יאָ און אַ ניין. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט זי געשיקט רופן די עלטסטע טאָכטער און זיך באַקלאָגט פאַר

איר אויף שאַרפֿע וווּנדן אין בויך, ביי דער מילץ. מען האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געווען באַאומרויִקט און געהייסן אויף מאָרגן פֿרי באַשטעלן נאָך אַ דאָקטאָר, אויף אַ קאָנסיליום. די דאָקטוירים האָבן נישט געקאָנט קומען צו קיין באַשלוס, וואָס דאָס איז. זיי האָבן פֿאַראָרדנט איבערצופֿירן די קראַנקע אין אַ פּריוואַטער קליניק. דערווייל האָט די מומע אויסגע־הויכט די נשמה. עס איז געווען, ווי דער מלאך־המוות וואָלט אפילו נישט אויפֿגעהויבן זיין שווערד, נאָר אַ פֿאָכע געטאָן מיט אַ פֿליגל און זי איז שוין נישט געווען.

דאָס איז געווען צוויי טעג פֿאַר סוכות. מען האָט זיך צוגע־יאָגט מיט דער לוויה. צו מאָרגנס נאָך דער לוויה איז געווען ערב יום־טוב. אַזוי ווי יום־טוב נעמט איבער דאָס אבלות, זענען די קינדער געזעסן נאָך איר נישט מער ווי איין טאָג שבעה.

מען האָט וועגן דער מומען גיך פֿאַרגעסן.

נאָר מיין מאַמע, ווען זי פֿלעגט אין די ווינטערדיקע אָוונטן זיצן אין אַ פֿאַטעל און עפּעס שטריקן, האָט טייל מאָל אַרויסגעלאָזן די דראָטן פֿון די הענט, זיך פֿאַרטראַכט און זיך אָנגערופֿן: — עפּעס אַ ווילדע פֿאַרכאַפּעניש איז געקומען אויף דעם מענטש, — און מיר האָבן גוט געוווּסט וועמען זי מיינט.

די מאַמע האָט געקוקט לאַנג און טרויעריק אין איין פּונקט. דערנאָך האָט זי זיך ענגער אַרומגעהילט מיטן וואָלענעם שאַל, טיפֿער זיך אַריינגערוקט אין ווייכן פֿאַטעל און ווידער אָנגעהויבן שטיל ציילן די אייגעלעך פֿון דעם שטריקעכץ.

דער שומר־המתים

דער געשטאָרבענער איז שוין געלעגן אַ שטאַרער און אַ שפּיציקער אויף אַ שמאָלן קאַטאַפאַלק צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. דאָס טוך איז געווען אַרומגעזיימט מיט זילבערנעם שוטאַזש און געהאַט אין די פיר עקן נאָכהענגען פיר זילבערנע טראָלדן און אין מיטן אויסגענייט אַ זילבערנעם מגן-דוד.

צוקאָפּנס דעם צוגעדעקטן מת האָבן אויף שוואַרצע, האָל-צערנע זײַלן געברענט צוויי דיקע ליכט אין זילבערנע לײַכטער.

אין ווינקל פון צימער, נאָענט בײַם פאַרהאָנגענעם פענצטער, איז אויף אַ פאָטעל געזעסן דער שומר-המתים. אַ ייד אַ מיטלוווּק-סיקער, אַ ברייטבייניקער, מיט אַ גרויס פּנים באַוואָקסן ביז די קינבאַקן מיט אַ געדיכטער, האַרטער, שוואַרץ-גרויער באָרד. ער האָט געהאַט שוואַרצע, גרויסע, ברענענדיקע, טיף פאַרזעצטע אויגן אונטער קוסטעס געדיכטע ברעמען. געווען אָנגעטאָן אין אַ לײַכטן, צייגענעם כאַלאַט און אין אַ הויך סאַמעטן קאַפּל אויפן קאָפּ. נעבן אים, אויף אַ שטול, איז געלעגן זײַן שווערע, שוואַרצע, טוכענע פעלערינע און אַ שוואַרץ, קײַלעכדיק טוכן היטל מיט אַ לאַקירטן דאַשיק.

אין זײַנע גרויסע באַוואָקסענע הענט האָט דער שומר-המתים געהאַלטן אַ תהילימל. אַרום זײַן נאָך פריש, רויט מויל און דער ביינערדיקער נאָז האָבן פויל געבלאָנדזשעט האַלב-אַרויסגערעדטע און האַלב-אַרויסגעשנאָרכטע ווערטער, פון וועלכע מען האָט אַמאָפּטסטן אַרויסגעהערט — לשמרך... לשמרך... לשמרך...

אין דעם צימער, ווו דער מת איז געלעגן אויפן קאַטאַפאַלק,

איז קיינער אַחוץ דעם שומר נישט געווען. מען האָט שוין אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ לעבעדיקן שייכות צו דעם נאַר־וואָס געשטאָר־בענעם, געהאַט אָוועקגערוימט. אָבער ס'איז געווען אַזוי, ווי דאָס לעבן וואָס האָט אַזוי פּלוצעם פאַרלאָזט דעם גוף, וואָלט נאָך ערגעץ־ווו אין צימער־חלל געצאַפּלט. ס'האָבן נאָך געהאָנגען שטיקער פאַר־צווייפלט געשריי פון אויפגעריסענע פון שרעק מיילער, כאָטש אין דער גאַנצער דירה האָט שוין געהערשט אַ שטילקייט ווי נאָך אַ שטורעם, ווי נאָך אַ וואַלקן־ברוך, וואָס האָט אַלץ מיט איין מאָל אָפּגעשווענקט...

דער געשטאָרבענער, אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, איז אין גאַנצן עטלעכע טעג קראַנק געווען אויף אַ גריפּע. ער האָט זיך שוין געפילט בעסער, גערעדט און זיך געוויצלט. פּלוצעם האָט זיך דאָס האַרץ ביי אים אָפּגעשטעלט. ער איז געשטאָרבן. און אָט ליגט ער אויפן קאַטאַפאַלק און מאָרגן וועט מען אים ברענגען צו קבורה...

אין דערבייאיקן צימער איז אין אַ טיפן פאָטעל געזעסן די אַלמנה. איר טונקל־שאַטינער קאָפּ, באַזילבערט מיט איינצלנע גרויע האָר, האָט זי געהאַלטן טיף אַראָפּגעבויגן. דער שטערן אונטער־געשפּאַרט מיט דער רעכטער האַנט אין וועלכער זי האָט געהאַלטן אַ פון טרערן דורכגעווייקט טיכעלע. פון צייט צו צייט האָט זיך איר קאָפּ געוויגט אויף הין און צוריק מיט שטומער פאַרצווייפ־לונג: — ניין! דאָס איז נישט מעגלעך!

אין אַ צווייטן פאָטעל איז געזעסן איר טאָכטער. אַ בלאָנדע, אַ נאָך יונגיטשקע פרוי, אין די הויכע חדשים, מיט שוין אַ זייער אָנזעעוודיקן בויך, וואָס האָט איר צעשפּאַרט די פּיס און דעם שוים. זי האָט געטראָגן אַ ברייט גראַנאַטן קלייד און דערויף פאַרוואָרפן אַ דינעם טונקעלן שאַל.

זי איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן. מיט אַ פאַרשלאָסן מויל, מיט צוויי געביילטע פויסטן אונטערגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע. נעבן איר איז געשטאַנען איר מאַן, אַן איידעלער, אַן איבער־געשראָקענער. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר ווען דער שאַל האָט

זיך אַראָפּגערוקט פון דער פּרוים אָרעמס אָדער שוים, האָט ער אים דעליקאַט און זאָרגפעלטיק צוריק אַרויפגערוקט און פאַרדעקט אירע פּיס און הויכן בויך.

אין שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק. אַ הויכער, אַ פעסטער. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב מיט זייער ערנסטע און זיכערע טריט, ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז ער איז דאָ דער איינציקער, וואָס נעמט אויף דאָס אַלץ, וואָס איז געשען, מענלעך און רויִק. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער מיט אַ באַוועגונג פול מיט פאַרלוירנקייט פונאַנדער־פירן און פאַרברעכן די הענט.

דאָס איז געווען אַ שוואָגער פון פאַרשטאָרבענעם, אַ ברודער פון דער אַלמנה.

אויף אַ שטול נעבן טיש איז געזעסן זיין כלה, אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק. אַ ברונעטקע, מיט שוואַרצע מאַנדל־אויגן, מיט פולע, זינלעכע ליפּן. אַ טויִקע פרישקייט איז געלעגן אויף איר איידל, פון אַליוון־קאָליר, פּנים.

זי האָט אין גאַנצן געפלאָטערט פון שרעק פאַר דעם, וואָס איז אַזוי ראַש געשען. זי האָט געציטערט פאַרן טויט, וואָס געפינט זיך אַזוי נאָענט אין צווייטן צימער אונטער דער צוגעלענטער טיר. זי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר חתן, פון זיין הויכער און פעסטער געשטאַלט. איר האָט באַהערשט אַ חשק, אַז ער זאָל זי אַרומנעמען. ער זאָל זי פאַרשטעלן פאַר דעם, וואָס איז אַזוי שרעקלעך, אַזוי פּחדימדיק...

אין דער שטוב, ווו די משפּחה פון געשטאָרבענעם האָט זיך געפונען, האָט דער פאַרנאַכט זיך געשאַרט צו די אָראַנזשענע סטאָרן, וואָס זענען געווען פאַרצויגן איבער די פענצטער. אונטער די ווענט פון דער פאַרטרויערטער שטוב איז איצט געשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט, אַן אומגעוויינלעכע אין דעם געדיכט באַוווינטן, אַלע מאָל טומלדיקן, וואַרשעווער הויף.

* * *

פלוצעם האָט זיך געעפנט די טיר פון צווייטן צימער און ס'האָט זיך באַוויזן דער שומר-המתים אין זיין פולער טראַכט: אין זיין ברייטער שוואַרצער, טוכענער פעלערינע און אין גרויסן, שוואַרצן, טוכענעם היטל מיט דעם לאַקירטן דאַשיק. פון אונטער דעם ברייטן קאָלנער פון דער פעלערינע האָבן פון פאָרנט אַראָפּגעהאָנגען אויף שוואַרצע, געדרייטע שנורן צוויי שוואַרצע טראָלדן.

עטלעכע רגעם האָט זיך דער שומר-המתים אַרומגעקוקט איבערן צימער. מיט זיינע ברענענדיקע אויגן האָט ער צודרינגלעך אָנגעקוקט יעדן איינעם וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, צו דעם אָרט, ווו ס'איז געזעסן דאָס יונגע מיידל, די כלה.

שוין ווען ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך אין איר באַוויזן דער שומר-המתים, האָט זי גיך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן. זי האָט מורא געהאַט קוקן אויף דעם ייד אין דעם אָנטועכץ פון אַ מלאך-המות, אויף דעם ייד, וואָס איז אַזוי נאָענט מיט טויטע.

מיט אַ מאָל האָט זי דערפילט, אַז ער שטייט נעבן איר.

זי האָט אַ צאַפּל געטאָן. דער שומר-המתים האָט אויפגעכאַפּט איר צאַפּל, דערבליקט איר שרעק. ער איז נאָך נענטער צו איר צוגעגאַנגען.

— פריילין...

זי האָט געזוכט אַנטרינונג. אָבער דער שומר-המתים האָט פאַר איר פאַרשטעלט דאָס גאַנצע צימער. געקוקט איר מיט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע, פונאַנדערגעעפנטע אויגן גלייך אין די אויגן אַריין און זי געהאַלטן אויף זיין ברענענדיקן בליק אונטער וועלכן זי האָט זיך געוואָרפן און געצאַפּלט.

— פריילין... זי פאַרשטייען, פריילין... זיצן באַ אַ מעסס איז נישט קאַ קלייניקייט... זיצן באַ אַ מעסס, זי פאַרשטייען,

פריילין... אַז מע זיצט בײַ אַ מעססס דאַרף מע אַלעמול עפּעס נעמען אין מאָל אַרײַן...

זי האָט געהערט „נעמען אין מאָל אַרײַן" און אַ פֿאַרווירטער געדאַנק האָט פֿאַרכאַפּט אויף אַ רגע איר מוח. אין משך פֿון די לעצטע עטלעכע טעג, און אַפֿילו מיט עטלעכע שעה צוריק, האָט זי אָפֿט געהערט, אַז מען דאַרף דעם קראַנקן דערלאַנגען עפּעס אין מויל אַרײַן. און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער ייד מיטן אָנ־טועכץ פֿון מלאך־המות הייסט אויך איצט דערלאַנגען דעם געשטאָר־בענעם עפּעס אין מויל אַרײַן...

דער שומר־המתים האָט דערזען איר צעמישטן בליק, האָט ער זײַנע דיקע, קורצע פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט צוגעלייגט צו זײַנע רויטע, פֿליישיקע ליפּן.

— מיאָ, מיאָ דערלאַנגען עפּעס אין מאָל אַרײַן.

זײַן אָנווײַזן מיט די פֿינגער אויפֿן מויל האָט זי אויסגעניכ־טערט. זי האָט אים איבערגעפֿרעגט אַ דערשראָקענע:

— אַך געיבן עפּעס אין מאָל אַרײַן?...

— יאָ, מיאָ, מיאָ.

— ווּוס ווילט איר?

ער האָט געזען, אַז זי ציטערט אין גאַנצן און האָט גענט־פֿערט פּאַמעלעך, יעדעס וואָרט באַזונדער:

— כ'וויים... עטלעכע פֿרישע קייזערקעס גיט אָנגעשמירט מיט פּיטער, צוויי שיטערע אייער אין אַ גלוז קאַקאָ.

ער האָט זיך אויסגעדרייט פּאַמעלעך, ווי אַ ראָד וואָס ברענגט אין באַוועגונג אַ שווערע מאַשין, און אַרײַן אין שטיב וווּ ס'איז געלעגן דער מת.

באַלד האָט די דינסט, אַן עלטערע קריסטין, אַרײַנגעטראָגן דאָס עסן פֿאַרן שומר־המתים.

פּאַטשנדיק מיט די ליפּן, האָט ער געגעסן פּאַמעלעך און מיט ערנסט. דערבײַ אָפֿט און הויך געזיפֿצט. ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן און אויסגעטרונקען, האָט ער גענומען דאָס לײַ־

דיקע גלאָז, אריין אין דערבייאיקן צימער, צוגעגאַנגען צו דעם יונגן מיידל, דער כלה, און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אַז מען זאָל איר אָנגיסן נאָך אַ גלאָז קאַקאַאָ.

* * *

ס'זענען אַדורך עטלעכע געציילטע שעה. ס'איז שוין לאַנג געווען נאַכט. אין דער שטוב, וווּ די משפּחה פון געשטאָרבענעם איז געזעסן, האָט געברענט איין עלעקטריש לעמפּל. די קריסטלעכע דינסט האָט געפרעגט, צי זי זאָל גרייטן צום אָוונט-ברויט. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט עסן. דער אײדעלער, שטילער יונגערמאַן איז געשטאַנען מיט אַ גלאָז טיי מיט מילך פאַר זיין שוואַנגערנדיקע פרוי און זי געקאָרמעט מיט אַ לעפעלע ווי אַ פּיצל קינד.

פלוצעם האָט זיך געעפנט די טיר פון דער שטוב אין וועל־כער ס'איז געלעגן דער מת און ס'האָט זיך ווידער באַוויזן דער שומר-המתים אין דער ברייטער, שוואַרצער פעלערינע און אין שוואַרצן היטל מיטן לאַקירטן דאַשיק. ער האָט זיך איצט אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, נאָר מיט שווערע פּאַמעלעכע טריט צו־געגאַנגען גלייך צו דעם יונגן מיידל, דער כלה.

— פריילין... זי פאַרשטייען, פריילין... זיצן באַ אַ מעסמס איז נישט קאַ קלייניקייט... זיצן באַ אַ מעססם... זי פאַרשטייען... אַז מע זיצט באַ אַ מעססם דאַרף מען אַלע מול עפּעס נעמען אין מאַל אַראַן...

זי האָט איצט קלאָר באַנומען וואָס ער מיינט, וואָס ער וויל. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון זיין שוואַרצער טראַכט פּילט זיך דער ריח פון טויט. איר האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. דער שומר-המתים האָט געזען איר פאַרענדערט פּנים און איז נאָך נענטער צוגעגאַנגען צו איר:

— שוין צאַט צי עסן קאָלאַציע.

— ווּוס ווילט איר עסן?

— כ'וויים... אַ פינפצן דעקאַ שאַרע-בריסט פין דאַמאַזערן...

עטלעכע שטיקלעך ברויט באַשמירט מיט גענדזן־שמאַלץ... ניי, אין אַ צוויי גלעזער טיי... אָבער פריילין, צי דאַמאַזערן זאָלן זי נישט שיקן די גויע. צי דאַמאַזערן זאָלן זי שיקן דעם יינגעמאַן — האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף איר חתן.

אין אַ קאַרגער פערטל שעה אַרום האָט דער חתן דערלאַנגט דעם שומר־המתים דאָס עסן אויף אַ גרויסער, ניקלנער טאַץ.

אין דער שטוב האָט זיך געלייגט אַ פיינלעכע מידקייט. אַלע האָבן געוואָלט שלאָפן. אַוועקשווימען כאָטש אויף אַ פּאָר שעה אין פאַרגעסנקייט. ס'איז געווען שטיל. קיינער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. אין דער דאָזיקער מידער שטילקייט האָט זיך געהערט דורך דער אָפּגעלענטער טיר דאָס קול פון דעם שומר־המתים, וועלכער האָט האַלב־רעדנדיק און האַלב־שנאָרכנדיק געזאָגט דעם תהילים. ס'האָט זיך אָפט געהערט דאָס וואָרט: לשמרך... לשמרך...

דאָס יונגע מיידל, די כלה, האָט געוואָלט גיין אַהיים. זי האָט געוואָלט אַוועק פון דער נאָענטקייט מיטן טויט, פון דער טרויעריקער שטוב, און פון דעם שומר־המתים, וואָס האָט זי געשראָקן מיט זיין מלאך־המות קליידונג און מיט דעם אַלע מאָל זיך הייסן דערלאַנגען „אין מאָל אַראָן".

זי האָט זיך אָבער געשעמט זאָגן, אַז זי וויל אַהיים. איר איז אויך געווען שווער איבערצולאָזן די אומגליקלעכע משפחה. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

דער חתן האָט געקוקט אויף איר פּנים, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי באַלעבט און פריילעך און איצט איז עס געווען מיד און אויסגעלאָשן. אים האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויף איר.

— עווא, קום וועל איך דיך אַהיים פירן.

זי האָט זיך גערן און פלינק אויפגעשטעלט. דער חתן האָט איר געהאָלפן אָנטאָן דאָס שוואַרץ־זיידענע מענטעלע. אין דעם האָט זיך געעפנט די טיר פון דער שטוב אין וועלכער ס'איז געלעגן דער מת, און ס'האָט זיך באַוויזן דער שומר־המתים אין זיין פולן טראַכט.

ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע, גרויסע, שוואַר־

צע אויגן און זיי אַרויפגעלייגט אויפן מיידלס פּנים. זי האָט דערפילט די שווערקייט פון דעם יידס בליק און געוואָרן צעמישט.

— פריילין... זי גייען אַוועק?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט נישט זיכער.

— וווּס הייסט זי גייען אַוועק?... פריילין... אַזוי קאָן מע נישט... כ׳דאַרף זיצן אַ גאַנצע נאַכט באַם מעססם... זי פאַרשטייען, פריילין... אַ גאַנצע נאַכט באַ אַ מעססם... אין אַז מע זיצט אַ גאַנצע נאַכט באַ אַ מעססם... דאַרף יעך אַלע מול עפּעס נעמען אין מאָל אַראַן... פריילין, אַז זי וועלן אַוועקגיין קאָן יעך דו ניש בלאַבן...

— ר׳ ייד, — האָט זי זיך אָנגערופן אַ פאַרצווייפלטע. — ר׳ ייד, ס׳זענען פאַראַן נאָך מענטשן אין שטיב אַחוץ מיר.

— וווּס? דוס זענען באַ אַך מענטשן?... דוס זענען אַבלים... צעבראָכענע, האַלב־טויטע בריאים, — האָט ער מיט ביטול אָנגעוויזן אויף די אַרומיקע.

זי האָט דערזען די טרויעריקע, שטומע בליקן פון דעם פאַר־שטאָרבענעמס משפחה. זי האָט דערזען איר חתן, דעם הויכן, פעסטן יונגנמאַן, וואָס איז איצט געווען פאַרלוירן, ווי אַ קינד.

זי האָט אויסגעטאָן דאָס מענטעלע און איז פאַרבליבן. דער שומר־המתים האָט אויף איר געקוקט מיט אַ היימישן בליק, ווי אויף עפּעס גאָר אייגנס.

— אין יעצט זאָטס אַזוי גיט און גיט מיאַ עפּעס אין מאָל אַראַן, — האָט ער זיך אָנגערופן.

— וווּס ווילט איר?

— כ׳וויים... עטלעכע טשאַסטעס אין אַ גלוז טיי.

נאָכן דערלאַנגען דעם שומר־המתים די טשאַסטקעס מיט דעם טיי, האָבן זיך אַלע צוגעלייגט שלאָפן, דאָס יונגע מיידל, די כלה, האָט זיך אַוועקגעלייגט אין אָנטועכץ אויף אַ קאָזעטקע און זיך צוגעדעקט מיט אַ פּלעד. אין שטוב איז געבליבן ברענען אַ קליין עלעקטריש לעמפּעלע.

אין מיטן דער נאַכט האָט זי דער שומר־המתים עטלעכע מאָל

געוועקט. דאָ האָט ער געוואָלט אַ גלאָז טיי, און ווידער עפּעס „אין מאָל אַראַן״. יעדעס מאָל ווען זי האָט אים דערזען שטיין איבער זיך, האָט זי אויפגעפלאַטערט ווי אין אַ וויסטן קאָשמאַר.

* * *

אין דער פרי, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען קרובים און באַקאַנטע, וועלכע זענען פון די צייטונגען געוווּיר געוואָרן וועגן דעם אומגליק, האָט זיך דאָס יונגע מיידל, די כלה, אַרויסגעגנבעט און אַנטלאָפן אַהיים.

צו דער לוויה איז זי געקומען אין דער לעצטער מינוט, ווען ס׳איז שוין אויפן הויף געשטאַנען די עגלה מיט די צעעפנטע שוואַרצע טירלעך גרייט אַריינצושלינגען דעם מת. מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ איז זי אַרויף אין שטוב. דער מת איז שוין געלעגן אין אָרון. די נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אין שטוב, האָבן שוין אָנגעהויבן אַראָפּגיין אין הויף.

זי האָט אים ווידער דערזען, דעם שומר־המתים.

ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און צונויפגעלייגט אין אַ פּעקל דאָס שוואַרצע, אויסשעמערירטע מיט זילבער, טוך, די ברייטע, שוואַרצע פּעלערינע און דאָס גרויסע היטל מיטן לעדערנעם דאַשיק.

אין זיין צייגענעם כאַלאַט מיטן פּשוטן טוכענעם היטל האָט ער איצט אויסגעזען יידישלעך צעבראָכן, אָרעם און אָפּגעלאָזן.

א גאַסט אויף אַ חתונה

כ׳בין געגאַנגען דאָס מאָל סתם שפּאַצירן, אַ זאַך וואָס פּלעגט זיך זעלטן ביי מיר טרעפן. כ׳בין געגאַנגען אַליין און אָן אַ באַשטימטן ציל. כ׳האָב נישט געוווּסט דורך וואַנען און וווּ אַהין איך וועל גיין.

די צייט איז געווען אַ נאָך־שבועותדיקע. די נאַכט אַ קילע. איך האָב געטראָגן אַ טונקל־גראַנאַט אַנצוג, אַ ווייס זיידן אויבער־העמד, שוואַרצע לאַטשן און אַ הארטן קאַפּעליוש, אַ מעלאָניק, וועלכן כ׳האָב אין מיין לעבן אַ קורצע צייט געטראָגן, גראָד דע־מאָלט, אין דער צייט, ווען וועלכער איך דערצייל איצט.

כ׳בין געגאַנגען פּאַמעלעך. אַרויס פון דער שעראַקאָווסקע גאַס און דורכגעשניטן דעם מוראַנאָווער פּלאַץ מיט דעם קליינעם גערטנדל, מיטן סקווער.

אין מיטן סקווער זענען געשטאַנען עטלעכע יונגע אַקאַציע־ביימער אין גאַנצן באַדעקט מיט ווייסע, קליינע בלימעלעך. די עלעקטרישע בויגן־לאָמפּן האָבן שפּעדיק געגאָסן זייער ראָזע־פּיאָלעט ליכט אויף דעם פּלאַץ, אויפן סקווער, אויף די צעבליטע אַקאַציע־ביימער און אויפן פרישן גרין פונעם נידעריק־געשאָרענעם גראָז.

די געוועלבער אַרום דעם פּלאַץ זענען געווען געשלאָסן. דאָס אָרט דורך וועלכן איך בין אַזוי פיל מאָל געגאַנגען האָט איצט מיר אויסגעזען ניי, ווי מען וואָלט עס נאָר־וואָס פון ערגעץ־ווו געבראַכט אַהער און עס דאָ אַוועקגעלייגט.

מיך אַליין האָט אויך באַהערשט אַ געפיל פון באַנייאונג. ס׳איז מיר געווען גוט, אָן שום סיבה. כ׳האָב הנאה געהאַט פון

מיין יעדן טראָט וואָס איך האָב געשטעלט אויף דעם גלאַטיקן טראָטואַר.

כ׳בין פון מוראַנאָווער פּלאַץ אַריין אין די נאַלעווקעס. ס׳איז געווען צווישן ניין און צען אָוונט. די גאַס האָט איצט געגרוט פון איר גאַנץ־טאָגיקן טומל. זי איז געווען אָפּגעקערט און ס׳איז נאָך אויף איר קאַנטיק געווען די פייכטקייט פון וואַסער מיט וועלכן די הויז־וועכטער האָבן זי אין די פאַר־אָוונט שעה באַגאָסן.

די געשעפטן זענען געווען אַריין אין זיך, געשלאָסן. די שויפענצטער פאַרשטעלט, אויסגעלאָשן. די בלעכענע שילדן, נישט באַלויכטענע, זענען געהאָנגען איבער די נעכט סתם־אַזוי, בכדי זיי זאָלן ערשט אויף די מאָרגנס צו נוץ קומען. נאָר די עלעקטרישע בויגן־לאָמפּן האָבן געפּלייצט מיט ראָזע־פיאָלעט ליכט איבער דער גרויער, שטיינערנער גאַס און נישט־באַלויכטענע הייזער.

בין איך געגאַנגען פּאַמעלעך איבער דער גאַס און איינגעזאַפּט אין זיך מיט פאַרגעניגן דעם אָפּקלאַנג פון מיינע אייגענע טריט. כ׳האָב איבערגעשניטן דעם אַריינגאַנג אין דער גענשער גאַס, ווו אויפן ראָג האָט געברענט אַן עלעקטרישע לאָמפּ און באַלויכטן אַ פּאָר גרויסע, גאָלדענע ברילן און אַ פלאַטשיק גלאָז, באַמאָלן מיט אַ גרוים בלוי אויג, וועלכע האָבן געהאָנגען איבערן געשעפט פון דעם אָפּטיקער, פיק.

כ׳בין אַריבערגעגאַנגען איבער דער גאַס און זיך דערנעענטערט צו דער שוויענטאָ־יערסקע. דאָ האָבן זיך די נאַלעווקעס אויסגעברייטערט און באַלד זיך אָנגעהויבן טיילן אויף עטלעכע אָפּצווייגונגען, ווי אַ גרוים טייך איידער עס פאַלט אַריין אין ים אַריין.

כ׳האָב זיך אויף אַ רגע געמוזט אָפּשטעלן און אַ טראַכט טאָן: דורך וועלכן וועג איצט גיין? אין דעם האָב איך געזען פון דער נאַוואָליפּקע גאַס אָנפאָרן עטלעכע דראָזשקעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען רעכטס, צו דעם אָרט ווו איך בין געשטאַנען.

די דראָזשקעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איינע הינטער דער

אַנדערער, ביים הויז, וואָס איז געווען אויפן ראָג נאַלעװקעס און שווינטאָ-יערסקע, דאָרט ווו איך בין געשטאַנען און געטראַכט, ווו ווייטער צו גיין.

* * *

איך האָב גוט געוווסט, אַז פאַר אַ גרויסשטאָטישן מענטש פּאַסט נישט צו שטיין אין גאַס און זיך צוקוקן צו אַ געזעמל פון פרעמדע מענטשן. אָבער דאָס מאָל האָט דער נייגער אין מיר איבער־געוויגן מיין באַשלוס, תיכּף זיך צו דערווייטערן פון דעם אָרט ווו די דראָזשקעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און גיין ווייטער.

אין מיר איז אויפגעגאַנגען אַ חשק צו זען די פרעמדע פּנימער, צוקוקן זיך צו פרעמדע מענטשן, צו זייערע באַוועגונגען, צו זייער אויפפירן און פאַרהאַלטן זיך.

איך בין געבליבן שטיין און אָבסערווירט. פון איינער פון די דראָזשקעס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגער־מאַן, אַ נידעריקער, מיט אַ ביסל אַ הויכער פּלייצע, ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל־מאַרענגאָ אַנצוג און אַ ווייכן מאַרענגאָ קאַפּעליוש, פאַררוקט אַרויף אויפן בלייכן שטערן. אויף דער דיקער נאָז אַ פּאָר בינאָקלעס אויף אַ גאָלדן קייטעלע.

דער יונגער־מאַן איז צוגעלאָפן צו ערשט צו אַ דראָזשקע אין וועלכער ס'איז געזעסן אַ יונגע כּלה אין אַ גראַנאַטן מענטעלע פאַרוואָרפן אויף די אָרעמס. מען האָט פון דעם מענטעלע אַרויס־געזען איר ווייס חופּה־קלייד. צו אירע האָר איז געווען צוגעשפּילעט אַ קורצער דינער וועלאָן, אַרומגענומען אַרום דעם קאָפּ מיט אַ קרענצל קליינע ווייסע בלימלעך. אין האַנט אַ בוקעט ווייסע רויזן. לעבן איר איז געזעסן דער חתן, אַ שמאָלער, מיט אַ לענגלעך פּנים מיט קליינע וואָנסעלעך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סמאָקינג פון וועלכן מען האָט אַרויסגעזען דעם ווייסן גאָרס פון דעם שטייף־געפּרעסטן העמד מיט אַ הויכן קאָלנער און אַ ווייס שלייפל.

פון דער דאָראָזשקע מיט חתן־כלה איז דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס צוגעלאָפן צו אַ צווייטער, ווו ס'זענען געזעסן עטלעכע פרויען און געהאַלטן אויף די קניען קוישן פון וועלכע ס'האָבן אַרויס־געקוקט דאַרע העלדזער פון פלעשער. פון דאַנען איז ער ווידער צוגעלאָפן צו אַן אַנדער דאָראָזשקע, אין וועלכער ס'זענען געזעסן יונגע מיידלעך אין העלע קליידער מיט פאַרוואָרפענע אויף די אָרעמס טונקעלע מענטעלעך. פון דאָרט, ווידער, צו אַן אַנדער דאָ־ראָזשקע ווו ס'זענען געזעסן עלטערע יידן מיט בכבודיקע, ברייט צעקעמטע שווארצע און גרויע בערד, און אַזוי אַלע מאָל צו אַן אַנדער דאָראָזשקע.

אומעטום, ביי יעדער דאָראָזשקע, האָט דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס געהאַט וואָס צו זאָגן. דאָ מיט אַ שמייכל, דאָרט מיט אַ געבייזער, אַ מאָל שטיל און אַ מאָל מיט אַן אויפגעהויבענער שטימע. ס'האָט אויסגעזען ווי אומעטום גיט ער עצות, זאָגט אַרויס דעות, צי גאָר ער גיט אַרויס באַפעלן. ער האָט זיך אויפגעפירט מעשה באַלעבאָס.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון די דאָראָזשקעס. די ערשטע זענען אַראָפּ די יונגע מיידלעך. זיי זענען צו צו דער דאָראָזשקע אין וועלכער ס'זענען געזעסן חתן־כלה. זיי האָבן גע־האָלפן דער כלה אויסשטייגן. זי אָנגענומען אַזוי צערטלעך און פאַרזיכטיק ביי די אָרעמס ווי זי וואָלט געווען פון פאָרצעליי, אָדער פון אַן אַנדער קרוכע מאַטעריאַל. די מיידלעך האָבן געקוקט אויף חתן־כלה מיט שטראַלנדיקע אויגן און נאַריש געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, אַרומגעקרייזט אַרום חתן־כלה מיט דראָבנע טריטלעך און געמאַכט אַ סך קינסטלעכע און אומנייטיקע באַוועגונגען. ערשט ווען דער חתן האָט גענומען די כלה אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן מיט איר גיין, האָבן אויך די מיידלעך אָנגעהויבן שטעלן נאַטירלעכע טריט.

דערנאָך זענען אויסגעשטיגן די פרויען מיט די קוישן אין די הענט און גיך אַריין אין טויער פון הויז. פּאַמעלעך און בנעי־

מותדיק זענען אַראָפּ פון די דאָראָזשקעס די עלטערע יידן. זיי האָבן זיך אָפּגעצויגן גלייך די סאַקן, די טוכענע, שוואַרצע, געהאַקטע קאַפּאָטעס, געגלעטן די קלאַפּעס, זיך גלייך געמאַכט די בערד. טייל פון זיי האָבן געענדיקט דאָס רויכערן פּאַפּיראָסן און מיט געמאָס-טענע טריט געגאַנגען אין דער ריכטונג צום טויער.

דער יונגער-מאַן אין די בינאָקלעס האָט קיינעם נישט געלאָזט צאָלן פאַר די דאָראָזשקעס. ווי נאָר אימעצער האָט געעפנט דעם ביימל, איז ער פלינק אונטערגעשפּרונגען און אַריינגעלייגט דעם דאָראָזשקאַזש דאָס געלט אין דער האַנט. ווען אימעצער האָט אים געוואָלט צוריקגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט באַצאָלט, האָט דער יונגער-מאַן אַ באַליידיקטער אַוועקגעשאַרט יענעמס האַנט. ער האָט גערעדט מיט פּסוקים צו די עלטערע יידן, זיך געוויצלט מיט די יונגע מיידלעך און בחורים. געשוווּמען פון איינעם צום אַנדערן, אָנגענומען די מיידלעך ביי די הענט, געקלאַפּט די בחורים אין די פּלייצעס.

ווען אַלע זענען שוין געהאַט אַריין אין טויער, האָט דער יונגער-מאַן אין די בינאָקלעס זיך נאָך אַלץ אומגעקוקט, צי ס׳איז אימעצער נישט געבליבן.

* * *

איך האָב אָנגעהויבן שטעלן טריט און גיין מיין וועג.

איך האָב זיך גרינג אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז מען געקומען פון אַ רב, ווו מען האָט געשטעלט אַ חופּה, ווי דאָס איז דעמאָלט אין וואַרשע געווען אין דער מאָדע, און די געסט זענען נאָנטע קרובים, וועלכע מען האָט פאַרבעטן אויף דער סעודה. פון דעם אופן ווי אַזוי דער יונגער-מאַן אין די בינאָקלעס האָט גערעדט צו דער כלה, האָב איך אויך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין אירס אַ נאָנטער, מן-הסתם אירס אַ ברודער.

פּלוצעם האָב איך דערפילט ווי אימעצער האָט מיך אָנגע-כאַפּט ביים רעכטן אָרעם.

אַ פאַרוווּנדערטער האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען לעבן זיך דעם יונגן-מאַן וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי די געסט. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט מיין אָרעם און געקוקט אויף מיר פון אונטער די בינאָקלעס מיט אַ פּאָר קראַנקע, אויסשטאָרצנדיקע אויגן. זיין בלייך פּנים איז געווען איין שטיק טענה, איין שטיק פאָרוווּרף.

— וווּס? איר וועט נישט אַראָפּגיין אויף די חתונה? איר וועט פאַרשעמען אַ יתומה? איר וועט אינדז אונטוּן אַזאַ עגמת-נפש?

ער האָט יעדעס וואָרט אַרויסגעזאָגט באַזונדער, ווי ער וואָלט זיך געווען געאיקעט, אָבער דאָס וואָרט „איר" האָט ער אַזוי שאַרף אַקצענטירט, ווי איך וואָלט דאָס געווען דער נאָנטסטער מחותן אויף דער דאָזיקער חתונה.

מיר איז געווען שטאַרק נישט-אָנגענעם פון דעם, וואָס אַ פרעמדער מענטש האַלט מיך ביים אָרעם. שוין די בלויזע באַרירונג פון אַ פרעמדן פלעגט מיך דענערווירן.

ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז דער יונגער-מאַן אין די בינאָקלעס נעמט מיך אָן פאַר אימעצן אַנדערש, פאַר עפּעס אַ בכבודיקן גאַסט וואָס קאָן שטאַרק הייבן דאָס חשיבות פון דער שמחה.

דאָס פּשוטסטע איז געווען זיך אָנצורופן: — יונגער-מאַן, איר האָט אַ טעות. איך האָב נישט קיין שייכות מיט אייער שמחה. כ'בין אַ מענטש, וואָס איז דאָ צופעליק אַדורכגעגאַנגען.

אָבער דווקא דאָס פּשוטע איז פון מיר אַנטרינען. איך האָב געזען פאַר זיך דאָס בלייכע פּנים און דעם טרויעריקן בליק פון דעם יונגן-מאַן און מיר איז געוואָרן אַ רחמנות אויף אים. איך האָב נישט געפונען אין זיך גענוג כוח אים צו אַנטוישן. כ'האָב זיך עפּעס געשעמט אים צו זאָגן, אַז ער האָט אַ טעות, פּונקט ווי כ'פלעג זיך שעמען צוצוגיין צו אַ פרעמדן מענטש אין גאַס און אים זאָגן, אַז עפּעס אין זיין קליידונג איז נישט אין אָרדענונג, כאָטש

כ'האָב געוווּסט, אַז נאָך דער ערשטער מינוט פון פאַרזשעניִרטקייט, וועט יענער מיר זיין דאַנקבאַר.

דאָס גאַנצע טראַכטעניש מיינס האָט געדויערט געציילטע רגעס. אָבער דאָס איז געווען גענוג, אַז דער יונגער־מאַן זאָל זיך איבערצייגן, אַז זיין השערה איז אַ ריכטיקע, אַז איך בין געקומען אין איינער פון די דראָזשקעס צוזאַמען מיט די געסט, אָבער איצט וויל איך אויסמיידן דאָס אַרויפגיין אויף דער חתונה.

דער יונגער־מאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן מיך ביים אָרעם, האָט איצט נאָך שטאַרקער פאַרקלעמט אַרום אים זיין האַנט. זיינע אויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן אויסגעדריקט בלויז עמפּערונג.

— וווּס, איר קלערט נאָך? — האָט ער אויסגעשיפּעט.

און דאָ איז געשען דאָס סאַמע אומדערוואַרטעסטע פאַר מיר אַליין. כ'האָב געפילט און געוווּסט, אַז איך פּלאָנטער זיך אַריין אין עפּעס אַ משונהדיקער סיטואַציע. קעגן יעדן שפּור פון שכל הישר, קעגן יעדער לאָגיק, אַ דערשראָקענער פון דעם וואָס איך טו, האָב איך אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג צום טויער אין וועלכן ס'זענען פריער אַריין די אָנגעקומענע געסט. דער יונגער־מאַן האָט אָפּגע־לאָזט מיין אָרעם און געגאַנגען אַ האַלבן טריט הינטער מיר.

ווען כ'בין אַריין אין טויער האָב איך פון דער ווייטנס באַ־מערקט די עטלעכע עלטערע יידן, פון די געסט וואָס זענען אויסגע־שטיגן פון די דראָזשקעס, אַריינגיין אין דעם לינקן, לעצטן הויז־איינגאַנג פון הויף. דאָרט אַהין האָב איך אויך געוואָנדן מיינע טריט.

כ'האָב געשטעלט קליינע, פּאַמעלעכע טריט. כ'האָב געהאַט איין ווּנטש, אַ טיפן ווּנטש, וועלכער איז אין מיר אויפגעגאַנגען ווי אַ געבעט, אַז דער וועג פון טויער צום הויז־איינגאַנג זאָל דויערן און דויערן, זיך ציען אָן אַ סוף, זאָל געדויערן אַ שעה, צוויי שעה, דריי שעה, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די חתונה וועט זיך ענדיקן, ביז וואַנען די געסט וועלן אָנהייבן אַוועקגיין. כ'האָב געגלייבט אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך. כ'בין געווען זיכער אַז אַזוינס קאָן געשען.

כ׳בין שוין געווען אין הויז־איינגאַנג. געגאַנגען איבער די טרעפּן. געשטעלט שווער די פיס ווי זיי וואָלטן מיר געווען אָנגע־גאָסן מיט בליי. דער יונגער־מאַן איז געגאַנגען די גאַנצע צייט אַ האַלבן טריט הינטער מיר. דער רירעוודיקער יונגער־מאַן האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע סימנים פון אומגעדולדיקייט צוליב מיין פּאַמעלעכן גיין. ס׳איז געווען ווי ער וואָלט געהאַט פאַרגעסן אין חתן־כּלה, אין די געסט, ווי זיין איינציקע אויפגאַבע וואָלט געווען נאָר מיך צו ברענגען אויף דער חתונה.

די גאַנצע צייט פון אונדזער גיין איבערן הויף האָט דער יונגער־מאַן זיך נישט אָנגערופן צו מיר מיט אַ וואָרט. ווען איך בין אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, האָב איך זיך אַ נישט־דעצידירטער אומגעקוקט אויף די דריי איינגאַנגס־טירן וואָס זענען דאָרט געווען. דער יונגער־מאַן האָט אויפגעכאַפּט מיין נישט־זיכערן בליק.

— וווּס, איר געדענקט שוין אפילו נישט ווי מיר וווינען? — האָט ער געזאָגט צו מיר מיט שינאה.

איך בין ווידער געגאַנגען אויף שטיגן. אויפן צווייטן שטאָק האָב איך פון אונטער איין טיר געהערט אַ רעש. כ׳האָב אַרויפ־געלייגט מיין רעכטע האַנט אויף דער קליאַמקע. די טיר האָט זיך געעפנט.

דער יונגער־מאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אַ האַלבן טריט הינטער מיר, איז איצט מיר פאַרלאָפן דעם וועג, אַריינ־געשטעקט דעם קאָפּ אין דער קיך אַריין און זיך געוואָנדן צו אַ פרוי, אַן עלטערע, אַ דיקלעכע, אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד, אָנווייזנ־דיק מיט זיינע צוויי פונאַנדערגענומענע הענט אויף מיר:

— מאַמישי, ער האָט דאָך גורנישט גיוואָלט אַראָפּגיין אָף די חתונה! כ׳האָב דאָך אים גימיזט נעמען מיט כּוח!

די עלטערע פרוי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פרעמדן בליק. אירע טונקעלע אויגן, אָנגעגרייטע צו שמייכלען, האָבן געקוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט. אַזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן. דערנאָך האָט זי גענומען באַוועגן מיטן קאָפּ פון רעכטס אויף לינקס, מיך

אַנגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און גערעדט ווי צו זיך: — נישט שיין, נישט שיין.

דער יונגער־מאַן האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שטעכיקן בליק, זיין פּנים האָט זיך געשמאָלצן פון בייזער פרייד.

* * *

ער האָט מיך אַריינגעשטופּט אין אַ גרויסער שטאַרק באַלויכטענער שטוב אַריין, אין וועלכער עס זענען געווען די געסט. ווידער האָט ער מיט זיינע פונאַנדערגענומענע הענט אָנגעוויזן אויף מיר און געזאָגט מיט אַ טריאומף־שטימע:

— ני, אָבער כ'האָבן אַרויפגעברענגט!

איך בין געשטאַנען אין מיטן שטוב. אַלעמענס אויגן זענען געווען געוואָנדן אויף מיר. כ'האָב געזוכט ווו צו אַנטרינען. מיין מוח האָט נישט געאַרבעט, נאָר אויף זיין אויבערפלאַך האָבן זיך געוואָלקנט שטיקער אָפּגעריסענע געדאַנקען.

אין אַ ווינקל פון דער גרויסער שטוב, האָב איך אין אַ טיפן פאָטעל דערבליקט זיצן די כלה. זי האָט נאָך געטראָגן איר ווייסן וועלאָן. האָב איך זיך איינגעקוקט אין אים, ביז ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אַז מיינע אויגן זענען פאַרשטעלט מיט אַ זיך כוואַלענדיקער ווייסקייט.

פון צעמישטקייט, פון אויסטערלישקייט האָב איך זיך מיט אַ מאָל דערפילט מוראדיק מיד. ס'איז מיר געווען שטאַרק היים. פון אונטער דעם האַרטן קאַפּעליוש זענען טראָפּנס שוויים מיר גערונען איבערן פּנים.

אין דעם האָב איך דערהערט אַן עלטערע, מיושבדיקע שטימע געוואָנדן צו מיר:

— ס'איז היים. טוט אָפּ דעים קאַפּעליוש, — און בכדי כ'זאָל נישט מיינען אַז מען הייסט מיך גיין בגלוי ראש, מיט אַ בלויזן קאָפּ, האָט זיך די שטימע געצויגן ווייטער: — אין טוט און דום קאַפּל אין וועלכן איר זענט געגאַנגען באַ דער חופּה.

כ׳האָב מיט משונהדיק צוגעאײלטע באַוועגונגען אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס. אין די בוזעם־קעשענעס, אין די פאָדערשטע פון דער מאַרינאַרקע, אין די הויזן־קעשענעס. אָבער אין ערגעץ איז קיין קאַפּל נישט געווען.

— וואָס, איר האָט פאַרלוירן דאָס קאַפּל?

— כ׳האָב עס פאַרלוירן, אָדער מען האָט עס מיר אַרויס־געצויגן, — האָב איך געענטפערט מיט אַ כמעט וויינענדיקער שטימע, ווי אַ קינד וואָס האָט עפּעס פאַרלוירן און האָט מורא מען זאָל אים דערפאַר נישט באַשטראָפן.

מיין זאָג „אָדער מען האָט עס מיר אַרויסגעצויגן", האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. כ׳האָב עס געזען באַשיימפּערלעך. כ׳האָב בפירוש געפילט אַז אַלע קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט.

אַן עלטערער ייד האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קע־שענע צוויי קאַפּלעך, אַ סאַמעטנס און אַ זיידנס. דאָס סאַמעטענע האָט ער זיך אָנגעטאָן אויפן קאָפּ און מיר האָט ער דערלאַנגט דאָס זיידענע שלאָף־קאַפּל.

— נאַ, טוט עס אָן. באַם אַהיימגיין וועט איר מיר עס צוריק־געבן.

כ׳האָב אויסגעטאָן מיין האַרטן קאַפּעליוש און אָנגעטאָן דאָס קאַפּל. דעם קאַפּעליוש האָב איך געהאַלטן אין דער האַנט.

די גאַנצע צייט האָט דער יונגער־מאַן מיט די בינאָקלעס געקוקט אויף מיר מיט אַ ווילדער הנאה. מיט דער הנאה, מיט וועלכער קינדער מיט סאַדיסטישע נייגונגען קוקן זיך צו ווי אַ קאַץ שפּילט זיך מיט אַ געכאַפּטער מויז.

אין מיר איז אויפגעגאַנגען אַ שרעקלעכער כעס צו דעם יונגן־מאַן אין די בינאָקלעס. כ׳האָב געפילט אַז דאָס פּנים גיסט זיך מיר אָן מיט בלוט, אַז דער קאַרק ווערט מיר שטייף. מיט אַ שאַרפער באַוועגונג האָב איך אים דערלאַנגט מיין קאַפּעליוש אַוועקצוהענגען.

אָבער דער יונגער־מאַן האָט זיך געמאַכט ווי נישט זען.

ער האָט נישט געמאַכט די מינדעסטע באַוועגונג. מיין האַנט מיט דעם קאַפּעליוש איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

ס'האָט זיך דערנענטערט צו מיר אַ יונגער מענטש מיט אַ צעשמייכלט פּנים. כ'האָב דערפילט אַז דער יונגער מענטש האָט מיך דערקענט. פון שרעק איז אין מיר אַלץ איינגעשרומפּן געוואָרן. כ'האָב אָבער נאָך נישט געוווּסט צי האָט ער אין מיר דערקענט אַ באַקאַנטן, צי אַ פרעמדן.

דאָס שמייכלענדיקע פּנים האָט זיך שוין געפונען נאָנט צו מיינס. צוויי גאָלדענע ציין האָבן געווונקען צו מיר פון יענעמס מויל מיט אַן אָנזאָג פון אַן אַנטפּלעקטן סוד. איך האָב אין גאַנצן געציטערט מיט אַ דראָבנעם, נישט-אָנזעבאַרן ציטער.

— ווּס, איר דערקענט מיך נישט? מיר האָבן דאָך ביידע צוזאַמען גיהאַלטן אַ שטאַנג פון די חופּה. איר דערקענט מיך שוין נישט?

— אַ, יאָ, אַוודאי, כ'געדענק אייך. אָבער פאַרוואָס האָט איר זיך געלאָזט אַרויסנעמען דאָס ליכטל פון דער האַנט?

ווי אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אין אַ געפאַר, קומען אַרויף אין זיין געדאַנק נישט נאָר פאַרענטפערונגען, אויפקלערונגען, וועגן וועלכע ער האָט פריער קיין אָנונג נישט געהאַט, נאָר אויך זעאונגען האָט ער פאַר זיינע אויגן. אַזוי איז אויך געשען מיט מיר.

ווי נאָר כ'האָב אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָב איך דערזען פאַר זיך אַזאַ בילד: דער יונגער מענטש, מיט אַ צעשמייכלט פּנים פונקט ווי איצט, שטייט און האַלט מיט ביידע הענט אַ שטאַנג פון אַ חופּה. נאָר צווישן זיין דיקן פינגער און ווייז-פינגער איז פאַר־קוועטשט אַ ליכטל, אַ קאָלירטס, אַ ברענענדיקס.

אין דעם גייט צו אים צו אַ ייד אין אַ וואָכעדיקער קאַפּאָטע, מיט אַ האָרט, רויט בערדל און מיט אַ פּאָר שטאַרקע הענט נעמט ער אַרויס פון דעם צעשמייכלטנס פינגער דאָס ברענענדיקע ליכטל.

— איט'גיזעען, — רופט זיך צו מיר אָן דער יונגער מענטש, — אין מיט וווּספאַראַ חוצפּה עיער האָט מיר אַראָסגענימען דום לעכטל

פֿין די האַנט. אין עיער איז גונישט געווען קאַ גאַסט אָף די חתונה, נאָר עפּעס אַ פרעמדער ייד וואָס דרייט זעך באַם רב.

ווען איך האָב דערהערט די ווערטער: „גונישט קאַ גאַסט אָף די חתונה, נאָר עפּעס אַ פרעמדער" איז מיר מיט איין מאָל דאָס האַרץ אַריינגעפאַלן אין בויך-חלל. כ'בין געווען זיכער אַז מיט די ווערטער מיינט ער מיך. און אפשר איז ער מיך גאָר חושד, אַז איך האָב אים אַרויסגענומען ביי דער חופה דאָס ליכטל פון דער האַנט?

אָבער, ווי ס'זאָל נישט האָבן געווען, איך האָב אים מער נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב זיך געקלאַמערט אין אים. ער איז געווען מיין איינציקער „באַקאַנטער" אויף דער חתונה. ער האָט מיר געוואָלט אַרויסנעמען דעם קאַפּעליוש פון דער האַנט און אים אַוועקטראָגן אין פאָדער-צימער. אָבער איך האָב נישט געלאָזט. מיר זענען ביידע אַרויס, און איך האָב אויפגעהאָנגען מיין הוט אויפן הענגער. דערנאָך זענען מיר ביידע צוריקגעקומען אין גרויסן צימער אַריין.

* * *

סאַרווערס האָבן פונאַנדערגעשטעלט אין מיטן שטוב גע-שטעלעכצלעך, ווי קאָזלעס, און אויף זיי אַרויפגעלייגט דינע פלאַטן צוזאַמענגעקלאַפּטע פון עטלעכע ברעטער. די פלאַטן זענען שוין פון פריער געווען געדעקטע מיט ווייסע טישטעכער. ס'זענען אויף זיי געשטאַנען דאָפּלטע טעלער, ס'איז געלעגן באַשטעק. לעבן יעדן טעלער איז געלעגן אַ בילקע, וועלכע כ'האָב דערקענט, אַז זי איז פון ליטווישן בעקער פון די נאַלעווקעס. פון דער צווייטער זייט פון יעדן טעלער איז געלעגן אַ ווייס וועבן-סערוועטל, אייגנטלעך נישט געלעגן, נאָר געשטאַנען, און געהאַט די פאָרעם פון אַ דריי-שפּיצנדיק היטל.

איך בין געשטאַנען מיט מיין נייעם באַקאַנטן און געקוקט ווי אין געציילטע רגעס איז די גאַנצע שטוב געוואָרן באַשטעלט מיט

סערווירטע טישן. די סאַרווערס האָבן אַרומגעשטעלט אויבן־אָן די טישן מיט שטולן און ביי די זייטן מיט בענק.

ס'איז צו אונדז צוגעקומען דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס און זיך אָנגערופן שטרענג:

— די, שלמה, — האָט ער געזאָגט צו מיין נייעם באַקאַנטן, — די וועסט זיצן מיט ברוכן אין זאַן וואַב. און איר, — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר מיט אַ פינגער, — איר וועט זיצן אויבן־און, לעבן די מחותנים.

איך האָב אַ קוק געטאָן מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף מיין נייעם באַקאַנטן. אין זיין צעשמייכלט פנים איז איצט נישט געווען קיין ניצוץ פון סימפּאַטיע צו מיר. דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס האָט אויפגעכאַפּט דעם פאַרבאָרגענעם מיין פון מיין בליק און זיך אָנגערופן צו מיר מיט כעס:

— ניין, איר וועט זיצן אויבן־און, לעבן די מחותנים.

די סאַרווערס האָבן געבעטן דעם עולם זיך וואַשן די הענט און פאַרנעמען ערטער ביי די געדעקטע טישן. דער געהילפס־סאַרווער, אַ יונגער, רירעווודיקער, מיט דינע, בלאָנדע וואָנסעלעך, וואָס וועגן נישט דאָס קאָפּל אויפן קאָפּ וואָלט ער אויסגעקוקט אין גאַנצן ווי אַ געהילף ביי אַ פריזירער, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער שטוב, לעבן דעם וואַשטיש, געהאַלטן אַ שעפּ אין דער האַנט און יעדן גאַסט באַגאָסן די צונויפגעלייגטע הענט־לעפל מיט אַ פולער שעפּ וואַסער.

דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס האָט דערווייל צעשטעלט משקאות אויף די טישן, און איינצייטיק אָנגעוויזן די שוין געוואַשענע, ווו זיך אַוועקצוזעצן.

דער ערשטער האָט געוואַשן די הענט דער חתן. דערנאָך אַ ייד מיט אַ שוואַרץ־גרויער ברייטער באָרד, וועלכן מען האָט גערופן: מחותן, דערנאָך אַן עלטערער ייד מיט אַן אין גאַנצן גרויער באָרד, וועלכן מען האָט גערופן אי מחותן, אי פעטער. דערנאָך האָט דער געהילפס־סאַרווער צוגערופן מיך, איך זאָל זיך וואַשן.

ווען איך האָב פּראָטעסטירט, ווען איך האָב געזאָגט: — ס'זענען פאַראַן עלטערע פאַר מיר, — האָט דער געהילפס-סאַרווער מיר געענטפערט מיטן זעלבן טאָן ווי דער יונגער-מאַן אין די בינאַק-לעס: — ניין. יעצט וואַשט זיך איר.

ער האָט אַרויפגעגאָסן דאָס קאַלטע וואַסער אויף מיינע הענט. דעמאָלט האָב איך מיט איין נאַסער האַנט זיך אַ וויש געטאָן איבערן פּנים. כ'האָב זיך אויף אַ רגע אויסגעניכטערט פון דער פאַרוואָלקנט-קייט פון מיין געדאַנק. כ'האָס ווי אָפּגעווישט די כוואַלעדיקע ווייס-קייט פון פאַר מיינע אויגן, און מיר איז געוואָרן משונהדיק אומ-היימלעך. ס'איז מיר באַפאַלן אַ פּחד פון דעם גאַנצן אַרום, פון דעם אַלץ וואָס טוט זיך מיט מיר.

דער געהילפס-סאַרווער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ בייזן בליק. מיר האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז ער האָט זיך מיט אימעצן איבערגעוווּנקען. ס'איז צוגעקומען צו מיר דער יונגער-מאַן אין די בינאָקלעס. ער האָט מיר אַרויסגענומען דאָס האַנטעך פון די הענט, מיך אָנגענומען פעסט ביי אַן אָרעם, צוגעפירט צום טיש און אַוועק-געזעצט לעבן דעם ייד מיט דער גרויער באָרד וועלכן מען האָט גערופן מחותן.

איך האָב געמאַכט אַ המוציא איבער דער בילקע, אָבער דעם כזית נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען. דאָס שטיקל בילקע האָט אַ לאַנגע ווײַלע אַרומגעבלאָנדזשעט אין מיין מויל, איבערגעגאַנגען פון איין זייט באַק אויף דער צווייטער, זיך געפּלאָנטערט צווישן די ציין, ביז וואַנען איך האָב עס מיט כּוח אַראָפּגעשטופּט אין דער קעל אַריין.

דער מחותן האָט מיך געפרעגט: — ווּס וועט איר טרינקען, אַ ביסל ווײַן, אָדער אַ ביסל געשטעלטן בראָנפן?

— ניין. זייט מוחל, כ'וויל אַ ביסל ריינעם זעקס און ניינציקער שפּערטעס.

דער מחותן האָט גענומען דאָס פלעשל ספּירט, אַ שמייכל געטאָן צום צווייטן ייד, וועלכן מען האָט גערופן אי מחותן, אי פעטער, און געזאָגט צו אים:

— מסתמא אַ געוועזענער חסידישער בר-נש.

איך האָב אַ קליינעם זופּ געטאָן פון גלעזל ספּירט. ס'האָט מיר אַ ברי געטאָן אויף די ליפּן און צונג. כ'האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַרן מויל. דערנאָך האָב איך די זעלבע האַנט אויס-געשטרעקט צום חתן, צו טרינקען מיט אים לחיים.

כ'האָב דעם חתן געווונטשן מזל-טוב, כ'האָב אים געווונטשן אַ סך גליק, — דער אייבערשטער זאָל העלפן אַז דער זיווג זאָל עולה יפה זיין, — האָב איך געענדיקט מיינע ווינשאַוואַניעס מיט חסידי-שער צעבראָכנקייט.

דערנאָך האָב איך געטרונקען לחיים מיטן מחותן. כ'האָב אים געווונטשן אַ סך נחת פון די קינדער. ער זאָל זוכה זיין צו פירן זיינע קינדער און קינדס-קינדער צו דער חופּה מתוך הרחבה.

דאָס זעלבע האָב איך אָנגעהויבן ווינטשן דעם ייד, וועלכן מען האָט גערופן אי מחותן, אי פעטער. ווען איך האָב געהאַלטן זיין האַנט און אים געווונטשן ער זאָל זוכה זיין צו פירן זיינע קינדער און קינדס-קינדער צו דער חופּה, האָט ער מיר איבערגעריסן:

— ני, ני. לאָמיר שוין הובן נחת פין זיי, אויב ס'איז מיר נישט באַשערט געווען צו הובן אייגענע קינדער.

דער יונגער-מאַן אין די בינאָקלעס איז געשטאַנען אַנטקעגנ-איבער מיר און געלאַכט מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער:

— זעיטס נאַר, זעיטס! ער האָט קאָם אָנגענעצט די ליפּן אין אַ ביסל בראָנפן און ווייסט שוין נישט ווּוס ער רעדט. ער געדענקט שוין נישט צי ווּעימען ער רעדט!

פון גרויס פאַרלעגנהייט האָב איך מיט איין מאָל אַריינגעגאָסן אין זיך דאָס גלעזל ספּירט. ס'האָט מיר אַ ברען געטאָן אין קעל, ס'איז מיר היים געוואָרן אין קאָפּ, ווי דער מוח וואָלט זיך מיר אָנגעצונדן.

מען האָט דערלאַנגט די פיש. פאַר די מחותנים און פאַר מיר האָט מען אָוועקגעשטעלט גרויסע, געפילטע קאַרפּן-קעפּ. איך האָב קיין מאָל נישט געקאָנט עסן קיין קאָפּ פון אַ פיש. נישט געוווּסט ווי אַזוי מען נעמט זיך דערצו. כ'האָב געבעטן דעם סאַרווער ער זאָל

מיר דערלאַנגען נאָך אַ גאָפּל און אַלע ביים טיש האָבן געקוקט ווי אַזוי איך מאַניפּוליר מיט צוויי גאָפּלען.

איך האָב נאָר אויפגעגעסן דאָס געפּילעכץ אַרום דעם ראַנד פון דעם קאָפּ. צום קאָפּ גופא האָב איך זיך נישט צוגערירט. דער מחותן וואָס איז געזעסן לעבן מיר האָט זיך ביי מיר געבעטן: — שמאַטשקעט כאַטש אָס דעם מוח, דוס איז דאָך דוס בעסטע.

כ'האָב זיך אַליין אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל ריינעם ספּירט. גע־זאָגט אָן אַלגעמיינעם לחיים, געווּנטשן ס'זאָל זיין מיט מזל, און אַריינגעקערט מיט איין מאָל דאָס גלעזל שאַרפע משקה.

מיינע אברים האָבן ווי אָנגעהויבן פאַרלירן זייער וואָג. די באַוועגונגען מיינע האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעוואַקסן, ווי קלעטער־געוויקסן. ס'איז מיר געוואָרן ענג דאָס אָרט ביים טיש. אָבער אויפ־שטעלן האָט זיך מיר נישט געגלוסט. כ'האָב אויך נאָך געדענקט, אַז אַוועקגיין פון טיש אין מיטן דער סעודה איז נישט שיין, אַז ס'איז נישט קיין דרך־ארץ.

כ'האָב געזוכט צווישן די געסט דאָס פּנים פון מיין באַקאַנטן, אָבער עס נישט געזען. זיין רוקן איז מיר נאָך נישט געווען באַקאַנט.

מיינע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די אויגן פון דער כלה, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן ביי אַ ווייטערן טיש. זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן דעם קורצן ווייסן וועלאָן. דער בוקעט ווייסע רויזן וועלכן זי האָט געהאַט אַרויסגעלייגט פון דער האַנט, איז גע־לעגן אויפן קליינעם טונקעלן געהילפס־קרעדענס, וועלכער איז גע־שטאַנען לעבן דעם טיש, ביי וועלכן די כלה איז געזעסן אַרומגע־רינגלט מיט חברטאָרינס.

כ'האָב זיך איצט מיט די אויגן איינגעביסן אין ווייסן פאַר־בלענדעניש פון די רויזן. מער מיטן חוש המישוש ווי מיט דער ראיה, האָב איך דערלאַנגט צום פלעשל ספּירט און ווידער זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל.

דער מחותן, ביי וועמענס לינקע האַנט איך בין געזעסן, האָט זיך אָנגערופן צו מיר: — יונגער־מאַן, שוין ווידער אַ כוסה?

— צוויי איז זוגות. אַ חסיד וועט נישט טרינקען קיין זוגות.
— האַ, געזאָגט אַך, אַז דוס איז אַ געוועזענער חסידישער בר־נש, — האָט זיך דער מחותן אָנגערופן צום עלטערן ייִד, וועלכן מען האָט גערופן אי מחותן, אי פעטער.

נאָך דעם דריטן גלעזל ריינעם ספּירט בין איך געבליבן זיצן אין גאַנצן אַ פאַרטויבטער. פון אַלע ליכטער, די פון די ברענענדיקע לייכטער, און די פון דעם עלעקטרישן זשיראַנדאָל, פון דעם זיך צוריקגעשלאָגענעם ליכט פון די שטייענדיקע שפּיגלען און פון די געשליפענע גלעזער פון קרעדענס און געהילפּס־קרעדענס, פון דעם אַלעם איז געוואָרן אין מיינע אויגן איין גרויס ליכט, וועלכעס איז געוואָרן פאַר מיר וואָס אַ מאָל העלער און אין וועלכן כ׳האָב וואָס אַ מאָל ווינציקער געזען. פון אַלע קלאַנגען, פון די וואָס זענען אַרוים־געגאַנגען פון מענטשלעכע מיילער, די פון די פעסטע טריט פון די קעלנער אין סקריפּענדיקע שיך, די פון געקלאַנג פון געשיר און באַשטעק, דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן רעש, וואָס איז געוואָרן פאַר מיר וואָס אַ מאָל העכער און וועלכן כ׳האָב געהערט וואָס אַ מאָל וויניקער. איך בין געזעסן און געשמייכלט, געשמייכלט צו אַלע און צו אַלץ, און מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויינען.

* * *

ביי דער טיר פון דער גרויסער שטוב, ווו ס׳איז פאָרגעקומען די חתונה־סעודה, איז געוואָרן אַ גערודער. די סאַרווערס האָבן זיך דאָרט געאַמפּערט מיט אימעצן, וואָס האָט זיך דווקא געוואָלט אַריינ־רייסן און זיי האָבן נישט געלאָזט. ס׳איז געוואָרן אַ פאַרמישונג ביי די טישן. דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס האָט זיך גיך אויפגעשטעלט, צוגעלאָפן צו דער טיר און אַ געשריי געטאָן צו די קעל־נערס: — לאָזט אים אַרײַן!

אין דער שטוב, ווו ס׳זענען געזעסן די געסט, איז אַריינגע־פאַלן אַ ייִד פון מיטעלן וווּקס אין אַן אָפּגעטראָגענעם טונקעלן סאַק.

ער האָט געהאַט אַ שפּאָרע העל־ברוינע באָרד און אַ געשוואָלן, געל פּנים.

פון די קעשענעס פון אָפּגעטראָגענעם סאַק האָט מען ביי דעם ייד אַרויסגעזען צייטונגען, ספרימלעך, ביכלעך. ער האָט זיי געהאַט אין אַלע קעשענעס, סיי אין די פון פאָרנט און סיי אין די בוזעם־קעשענעס.

דעם ייד האָב איך גוט געקענט. ער פלעגט צו אונדז אַ מאָל אַרויפקומען אין אַ שבת און דער עיקר פאַר אַ יום־טוב. מען האָט אים גערופן „דער ביבליאָגראַף". ער אַליין האָט זיך גערופן אויף לשון־קודש: הביבליוגראף הגדול. ער איז געווען אַ שטאַרקער בן־תורה, געווען אַ געוואַלטיקער בקיא אין חסידות. ער האָט געדענקט גענוי ווען וועלכעס ספר איז דערשינען, אין וואָס פאַר אַ יאָר, ווער האָט געגעבן דערויף הסכמות, ווער ס'האָט עס אַרויסגעגעבן, און ווו מען האָט עס געדרוקט. ער האָט געדענקט אָן אַ שיעור חסידישע תורות געבויטע אויף גמטריאות. מיט די שוין אַ ביסל קאַליע געוואָרענע בחורים און יונגע־לייט האָט ער גערעדט וועגן ספרים חיצוניים, וועגן שיינער ליטעראַטור. ער האָט זיי דערציילט וועגן צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ", און געקענט אַלע יידישע וויצן פון דעם משומד פּראָפעסאָר כוואָלסאָן.

דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס האָט דעם ייד אָנגעוויזן אָן אָרט ביים טיש, אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן און דערלאַנגט אים אַ שטיק וויסן לעקעך. דערנאָך האָט ער דעם ייד געהייסן זיך צוגיין וואַשן די הענט, און געהייסן אַ סאַרווער אים דערלאַנגען אַ בילקע מיט אַ פּאָרציע פיש.

דער ייד, דער ביבליאָגראַף, האָט געגעסן זייער גיך. ער האָט זיך אַריינגעלייגט דאָס עסן אין מויל אַריין מיט דער לינקער האַנט, ער האָט זיך עס צוגעטראָגן צום מויל מיט אַלע פינגער, פאַר־קלאַמערטע אַרום דעם ביסן, וועלכן ער האָט זיך דערלאַנגט. ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, איז ער אַפּערגעגאַנגען פונעם טיש און אָנגעהויבן מאַכן מי שבירכם.

דעם ערשטן מי שבירך האָט ער געמאַכט חתן־כלה, דער־נאָך דעם מחותן און דער מחותניסטע פון חתנס צד, דערנאָך דער מוטער פון דער כלה און דעם ייד וועלכן מען האָט גערופן אי מחותן אי פעטער, וועלכער איז געווען דער עומד פון דער כלהס צד, וואָס איז געווען אַ יתומה, אָן אַ טאַטן.

דערנאָך האָט דער ייד מיר געמאַכט אַ מי שבירך. ווי כ׳בין נישט געווען פאַרטראָגן, האָב איך קלאָר געוווּסט, אַז דער ייד קען מיך, וואָרעם ער פלעגט צו אונדז פון צייט צו צייט אַרויפקומען. אָבער דאָ האָט ער זיך געמאַכט מיך נישט קענען. פאַר וואָס? ווייס איך נישט. און אפשר האָב גאָר איך נישט באַמערקט, אַז דער ייד דערקענט מיך? ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען, האָב איך אים, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן מאַכן מיר דעם מי שבירך, צוגעוואָרפן אַ נאָמען: שמואל ב״רב יונה.

— ני, שמואל, ר׳ שמואלס אַן אייניקל. איר געדענקט דאָך, מחותן, שמואלן, — האָט זיך אָנגערופן דער מחותן, דעם חתנס פאָטער, צו דעם ייד וועלכן מען האָט גערופן אי מחותן, אי פעטער, — שמואל, ווס איז געווען אַ טיש־זיצער אין אַ גאַנצער יוצא־וניכנס ביי ר׳ דודל קאָצקער, ז״ל.

דער ייד, דער ביבליאָגראַף, וואָס האָט געמאַכט די מי שבירכס, האָט זיכער באַדאַרפן וויסן, אַז איך הייס נישט שמואל און מיין טאַטע הייסט נישט יונה, נאָר ער האָט אונדזערע ביידנס, מיין טאַטנס און מיין נאָמען, נאָכגעזאָגט מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, ווי ער וואָלט טאַקע געוווּסט, אַז איך הייס שמואל און מיין טאַטע יונה. איך האָב אים געגעבן אַ זילבערנעם צווייער־זלאָטע.

מען האָט דערלאַנגט די יויך מיט פאַוואָרקעס. פון דער הייסער יויך, נאָכן זעקס און נייַנציקער ספּירט, וועלכן כ׳האָב געהאַט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך, איז מיר געוואָרן הייס און ענג. כ׳בין אין גאַנצן אָפּגעגאַנגען אין שוויים. כ׳בין געוואָרן נאַס און יעדע זאַך וועלכע כ׳האָב געטראָגן אויף זיך, איז מיר געווען ווי אַ שווערע משא.

האָב איך געפּרוּווט שטילן די היץ אין זיך מיט קאַלט ביר. נאָכן אויסטרינקען עטלעכע גלעזער ביר האָב איך דערפילט, אַז דער קערפּער איז נישט מיינער, נאָר עפּעס אַ פרעמדער, אַן אָנגעוואָר־פענער מיר, וואָס איז מיר געווען לעול. כ׳האָב נישט דערקענט די אייגענע הענט. זיי זענען געווען אַ שטייף אַ שלאַבעריק און מיר אויסגעזען אַזעלכע קליינע. כ׳האָב אַ פּיר געטאָן מיט דער רעכטער האַנט איבער מיין פּנים. נישט געקוקט דערויף וואָס מיר איז געווען מוראדיק הייס, איז דאָס פּנים געווען קאַלט און אין גאַנצן ווי פאַר־שטיינערט.

מיר איז געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג. כ׳האָב זיך דערשראָקן מיט אַ טיפער שרעק.

מען האָט דערלאַנגט דאָס פליייש און דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס האָט יעדן גאַסט אָנגעגאָסן אין גלעזל אַריין וואָס איז פאַר אים געשטאַנען, גוטן אונגאַרישן זויערן וויין.

איך האָב אויסגעטרונקען דאָס גלעזל וויין נאָך איידער כ׳האָב זיך צוגערירט צום פליייש. מיט אַ ווונק האָב איך געבעטן דעם יונגן־מאַן ער זאָל מיר אָנגיסן נאָך אַ גלעזל. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכטן, אַז ס׳איז מיר נאָכן וויין בעסער. כ׳האָב ווידער אָנגערירט מיט דער האַנט דאָס פּנים, אָבער שוין נישט געוווּסט, צי איז די האַנט פאַר־שטיינערט און אומפילבאַר, אָדער דאָס פּנים מיינס. כ׳האָב דאָס אייגענע געפּרוּווט מיט דער לינקער האַנט, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער.

אין מיטן עסן דאָס פליייש איז דער יונגער־מאַן אין די בי־נאָקלעס אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן צו דעם ייד, וואָס האָט געמאַכט די מי שבירכם: — ריפט דרשה־געשאַנק!

די כלה איז איילִיק אַפּער פון הינטערן טיש, צוגעלאָפן צו דעם יונגן־מאַן אין די בינאָקלעס, צוגעפאַלן צו אים, אים אַרומ־גענומען און געבעטן:

— שלמהשי, פאַרשעם מיך נישט. ס׳איז נישט שיין צו ריפן דרשה־געשאַנק, ס׳איז אַלטפרענקיש, ס׳איז שוין לאַנג נישט מאָדיש.

די קאָלעזשאַנקעס וועלן פֿין מיר לאַכן. כ׳בעט דיך, שלמהשי, טי מיר נישט אָן קאַ חרפּות. כ׳שעם זעך.

אָבער דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס איז נישט אָפּגע־טרעטן פון זיינס.

— ביסט אַ יתומה, — האָט ער געזאָגט הויך אויפן קול, — מע מיז זעען ט׳זאָלץ זעך קענען אוזשאַנדזשען, איינאָרדענען. ס׳איז נישט קאַ חרפּה צי ריפן דרשה־געשאַנק. פאַרקערט, ס׳איז שיין. אַזוי האָבן זיך געפירט אינדזערע טאַטעס אין אינדזערע זיידעס אין עלטער זיידעס!

און ס׳האָט נישט געהאָלפן דער כלהס געבעט און נישט איר געוויין. דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס האָט זיך איינגעעקשנט און דער ייד, דער ביבליאָגראַף, דער מיטן געשוואָלענעם פּנים, האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

דרשה־געשאַנק! דרשה־געשאַנק! פון חתנס צד, פין דער כלהס צד! וועיע גיט דרשה־געשאַנק!

די מוטער פון דער כלהס צד האָט געשאָנקען אַ פּאָר זילבערנע לייכטער. די מחותנים פון חתנס צד באַשטעק פון פראַזשעט פּלאַטיר. אָבער דער ייד, וואָס האָט גערופן דאָס דרשה־געשאַנק, האָט מיט אַ פרייליכער שטימע אַ געשריי געטאָן:

— לעפל, גופל, מעסער, פיר אין צוואַנציק שטיק כסף טהור, ריין זילבער!

דערנאָך האָב איך אַרויסגענומען מיין פּאָרטפעל, געפונען דאָרט פינף און צוואַנציק זלאָטעס און זיי געגעבן דרשה־געשאַנק. דער ייד האָט אויסגערופן:

— פינף אין צוואַנציק זלאָטעס כסף טהור פין... און דאָ האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר: — פין וועמענס צד?

כ׳בין געבליבן זיצן אַ צעמישטער. אָבער דאָ האָט זיך דער ייד מיטן צעשמייכלטן פּנים, דער נייער באַקאַנטער מיינער, מיט וועלכן כ׳זאָל האָבן געהאַלטן צוזאַמען די שטאַנג פון דער חופּה, זיך אָנגע־

רופן: — פיןביידע צדדים. און דער דרשה-געשאַנק רופער האָט ווידער האַלב אויסגעזונגען און האַלב אויסגעשריגן:

— פינף אין צוואַנציק זלאָטעס כסף טהור פון ביידע צדדים!

דער ייד מיטן צעשמייכלטן פּנים, מיין נייער באַקאַנטער, וואָס כ'האָבן די גאַנצע צייט פון דער סעודה געזוכט און אים נישט געזען, ווייל ער איז געזעסן מיט די פּלייצעס צו מיר, האָט ביים אָנהייבן רופן דרשה-געשאַנק זיך אויסגעדרייט און איצט געזעסן פונקט אַנטקעגנאיבער מיר.

פון גרויס צופרידנקייט וואָס דער ייד האָט מיך אַרויסגע־פירט פון אַ פאַרלעגנהייט, האָב איך געוואָלט מיט עפּעס אַנטקעגנ־קומען דער חתן-כּלה, געוואָלט באַשיינען די חתונה. כ'האָב אָנגע־הויבן טענהן, אַז פינף און צוואַנציק זלאָטעס דרשה-געשאַנק איז ווייניק, אַז כ'וויל געבן הונדערט זלאָטעס, נאָר כ'האָב גראָד נישט ביי זיך. כ'בין צוגעשטאַנען און געפּאָדערט מען זאָל מיר דער־לאַנגען אַ וועקסל, כ'זאָל עס אונטערשרייבן אויף די איבעריקע פינף און זיבעציק.

מען האָט מיך באַרויִקט, געפּרוווט איינגעמען. טייל האָבן צו מיר געטענהט, אַז פינף און צוואַנציק זלאָטעס איז זייער אַ שיין דרשה-געשאַנק, טייל האָבן צו מיר גערעדט: — אויב איר ווילט דווקא געבן הינדערט זלאָטעס, איז טאַקע זייער שיין און פיין פון אייער זייט, אָבער איר מיזט נישט זיי געבן פינקט האַנט, וועט איר די רעשט געלט ציברענגען מאָרגן, צי איבערמאָרגן.

אָבער איך האָב נישט געוואָלט דערפון הערן. איך האָב גע־האַלטן אין איין באַשולדיקן זיך. כ'האָב געזאָגט:

— מענטשן, לאָזט מיך אָפּ! איך קען זיך שוין צו גוט. כ'ווייס אַז איך מוז האָבן אויף זיך אַן עול, אַ פאַרפליכטונג, דעמאָלט וועל איך אַלץ מקיים זיין, אַפילו אַ הויז איבערטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס. אָבער טאָמער וועל איך נישט האָבן קיין עול אויף זיך, וועט פון דעם גאָרנישט ווערן, כ'וועל פאַרגעסן, כ'וועל נישט ברענ־

געז דאָס געלט. כ׳ווייס דאָס פֿאָרויס און דעריבער גיט מיר שוין אַ וועקסל אונטערצושרייבן!

דער יונגער־מאַן אין די בינאָקלעס איז די גאַנצע צייט גע־שטאַנען אַנטקעגנאיבער מיר און מיר געלאַכט מיט איראָניע גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט זיך נישט אָנגערופֿן מיט קיין איין וואָרט. נאָר ווען כ׳האָב צודרינגלעך געפֿאָדערט מען זאָל מיר געבן אַ וועקסל, האָט ער עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און מיר עס געגעבן אונטערצושרייבן.

אָבער איך האָב נישט געוואָלט אונטערשרייבן. איך האָב נאָר געוואָלט אַ וועקסל, וועלכן מען קאָן אַוועקגעבן צום רעיענט און מען קאָן אים פּראָטעסטירן, אויף וועלכן מען קאָן אַרויסבאַקומען פֿון געריכט אַ שנעל־אורטייל אויף צו פֿאַרנעמען דעם בעל־חובֿס זאַכן. כ׳האָב אויסגערעכנט אַלע געריכטס־פּראָצעדורעלע מעלות, וועלכע ס׳האָט אַ וועקסל אַנטקעגן אַ געוויינטלעכער פֿאַרפּליכטיקונג אויף אַ פּשוט פּאַפּיר.

איך האָב זיך צערעדט. כ׳האָב געפֿילט אַז איך רעד הויך, כּמעט איך אַליין האָב כּמעט מיין קול נישט געהערט. כ׳האָב גע־מאַכט מיט די הענט ברייטע באַוועגונגען, כּמעט צוטראָגן די מינדעסטע זאַך צום מויל, צי סתּם עפּעס נעמען אין האַנט אַריין איז מיר געווען שווער, ווי די הענט וואָלטן מיר געווען געליימט. כ׳האָב געפֿילט, אַז ס׳איז נישט ריכטיק, אַז איך דאַרף אַזוי נישט רעדן, אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם פֿלוס פֿון די ווערטער, וועלכע זענען מיר כּסדר צוגעשוואומען, אַז כ׳האָב זיי געהאַט אַ פֿול מויל און זיך ממש געשטיקט מיט זיי.

און אַז איך האָב זיך צערעדט אָן אַן אָפּהאַלט, בין איך פּלוצעם אַרויס מיט אַ טענה:

— וואָס הייסט דרשה־געשאַנק? און וווּ איז די דרשה? חתן, האַלט אַ דרשה! אַ דרשה! אַ דרשה! אַ דרשה! — האָב איך זיך געריסן מיט אַלע כּוחות.

דער חתן און די מחותּנים זענען געווען אין גרויס פֿאַר־

לעגנהייט. זיי האָבן זיך געדרייט און געוואָרפן, ווי אונטער די שטולן, אויף וועלכע זיי זענען געזעסן, וואָלט געווען אונטערגעלייגט פייער. זיי האָבן אָבער אַפּנים נישט געוואַגט אַזאַ השובן גאַסט ווי איך אַנטקעגנצורעדן.

ווען איך האָב געזען אַז דער חתן עפנט נישט דאָס מויל, האָב איך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, אַז די טעלער האָבן אַ שפּרונג אונטער געטאָן און כ'האָב אויסגערופן:

— אויב דער חתן וויל נישט האַלטן קאַ דרשה, וועל איך האַלטן! — און נישט וואַרטנדיק צי די מחותנים און געסט וועלן דערויף איינגיין, האָב איך תיכף אָנגעהויבן מיט אַ שטאַרק אויפ־געהויבענער שטימע:

— אין דער תורה, פּרשת שמות, שטייט געשריבן, אַז ווען יתרוס טעכטער זענען אַהיימגעקומען פון פּאַשן דעם פאָטערס שעפּסן, האָט זיי רעואל, דאָס הייסט זייער פאָטער יתרו, געפרעגט: וואָס האָט איר זיך עפּעס היינט געפעדערט צוריקצוקומען? אויף דעם האָבן זיי אים געענטפערט: אַ מצרישער מענטש האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט פון די הענט פון די פּאַסטוכעס, און אויך אָנשעפּן האָט ער אונדז אָנגעשעפּט און אָנגעטרונקען אונדזערע שאָף.

האָט זיי יתרו געפרעגט: ווו איז ער? פאַר וואָס האָט איר אים פאַרלאָזט? „קראֶן לו ויאכל לחם", רופט אים און זאָל ער עסן ברויט.

אויף דעם זאָגט דער מדרש רבה, — האָב איך געצויגן הויך מיט אַ ניגון פון אַ בעל־דרשן, — אַז יתרו האָט געמיינט מיטן עסן ברויט, אַז אפשר וועט ער איינע פון אייך נעמען פאַר אַ ווייב. ווייב איז משמע אין דעם פאַל ברויט, פונקט ווי די תורה זאָגט אויף אַ צווייט אָרט, אין פּרשת וישב, ביי פּוטיפרן, דעם שעכט־מייסטער פון מצרים, צו וועמען יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן. דאָרט ווערט געבראַכט, אַז פּוטיפר האָט יוספן איבערגעגעבן די פירונג פון זיין גאַנץ הויז און אַליין האָט ער פון גאָרנישט געוווּסט, „כי אם הלחם

אשר הוא אוכל", אַ חוץ דאָס ברויט וואָס ער האָט געגעסן, זאָגט רש"י הקדוש, אַז דאָס מיינט די תורה אַ הויז דאָס ווייב זיינס.

דאָ בין איך זיך צעגאַנגען מיט פאַרגלייכן צווישן ברויט און ווייב.

— ווייב איז ווי אונדזער טאָג־טעגלעך ברויט. קיין שום זאַך איז נישט אַזוי אונדז נאָענט, נאָענט אונדזער גוף און במילא אונדזער נשמה, ווי ברויט. אין דעם אָנרופן אַ ווייב „ברויט", ליגט דער סוד פון התקרבות, פון נאָענטקייט. אַפילו גאָט האָט געזאָגט: „קרבני לחמי", מיין קרבן, מיין ברויט. גאָט האָט געזאָגט צו די בני־ישראל: דער קרבן, וואָס איר זענט פאַר מיר מקריב איז מיין ברויט. קיין שום זאַך קאָן נישט אַזוי דערנענטערן דעם מענטש צו גאָט ווי דער קרבן. און אַוודאי אין די באַציִונגען בין אָדם לחבירו, צווישן איין מענטש און דעם צווייטן, איז דער עיקר דער קרבן, וואָס איינער איז גרייט מקריב צו זיין פאַרן צווייטן. שוין אינעם וואָרט קרבן ליגט דער סוד פון קירבה, פון נאָענטקייט.

נאָכן אָרומרעדן דעם ענין פון התקרבות, בין איך איבערגע־גאַנגען צום סוד פון התדבקות, צום סוד פון באַהעפטונג.

לסוף האָב איך געפרעגט אַ קשיא: פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין שהחיינו אונטער דער חופה? און כ'האָב אַליין געענט־פערט: ווייל חופה איז נאָך נישט די גמר מצווה, מיט חופה איז נאָך די מצווה נישט פאַרענדיקט.

* * *

ס'איז שוין געווען פאַרטאָג. איך בין געזעסן ביי אַן אָפן פענצטער. דורך דעם טונקל גראַנאַטענעם הימל האָט זיך מיט כוח אַדורכגעריסן דער פאַרטאָג. ער האָט געלאָשן די שטערן, געמעקט דעם גראַנאַט פון הימל און אויף זיין אָרט האָבן זיך באַוויזן גרויע פלעקן.

איך בין געזעסן מיט אַ צעבונדענעם קראַוואַט, מיט אַ צע־כראַסטעט אויף דער ברוסט העמד. דער באַקאַנטער מיינער מיט דעם

צעשמייכלטן פּנים האָט געווישט מיט אַ קאַלט נאַס האַנטעך מיין פּנים און ברוסט-קאַסטן.

דער יונגער-מאַן מיט די בינאַקלעס איז געשטאַנען נעבן מיר, געקוקט אויף מיר מיט ווידערווילן און געשטופּט מיר אין דער האַנט די פינף און צוואַנציק זלאָטעס, וועלכע כ׳האָב געהאַט גע-געבן דרשה-געשאַנק.

אָבער מיינע הענט זענען געלעגן אויף די קניען אָפּענע און אוממעכטיקע, און דאָס געלט איז פון זיי אַרויסגעפאַלן, אַ מאָל פון דער רעכטער און אַ מאָל פון דער לינקער האַנט.

דעמאָלט האָט דער יונגער-מאַן אַריינגעלייגט מיר דאָס געלט אין דער קליינער אויבערשטער קעשענע פון מיין מאַרינאַרקע, פון וועלכער ס׳האָט אַרויסגעשטעקט קאָקעט אַ ווייס זיידן טיכעלע.

איך בין געזעסן אויף אַ שטול ביים אָפענעם פענצטער און געוויינט, געוויינט בדמעות שליש. יעדע טרער, וואָס איז אַרויס-גערונען פון מיינע אויגן איז געווען גרויס ווי אַן אַרבעס. כ׳האָב געוויינט און געערדט דורכן געוויין, אַז מען זאָל מיר גלייבן, אַז כ׳בין אַן אייגענער אויף דער חתונה, אייגן בלוט און פלייש. כ׳האָב זיך געשווירן מיט די האַרבסטע שבועות און חרומות, אַז כ׳געדענק נאָך די כלה ווען זי איז געווען אַ קליין, פּיצל קינד, אַז איך האָב זי אַליין געטראָגן אויף מיינע הענט און אָרעמס. כ׳האָב זיך גע-בעטן ביים מחותן ער זאָל האָבן אויף מיר איינזען, וואָרעם ער געדענקט דאָך מיין זיידן, שמואל, וואָס איז געווען אַ טיש-זיצער און אַ גאַנצער יוצא וניכנס ביי ר׳ דודל קאָצקער. כ׳האָב געוויינט און מיט דער פויסט געקלאַפּט זיך אין האַרץ, אַז ס׳האָט אַזש אָפּ-געהילכט איבער דער גאַנצער שטוב.

דער יונגער-מאַן מיט די בינאָקלעס האָט געקוקט אויף מיר מיט ביטול און מיט שפּאָט. כ׳האָב געזוכט אין אימעצנס אויגן, פון די אַלע געסט וואָס זענען דאָרט געווען, כאָטש אַ ניצוץ, כאָטש אַ פונק פון מיטגעפיל, אָבער אַלעמענס אויגן זענען געווען שטרענג און בייז. אַפילו דער נייער באַקאַנטער מיינער, דער, מיט וועמען

כ'זאָל האָבן געהאַלטן אַ שטאַנג ביי דער חופּה, אַפילו זיין צע־שמייכלט פּנים האָט אויסגעזען צו זיין פול מיט חוזק פון מיר.

כ'האָב זיך אויפגעשטעלט. מיינע פיס זענען געווען שטייפע, נאָר די סטאָפּעס זענען געווען ווייך, ווי צעהיצטע גומע. זיי האָבן זיך ווי געקלעבט צו דער פּאָדלאָגע. מיט יעדן טריט האָב איך זיי געמוזט פון דער פּאָדלאָגע אָפּרייסן — און דאָס האָט מיר מוראדיק ווי געטאָן.

ווען כ'בין אַדורך אַ האַלבע שטוב, האָט אימעצער הינטער־ווײַלעכץ אַראָפּגענומען מיר דאָס זיידענע קאַפּל פון קאָפּ.

כ'בין אַריין אין פּאָדער־צימער. כ'האָב געזען דאָרט הענגען מיין האַרטן הוט, דעם מעלאָניק, כ'האָב געקוקט אויף אים, אָבער אים נישט גענומען.

כ'האָב די סאַרווערס צעטיילט דאָס דרשה־געשאַנק. די צוויי געהילף־סאַרווערס האָב איך געגעבן צו צען זלאָטעס, און דעם עלטסטן סאַרווער פינף.

כ'האָב אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון די שטיגן. כ'בין געגאַנגען הינטערווײַלעכץ, ווי פון אַ לייטער. כ'האָב זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם שטיגן־אָנהאַלטער און פּאַמעלעך אַראָפּגעשטעלט יעדן פוס. כ'האָב געקוקט אויף דעם שטח אונטער מיינע פיס און געזען, אַז די שטיגן שטאָט צו ווערן ווייניקער, ווערן זיי וואָס אַ מאָל מער, זיי וואַקסן אויס אונטער מיינע פיס צו גאַנצע שטאָקן.

מיט אַ מאָל האָב איך זיך געפונען אויפן הויף. ער איז גע־שלאָפן, און אויף זיין שטיינערנעם ברוק האָבן זיך געשפּילט גרוי מיט גרוי. דער גרוי פון הימל מיטן גרוי פון די שטיינער.

דער הויז־וועכטער איז אַרויס אַ פאַרשלאָפענער פון זיין נידעריק שטיבל. ער האָט געקוקט אויף מיין צעבונדענעם קראַוואַט, אויפן צעכראַסטעטן העמד און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז דער איינציקער מענטש וואָס האָט אויף מיר רחמנות.

ער האָט מיר געעפנט דאָס טויער און איך האָב אים אַוועק־געגעבן דאָס גאַנצע ביסל קליין־געלט, וואָס איז ביי מיר געבליבן.

יחיאל האָפּער

כ׳בין אַרוים אויף דער גאַס.

אויפן הימל האָט נאָך געשיינט די לבנה, אַ קליינע, אָבער אַ גאָלדענע. כ׳בין געשטאַנען און געקוקט ווי ס׳פאַרשווינדן די לעצטע שטערן.

צווישן די קאַרניזן אַרום די פענצטער און באַלקאָנען האָבן זיך די פייגל אָנגעהויבן וועקן. דאָ און דאָרט האָבן היימלאָזע הינט זיך פויל געשלעפּט. אַ קאַלטער ווינט, אַ פייכטער האָט מיך אַדורכ־גענומען ביזן מאַרך פון די ביינער. כ׳האָב געקוקט אויפן הימל, ווו קיין שטערן זענען שוין נישט געווען און דער צווישן טאָג־און־נאַכ־טיקער גרוי האָט אויסגעזען ווי אַ ים אין אַ רעגנדיקן טאָג.

פאַר מיר איז געלעגן אַ גרויע גאַס אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער.

איך האָב נישט געהאַט קיין ווילן אין ערגעץ צו גיין. כ׳האָב זיך געפילט אָפּהענטיק און פאַרלוירן. אַרומגעקוקט זיך מיט אַ נישט־זעעוודיקן בליק, און געפרעגט ביי זיך אליין:

— צי בין איך טאַקע אַ גאַסט אויף אַ פרעמדער חתונה?

בענקשאפטן...

זי איז געווען פון מיטעלן וווקס און זייער אַ שמאָלע. געהאַט אַ בלייך, איידל פּנים. אויגן טיפע און טונקעלע. איבערן ווייסן שטערן — אַ טונקל, כמעט שוואַרץ שייטל.

זי האָט זיך, סיי אין ווינטער און סיי אין זומער, געקליידט נאָר אין שוואַרצן. אירע קליידער, צי די בלוזקעס מיט די ראָקן, און אירע אויבער-מלבושים — אַלץ שוואַרץ, אָן חילוק צי די שטאָפן פון אירע קליידער און אויבער-מלבושים זענען געווען פון זיידנס, פון טוך, צי זענען דאָס גאָר געווען פוטערס.

אירע הוטן און אירע הענטשקעס, צי מעטינקעס זענען אויך געווען שוואַרצע.

צו איר בלייך פּנים און ווייסע הענט האָט זייער גוט געפּאַסט דאָס שוואַרצע פון איר קליידונג. ס׳האָט זי געמאַכט אויסזען דים-טינגירט און פייערלעך. זי האָט זיך באַוועגט אַ ביסל זייטיק, אָבער מיט אַ סך חן.

ווען זי האָט גערעדט, און זי האָט זייער ליב געהאַט צו דער-ציילן, האָבן די טונקעלע אויגן ביי איר געשפּילט און דאָס שיין אויסגעשניטענע מויל האָט זיך זייער לעבהאַפט באַוועגט.

איר מאַן איז געווען אַ הויכער און אַ קנאָכיקער, מיט לאַנגע הענט און פיס. ער איז געווען אַ געלער און געהאַט אַ קליין האַרט געל בערדל.

ער איז געווען אַ גרויסער שווייגער. אַ מאָדזשיצער חסיד, פון די געציילטע מאָדזשיצער חסידים, וואָס האָבן נישט געקאָנט זינגען.

זיי האָבן געהאַט אַן איינציק קינד, אַ יינגל. זי האָט געהאַט זייער אַן איידל געזונט און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איינציקע קינד איז אויך ביי איר געבוירן געוואָרן דורך אַ נס. מען האָט באַלד געוווסט, אַז מער קיין קינדער וועט זי נישט האָבן.

דער הויכער, קנאָכיקער, שווייגנדיקער מאַן מיט אומגעלומפּערטע, קאַנטיקע באַוועגונגען איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין איידל און בלייך ווייב און זי אָפּגעהיטן פאַר דער מינדעסטער שטרויכלונג. ער האָט איר נישט געלאָזט פאָרן אין קיין טראַמווייען, נאָר זי געפירט אין דראָזשקעס.

ער איז געווען אַן אַנטרעפּרענער. געבויט און פאַרקויפט הייזער אין וואַרשע, אין דער יידישער געגנט. ווי נאָר ער האָט געקויפט אַ פּלאַץ צום בויען, האָט ער אים באַלד פאַרשריבן אויף זייערע ביידנס נעמען, זיין ווייבס און זיינס. ווען דאָס הויז איז אויפגעבויט געוואָרן איז עס געווען זייערס אַ בשותפותדיק הויז. גאָרנישט אַזוי ווי ביי אַנדערע אַנטרעפּרענערס.

ווען מעקלערס זענען געקומען מיט אַ קונה, צי מיט קונים, בכדי קויפן אַ הויז, ווען מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן פּרייז, וועגן באַדינגונגען און אַנדערע פּונקטן, איז זי געזעסן אין דער זעלבער שטוב אַ שווייגנדיקע, אַ פאַרטראַכטע. די לאַנגע וויעס פון איר האַלב-פאַרמאַכטע אויגן האָבן געלייגט אַ טונקעלן שאָטן אויף אירע בלייכע באַקן.

אָבער ווען נאָך לאַנגע דינגענישן איז מען ענדלעך אַדורכגעקומען מיט איר מאַן, ווען דער פּונקטאַציע-שרייבער האָט שוין געהאַט געענדיקט דאָס שרייבן די פּונקטן, ווען איר מאַן האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעשריבן און מען האָט אויך איר דערלאַנגט די פּאַפּירן אונטערצושרייבן, דעמאָלט האָט זי געזאָגט גאַנץ רויִק און שטיל, אַז זי באַשטייט נישט אויפן פּרייז, אַז די באַדינגונגען געפעלן איר נישט, אַ סך פּונקטן פּאַסן איר נישט, און בכלל פילט זי זיך באַליידיקט, וואָס מען האָט אונטערגעהאַנדלט נאָר מיט איר מאַן און נישט מיט איר, ווייסנדיק אַז זי איז אַ גלייכער שותף צום הויז.

די מעקלערס האָבן אָנגעהויבן טענהן: — סטאַטש, זי זענען דאָך געזעסן די גאַנצע צאַט אין דער שטיב, זי האָבן דאָך גיהערט וועגן ווּוּס מע רעדט, זי האָבן דאָך גיהערט אַף וווספאַרא פרייז אינם מאַן איז אַנגעגאַנגען. — דעמאָלט האָט זי זיך גאָר דערפילט גע־טראָפן, גענומען אָנטאָן דעם זשאַקעט, צי פוטער, אַרויפגעצויגן אויף די הענט די שוואַרצע הענטשקעס, און געוואָלט אַוועקגיין.

עטלעכע מעקלערס פלעגן זי פשוט האַלטן מיט כוח, די אַנדערע האָבן העפטיק איינגעטענהט מיטן קונה. לסוף פלעגט דער קונה נעמען עטלעכע הונדערט רובל און איר אַריינשטופן אין דער הענטשקע פון דער רעכטער האַנט. דאָס האָט געהייסן „פּאַרענקאַ־וויטשנע". ערשט דעמאָלט האָט זי באַוויליקט די פונקטן אונטער־צושרייבן.

פאַר דעם פּאַרענקאַוויטשנע פלעגט זי גיין צו גרויסע דאָק־טוירים און זיי צאָלן הויכע האָנאָראַרן. פאַר דעם געלט פלעגט זי פאָרן אין די קור־ערטער, זומער אין דייטשע נידערשלעזישע און ווינטער אין איטאַליענישע.

די הויפּט־טעמע פון אירע אַלע מעשיות, וועלכע זי פלעגט גערן דערציילן, איז געווען: פּאַרענקאַוויטשנע. ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַן אופנים זי באַקומט דאָס אַרויס; וואָס מען זאָגט צו איר און מיט וויפל חכמה זי ענטפערט. און כאָטש אַלע וואַרשעווער יידישע הייזער־מעקלערס האָבן שוין געוווּסט די גאַנצע זאַך, שוין געקענט אויף אויסנווייניק וואָס זי וועט זאָגן, און זיי פלעגן שוין דאָס פאָרויס דערציילן דעם קונה און יענער האָט דאָס פּאַרענקאַוויטשנע אַריינגערעכנט אין דער קאַלקולאַציע ביים קויפן דאָס הויז, האָט זי זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ גרויסע אויפטוערין אין די זאַכן. איר געלער מאַן איז געווען פון איר מלא התפעלות. דאָס פאָר־פאָלק איז געווען פון זיך שטאַרק צופרידן.

* * *

ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ס'בויען הייזער האָט זיך פון דעם ערשטן מלחמה־טאָג אָפּגעשטעלט. אַפילו

הייזער וואָס מען האָט געהאַלטן אין מיטן בויען, אַפילו אַזעלכע וואָס זענען שוין געווען אונטערן דאַך, האָט מען נישט פאַרענדיקט.

דאָס פאָרפאָלק איז געבליבן ביי איין בשותפותדיק הויז אויף דער דזשעלנע גאַס, אַראָפּ צו דער סמאָטשע צו. די לאָקאַטאָרן האָבן מיינסטנס נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן שווער מיט פרנסה. דער איינציקער זון זייערער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער בחור און מען האָט באַדאַרפן מיט אים טאָן אַ שידוך.

נאָכן אָפּקווּעלן זיך אַ לענגערע צייט האָט דאָס פאָרפאָלק באַשלאָסן צו פאַרקויפן זייער איינציק געבליבן הויז. ס׳איז געווען דאָס דריטע יאָר זינט די דייטשן האָבן געהאַט אָקופּירט וואַרשע.

ס׳זענען געקומען מעקלערס, זיי האָבן געבראַכט מיט זיך קונים. מען האָט זיך געדונגען מיטן פּרייז, מען האָט זיך געאַמפּערט איבער די באַדינגונגען און איבער פאַרשידענע פּונקטן.

די גאַנצע צייט פון די דינגענישן און אַמפּערנישן איז זי געזעסן אין דער זעלבער שטוב אַ שווייגנדיקע, אַ פאַרטראַכטע, די לאַנגע ווייעס פון אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן געלייגט אַ טונקעלן שאָטן אויף אירע בלייכע באַקן.

ווען מען איז ענדלעך דורכגעקומען, ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שרייבן די פּונקטאַציע און דער מאַן האָט שוין געהאַט אונטערגעשריבן, האָט מען אויך איר צוגעטראָגן אונטערצושרייבן.

דעמאָלט האָט זי געענטפערט שטיל און רויִק, אַז זי באַשטייט נישט אויפן פּרייז, אַז די באַדינגונגען פּאַסן איר נישט, אַז בכלל וויל זי נישט פאַרקויפן דאָס הויז. זי האָט אָנגעטאָן איר שוואַרצן זשאַקעט און אַרויסגעצויגן אויף די הענט די הענטשקעס.

ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. אַ געשריי: — סטאַטש, ווי איז דום מעגלעך! לסוף איז איינער פון די קונים צו איר צוגעגאַנגען און איר אַריינגעשטופּט אין די רעכטע הענטשקע אַ פּעקל מיט דייטשע מאַרקן. ערשט דעמאָלט האָט זי די פּאַפּירן אונטערגעשריבן.

דאָס איז געווען די לעצטע „פאַרענקאַוויטשנע", וועלכע זי האָט אין איר לעבן באַקומען...

* * *

נישט לאַנג נאָכן פאַרקויפן דאָס הויז האָט זיך איינגעבראָכן דער דייטשער פראָנט אין פראַנקרייך. ס'איז אויסגעבראָכן די רע־וואָלוציע אין דייטשלאַנד. דאָס דייטשע מיליטער האָט פאַרלאָזט דאָס אָקופּירטע פּוילן. די דייטשע מאַרקן, וואָס דאָס פאָרפאָלק האָט באַקומען פאַר זייער פאַרקויפטע הויז, האָבן פאַרלוירן כמעט דעם גאַנצן ווערט.

פאַר דעם „פאָרענקאָוויטשנע", וואָס זי האָט דעמאָלט באַ־קומען, האָט זי באַוויזן צו זיין נאָך איין מאָל ביי אַ דאָקטאָר, און דאָס אויך נישט ביים גרעסטן...

ס'איז נאָך געשען אַ נס, וואָס זיי האָבן זיך אין אָפּמאַך באַ־וואָרנט, אַז די דירה אין וועלכער זיי וווינען בלייבט זייערע. דערנאָך, מיט דער צייט, איז דער מאַן געוואָרן דער אַדמיניסטראַטאָר און מעלדונקאָווע־זשאָנדצע פון זיין אַמאָליק הויז.

זי איז שוין מער צו קיין דאָקטוירים נישט געגאַנגען, זי איז שוין נישט געפאָרן אויף קיין קור־ערטער. זי איז געזעסן אין שטוב אַ שטילע, אַ טרויעריקע. די לאַנגע וויעס פון אירע אויגן, וועלכע זי האָט געהאַלטן האַלב־פאַרמאַכט, האָבן געלייגט אַ טיפן שאָטן אויף אירע בלייכע באַקן. זי האָט געחלומט וועגן פאַרגאַנגע־נעם, וועגן אירע וויזיטן ביי גרויסע דאָקטוירים, וועגן אירע נסיעות אין די אויסלענדישע קור־ערטער און, דער עיקר, וועגן אירע ראָלעס ביי נעמען „פאָרענקאָוויטשנע".

* * *

ס'האָט זי אָנגעהויבן ציען צו גיין אויף לוויות.

פריער איז זי געגאַנגען אויף לוויות פון ווייטע קרובים, וועלכע זי האָט כמעט נישט געקענט. דערנאָך אָנגעהויבן גיין אויף לוויות פון באַקאַנטע, אַפילו פון אַזעלכע באַקאַנטע, מיט וועלכע זי האָט זיך געהאַט נאָר אַ מאָל צופעליק געטראָפן.

איר בלייך, כמעט ווייס פנים, איר שוואַרצע קליידונג, האָט

אַזוי גוט געפּאַסט צו דער טרויעריקער לוויה-שטימונג. מיט איר אויסזען און שטילן פאַרהאַלטן זיך, האָט זי פּשוט באַשיינט יעדע בכבודיקע לוויה.

אויף די לוויות האָט מען זיך געווונטשן צו טרעפן אויף שמחות. אָבער אויף שמחות האָט מען זי נישט געזען. מען פלעגט זיך מיט איר ווידער טרעפן אויף אַ לוויה.

דערווייל איז דער זון, וואָס איז געווען אַ הויך-געוויקסיקער און אַ געבילדעטער, געוואָרן אַ חתן מיט דער שיינער טאָכטער פון אַ רייכן לעדער-סוחר פון פראַנצישקאַנער גאַס. זי פלעגט טייל מאָל באַזוכן איר זונס כלה, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען די כלה איז געווען נישט געזונט.

ס'איז דעמאָלט אויסגעבראָכן די עפּידעמיע פון דער „היש-פּאַנקע", וועלכע איז אָפט געווען זייער געפערלעך. דעם זונס כלה איז קראַנק געוואָרן אויף דער דאָזיקער אינפלוענצע. זי, דעם חתנס מוטער, פלעגט יעדן טאָג קומען מבקר-חולה זיין די כלה. איר בלייך פּנים איז געווען מוראדיק פאַרזאָרגט, אַפילו מער פון די פּנימער פון דער קראַנקער כלהס עלטערן.

ווען דער כלה האָט אָנגעהויבן בעסער ווערן, איז די פאַר-זאָרגטקייט פון איר פּנים נישט אַראָפּ. פאַרקערט, ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט איצט געווען גאָר מער פאַרזאָרגט ווי פריער...

נאָך דער חתונה האָט דער זון זיך אַרויסגעצויגן פון די עלטערן אין אַן אייגענער דירה אַריין. דער מאַן אירער האָט אויך אָנגעהויבן איצט עפּטער אַרויסצוגיין פון שטוב. ער האָט געזוכט נעבן-פּרנסה ביי מעקלען הייזער.

זי איז געבליבן איינע אַליין. געזעסן אַ טרויעריקע מיט לאַנגע וויעס איבער האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, אַ פאַרקוקטע ערגעץ אין זיך. זי איז איצט עפּטער געגאַנגען אויף לוויות. אַפילו אויף לוויות פון אומבאַקאַנטע מענטשן.

ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי פלעגט זיך אָנטאָן אין שוואַרצן, צוגיין צו דער אָקאָפּאָווער גאַס, דאָרט ווו דער וועג האָט

געפירט צום וואַרשעווער גענשער בית־עולם, און ווען ס׳פלעגט דורכגיין אַ לוויה, מיטגיין מיט איר אויפן בית־עולם אַרויס.

ווענן איר גיין אויף לוויות האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן אויף דער דזשעלנע גאַס, ווו זי האָט געוווינט. אפילו די אָרעמע איינוווינער פון דער נאָענטער סמאָטשע, ווו מען האָט זי נאָך גערופן „די ווערטין פין די דזשעלנע״, האָבן שוין אויך עפּעס ווענן דעם געוווּסט. נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ווען עמעצער איז דאָרט געשטאָרבן, האָט זיך איינער פון די נאָענטע, פאַריתומטע, אָנגערופן אַ פאַרוויינטער: — זאָל עמיצער ציגיין צי דער ווערטין פין די דזשעלנע אין איר דערציילן פין אימגליק, אפשר וועט זי קימען אָף די לוויה.

* * *

איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען זי איז געהאַט צוריקגעקומען פון אַ לוויה, איז געקומען צו איר די שנור מיט אַ באַזוך. זי איז געווען איינע אַליין אין שטוב, געזעסן אין אַ טיפן פאָטעל אַ בלייכע און אַ פאַרטראַכטע. זי האָט לאַנג געקוקט אויף דער שיינער, יונגער שנור מיטן בלאָנדן קאָפּ און גרויסע העלע אויגן — און געשוויגן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן שטיל:

— פעלע, די געדענקסט? ווען די ביסט געווען אַ כלה ביסטי קראַנק געווען אָף הישפּאַנקע. איך בין דעמולט גיווען זיכער אַז די וועסט שטאַרבן, אין מענטשן וועלן קיקן אָף מיער אין זוגן: — אוי־ווי! זעיטיץ נאַר, זעיטיץ. מען האָט נישט מעיער ווי איין אין איינציק קינד און ס׳איז באַשעיערט אַזויפיל אַדאַרכציגיין.

אויף איר בלייך פּנים האָט זיך צעלייגט אַ טיפער טרויער, ווי נאָך אַ גרויסער בענקשאַפט, וועלכע איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן...

דער טויט פון קאנאריק

מיין מאַמע האָט מיר געקויפֿט אַ קאַנאַריק. עפּעס בין איך דעמאָלט קראַנק געווען אויף אַזאַ קרענק, אַז איך האָב געמעגט עסן נאָר דאָס, וואָס איך האָב זייער נישט ליב געהאַט. האָט מיר די מאַמע דערפֿאַר געוואָלט אָנטאָן אַן אויסערגעוויינטלעך פֿאַר־געניגן.

וואָס אַן אמת, איז דער טאַטע געווען קעגן אַ קאַנאַריק, ער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר נישט יידיש, ער האָט בעסער געוואָלט פֿאַר מיר אַן אַקוואַריום מיט פֿישעלעך און וואַסער־געוויקסן. אָבער דאָס איז געווען צו קאָמפּליצירט און געפֿאָדערט אַ סך אויפֿזיכט און אַרבעט. איז עס געבליבן ביי אַ קאַנאַריק.

אייגנטלעך האָט די מאַמע מיר צוגעזאָגט אַ פּאַפּוגיי. פּונקט אַזעלכן, וואָס איז פֿון נישט לאַנג אָן געווען ביי אונדזער שכן, דעם ליטוואַק פּעיסין, ביי דעם, וואָס האָט געהאַנדלט מיט גאַנצע פּעסער קעלבערנע מעגענער. אָבער עס איז שוין אַזוי געשען, אַז פֿון דער צוגעזאָגטער פּאַפּוגיי איז געוואָרן אַ קאַנאַריק.

מיין מאַמע האָט געקויפֿט דעם קאַנאַריק ביי פּעשלען אויף דער וויעזשבאָווע גאַס. דאָס איז געווען אַ פּראָנט־געשעפֿט מיט צוויי גרויסע שויפֿענצטער ווו מען האָט פֿאַרקויפֿט אַלערליי געוויקסן, ווו עס זענען געשטאַנען אַקוואַריומס, שטייגן מיט פֿייגל, ווו מען האָט געקאָנט באַקומען קרוליקעס, העזלעך, ווייסע מייז, ים־חזירלעך און זשאַבעס. ביי די שויפֿענצטער פֿלעגן מיר, מיין שוועסטער עווא און איך, אָפּשטיין שעהען לאַנג — ווען מיר זענען געגאַנגען מיט דער פּאַנע מאַדזשיע שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן.

אין איין שוי־פענצטער פון געשעפט איז געשטאַנען אַ קליין בײדעלע מיט אַ גרינעם דאַך און ווייסע ווענטלעך. נעבן דעם קיילעכיקן איינגאַנג אין בײדעלע האָבן זיך געשפּילט צוויי קליינע קרוליקעס. זיי האָבן געדרייט אומרויִק מיט זייערע דרייעקיקע קעפּלעך, געשפּיצט די לאַנגע אויערן, געקוקט אויסגעשראָקן מיט זייערע קיילעכיקע, ווי גלעזערנע גאַלקעס, טונקל־ראָזע אויגן און איבערגעהאַפּסעט פון איין אָרט אויפן צווייטן, ציפּנדיק דערביי קאָמיש, מיט זייערע ווייכע און נאַסע שפּיציקע פּיסקעלעך, גרינע בלעטער פון פריש קרויט.

אין צווייטן שוי־פענצטער איז געשטאַנען אַ גרויסער אַק־וואַריום, אַ פירעקיקער, גלעזערנער קאַסטן אָנגעפילט אונטן מיט זאַמד און די רעשט, ביז אַרויף, מיט וואַסער. אויבן, אין וואַסער, זענען געשוווּמען פאַרשידענע פישלעך, קליינע און גאָר קליינטשיקע, מיט גאָלדענע שיפּן, מיט שוואַרץ־סאַמעטענע און מיט ווײַס־זיל־בערנע. עס זענען דאָרט געשוווּמען גאָלדענע פישלעך, און ווײַסע פישלעך און אָראַנזשענע, אין גאַנצן אָן שיפּן. די פישלעך זענען טייל געווען לאַנגע און שמאָלע, טייל מיט דיקע רוקנס און דינע בײַכלעך און פאַרקערט, מיט דינע רוקנס און גראָבע בײַכלעך און מיט דינטשיקע, ווי פּאַפּיר, וויידעלעך. די פישלעך האָבן ס׳רוב געהאַט פליספעדערן רויטלעכע, ראָזע, גאָלדענע און גרוי־זילבער־נע, לאַנגע און קורצע, האַרטע און ווייכע, טייל האָבן געהאַט פליספעדערן, וואָס האָבן זיך געעפנט ווי פעכערס, און די פישלעך פלעגן אַזוי באַחנט מיט זיי אַוועקפּאַכן פון זיך דאָס וואַסער בעת זיי זענען געשוווּמען.

די ערד אין אַקוואַריום איז געווען באַדעקט ווי מיט אַ הויכן, גרינעם שטויב און דאָס וואַסער איז געווען מוטנע און גרין. אונטן, אויפן דנאָ, האָבן געווימלט קליינטשיקע שלענגעלעך ווי לעבעדיקע שפּילקעס, עס זענען געלעגן זשאַבע־שיסעלעך פון פאַרשידענער פאַרעם און גרייס, טייל איינגעדרייטע, געקנייטשטע, ווי אַמעריקאַנער ניס, אין איין זייט דיקלעך און ביי דער צווייטער

פּלאַטשיק. איבערן גאַנצן וואַסער האָבן זיך געצויגן אַזעלכע משונה־דיקע געוויקסן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרינע אָדערן אָנגעפּילט מיט קאַלט, גרין בלוט.

* * *

קאַנאַרקעס האָט מען געקאָנט קויפן אויף אַ סך ערטער. אַפילו אויף דער פּאַקאַרנע פּלעגן קומען קריסטן מיט קאַנאַרקעס אין שטייגן. אָבער איך האָב געוואָלט פון פעשלען, ווייל ערשטנס האָב איך געחלומט צו זען אַ מאָל דאָס געוועלב פון אינעווייניק, קאָנען קוקן אויף אַלץ, וואָס איז דאָרט פאַראַן, אריינגיין אין געשעפט מעשה קונה, פריי און ברייט, ווייסנדיק פון פאָרויס, אַז מען וועט זיין צו מיר אויפמערקזאַם, און טאַקע אפשר רעדן מיטן הער פעשעל אַליין, דעם נידעריק בלאָנדן קריסט מיט בינאָקלעס אין גאָלדענע רעמלעך און מיט גרויסע דיקע בלאָנדע וואָנסעס. אַחוץ דעם איז געווען אָנגענומען, אַז ווער עס האָט עפּעס געקויפט ביים ה׳ פעשעל האָט געהאַט דאָס רעכט קומען פרעגן עצות און דאָס איז שוין גאָר געווען אַ צוזאָגנדיקע, לאָקנדע זאַך.

דער קאַנאַריק, וואָס מיין מאַמע האָט מיר געקויפט איז געווען נאָך זייער אַ יונגער, ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן זינגען. זיין געלקייט איז נאָך געווען אַ פרישע, אַ ביסעלע געמישט מיט אַליוו. ער איז געשטאַנען אין אַ הויכער שטייג פון דיקער מעשענער דראָט, וואָס האָט שיין און רייך געגלאַנצט. אונטן האָט די שטייג געהאַט אַ גרין ברעטל, די דרענגלעך אויף וועלכע דער פויגל האָט געקאָנט שפּרינגען זענען אויך געווען געמאָלן אויף גרין.

מיטן קאַנאַריק פון פעשלען זענען מיר אהיימגעפאָרן אין אַ גומקע, אַ דאָראָזשקע מיט גומענע רעדער. איך האָב אים געטראָגן איבערן הויף מיט גרויס שטאָלץ. טייל קינדער זענען מיך מקנא געווען און טייל האָבן פון מיר געלאַכט, נאָכשרייענדיק: „געילאָ קאַנאַריק״!

געל האָבן די קינדער פון הויף שטאַרק פיינט געהאַט. אַ

געל קינד פלעגט שרעקלעך פאַרפּאַלגט ווערן. עס האָט אין גאַנצן נישט געקאָנט אָראָפּגיין אויפן הויף זיך שפּילן. עס האָט געליטן פון מוראַדיקער פאַראיינזאַמקייט. ווי נאָר אַזאַ קינד האָט זיך באַוויזן אויפן הויף האָבן די געשרייען „געילאַ קאַנאַריק״ נישט אויפגעהערט.

דעם אויפזיכט איבער מיין קאַנאַריק האָט איבערגענומען די פאַננע מאַדזשיע. איך בין געזעסן נעבן איר און געריבן אויף אַ ריבאייזן אַלטע חלה, צי זעמל, צוגרייטנדיק פאַר אים זעמל-מעל צום עסן, איך האָב דאָס זעמל-מעל אריינגעשיט אין אַ ספּעציעל נידעריק גלעזל, וואָס איז געהאַנגען אין שטייגל. איך האָב אין צווייטן גלעזל אָפט געטוישט דאָס וואַסער. איך פלעג אַליין אויס-רייניקן דאָס בלעכל מיט מיסט. טייל מאָל, כאָטש געווען זעלטן, פלעג איך אַרויסנעמען דעם קאַנאַריק און אַ קורצע צייט אים האַלטן אין האַנט. ער איז געווען היים און דאָס הערצל האָט ביי אים אַזוי האַסטיק געקלאַפּט. ער האָט געהאַט פון אונטן, ביי די פיסלעך, אַ זייער דינעם פּוך און ווען מען האָט אויף אים אַ לייכטן בלאָז געטאָן, האָט מען געזען זיין לייב, וואָס איז געווען ראָזא-פּערלדיק.

* * *

אַ געוויסע צייט נאָך דעם, ווי מען האָט מיר געהאַט געקויפט דעם קאַנאַריק, בין איך אין אַן אָוונט געבליבן איינער אַליין מיט גענענדלען אין דער היים. עס איז געווען אַ האַרבסט אָוונט. עס האָט אין דרויסן שטאַרק גערעגנט. אַלע מיינע שוועסטערן און די פאַננע מאַדזשיע זענען געגאַנגען אויף עפּעס אַ פאָרשטעלונג. מיך האָט מען צוליב דעם רעגן נישט געלאָזט גיין.

אין אַלע שטובן ביי אונדז איז געווען שטיל, מאָדנע שטיל. עס איז די שטילקייט, וואָס נאָר קינדער פון גאָר פאַרמעגלעכע היימען קאָנען זי און טראָגן זי שפּעטער אין זייער געמיט אַ גאַנץ לעבן.

די טראָפּנס רעגן האָבן געקלאַפּט אין די שויבן, ווי הונגעריקע פּייגל וואָלטן געפּיקט עקשנותדיק מיט זייערע שנאָבלען. די טראָפּנס רעגן האָבן זיך געוואָלט אריינרייסן אין שטוב אַריין, נאָר אָנטרעפנ־דיק אויף דעם האַרטן גלאָז פון די שויבן, האָבן זיי זיך צעשפּריים און שוין צעגאָסענע מאַכטלאָז זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם פענצ־טער און ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין אַ גרויסער קאַלוזשע.

איך בין געזעסן ביים טיש אין קינדער־צימער און נעבן מיר איז געשטאַנען דאָס שטייגל מיטן קאַנאַריק, פון וועלכן איך האָב נישט אַראָפּגענומען קיין אויג. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי דער קאַנאַריק שפּרינגט זיך איבער פון איין דרענגל אויפן צווייטן, איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיין קליין, איידל קעפּל, צו זיין דינעם העלדזל באַדעקט מיט פוך, וואָס האָט געהאַט אַ שימער ווי פון זייד. איך האָב באַוווּנדערט די געלע פאַרב פון זיינע פעדערן, וואָס האָבן אַזוי וואַרעם און ווייך געגלעט דאָס אויג. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אים אויף קיין רגע.

עס זאָל מיר נישט זיין אומעטיק איינעם אליין אין די שטובן, איז די טיר פון צימער וווּ איך בין געזעסן געווען אָפן אין קאָרידאָר אריין. עס איז דאָרט אויך אָפן געווען די טיר פון דער קיך און איך האָב פון צייט צו צייט געהערט גענענדלס שווערע טריט, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ביים פּוצן די טעפּ.

פּלוצעם האָט אַ ריס געטאָן דער גלאָק ביי דער טיר. גענענדל איז געגאַנגען פּאַמעלעך עפענען, און איך האָב דערהערט די שטימע פון שלמהן, דעם שמוקלערס יינגל, דער, וואָס פלעגט אין די פרייטיק־צו־נאַכטן מאַכן סקאַנדאַלן, אַז מען זאָל אים געבן אַ ווייב מיט אַ קינד מיט דרייסיק רובל, וועט ער גיין וויינען פאַר זיך.

שלמה האָט עפּעס גערעדט מיט גענענדלען אוןביידע זענען זיי אַריין אין קיך. ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסן יינגל. ער פלעגט טייל מאָל צוהעלפן בראָודעס יונגען, ווען זיי האָבן געמאַכט אויף די שטיגן „ווינדעס" פאַר די יינגערע קינדער. שלמה האָט מיך

גערן געהאַט און פּלעגט אַן איבעריק מאָל מיך אַריינשמוגלען אין דער „ווינדע״, אויסער דער ריי. אָבער דירעקט מיט אים אַליין האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן.

ער האָט עפּעס גענומען ביי גענענדלען און אַרויס פון דער קיך. דערזעענדיק די אָפענע טיר פון קינדער־צימער האָט אים אַ שטאַרקער נייגער אַ שלעפּ געטאָן און ער איז צוגעגאַנגען און אַ בליק אַריין געטאָן אין צימער.

— אַאַ... חילעק! — האָט ער פאַרווונדערט אויסגערופן.

איך האָב נישט געענטפערט. ער האָט מיט גרויס אינטערעס באַקוקט אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין צימער און גוטמוטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ סימן אַז וואָס ער האָט געזען, איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

איך האָב געקוקט אויף אים און נישט פאַרשטאַנען פון וואָס ער ווערט אַזוי נתפּעל. מיט אַ מאָל איז זיין בליק געפאַלן אויף דעם שטייגל מיטן קאַנאַריק וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. נישט פרעגנדיק צי מען מעג אַריינגיין, איז שלמה מיט זיכערע טריט אַריין אין צימער און צו צום טיש נעבן דער שטייג מיטן קאַנאַריק.

ער האָט געקוקט אויף דעם פויגל לאַנג און באַדאַכטיק. פלוצעם האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן: — פּע, אַזאַ געילאַ קאַנאַריק, אַ מיאוסקייט. קים חילעק, לאָמען עס אָפּמאַלעווען אויף שוואַרץ.

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער אויסגעצויגן זיין זיכערע האַנט, אויפגערוקט דאָס טירעלע פון דער שטייג, גענומען אין זיין פעסטער האַנט אַריין דעם צאַפּלדיקן פויגל, גענומען פון טיש אַ שטיק פּאַפּיר, עס איינגעוויקלט, איינגעטונקען אין טינטאָרן מיט טינט, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און אין עטלעכע רגעם איז דער קאַנאַריק געווען שוואַרץ און נאַס, ווי באַדעקט מיט אַ שוואַרצן שוויים.

צי פון גרויסן נייגער, וואָס שלמה האָט בדעה דאָ צו מאַכן, צי פון זיין צודרינגלעכקייט, פון דעם חוצפּהדיקן צורירן זיך צו יענעמס אַ זאַך, צי פון דעם פלוצעם באַווייזן זיך אין מיין צימער,

צו וואָס איך בין נישט געווען געווינט, צי גאָר פון שרעק פון דעם וואָס אויף מיינע אויגן געשעט מיטן קאַנאַריק, צי פון דעם אַלעם צוזאַמען, נאָר איך האָב די גאַנצע צייט, וואָס שלמה האָט געמאַ־ליעוועט דעם קאַנאַריק, נישט געקאָנט פון זיך אַרויסבאַקומען קיין וואָרט. איך בין געזעסן אַ טויט דערשראָקענער און קוים געאָטעמט.

פלוצעם האָט דער קאַנאַריק אָנגעסטראָשעט די איצט שוואַרצע פעדערן, זיין ראָז־פערלדיק לייב איז געווען אין גאַנצן באַדעקט מיט רויטע און שוואַרצע פלעקן, ער האָט אַזוי עפּעס מאָדנע אַ מאַך געטאָן, ווי פון וויטיק, מיט די פעדערן, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן, אָבער נישט געקאָנט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל און זיינע קיילעכיקע גלאַנציקע אויגן זענען געוואָרן פאַרגלייזט.

שלמה האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און שנעל אַרויס פון צימער. באַלד האָב איך געהערט ווי ער פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר פון איינגאַנג.

איך האָב געפילט, אַז מיטן קאַנאַריק איז עפּעס זייער נישט גוט. ערשט איצט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ קאָשמאַר. ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז עס איז געשען אַ שרעק־לעכע זאַך. איך האָב אָנגעהויבן פאַרצווייפלט צו שרייען: גע־נענ־דלל! גע־נענ־דלל!

גענענדל איז אַריינגעקומען און מיך אָנגעקוקט אַ דער־שטוינטע: — ווס שראַסטע אַזוי? ווס מאַכסטע פאַרא ווילדע קולות? — האָט זי זיך געבייזערט אויף מיר.

— גענענדל, זעי נאָר וואָס איז געשען מיטן קאַנאַריק! — האָב איך געשריגן אין גרויס פאַרצווייפלונג.

גענענדל האָט געקוקט און געקוקט און גאָרנישט געזען. זי האָט אפשר גאָרנישט געדענקט, אַז דער קאַנאַריק איז אַמאָל געווען געל, גיכער דעם קאַנאַריקס אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ, ווי זיין שוואַרצע פאַרב, האָט איר מיט אַ מאָל געעפנט די אויגן אויף דעם וואָס איז פאַרלאָפן.

זי האָט פאַרבראָכן די הענט און געגעבן אַ געשריי אַרוים: — אַ בראָך האָט מאָך געטראָפן! — אין אַ רגע אַרום האָט איר פינגער אָנגעוויזן אויפן קאַנאַריק און מיט אַ דערשטיקטע פון כּעס שטימע האָט זי געפרעגט: — וועיאָ האָט דועם געטיען?

— שלמה האָט האָט אָפּ־אָפּגעמאַליעוועט דעם קאַ־קאַנאַריק מיט טינט — האָב איך קוים אַרויסגעהעשעט.

גענענדל האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אירע ווייס געוואָרענע, גרויסע, האַרטע, רוצחישע אויגן, די גריבעלעך פון איר געשטיפּלט פנים האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און זי האָט אַרויסגעסיקעט פון צווישן אירע געלע, גרויסע ציין, זיפנדיק יעדעם וואָרט: — נישט שלמה האָט דוס געטיען, נאָר די האָסט דוס געטיען, דוס איז אַלץ פון שווילטוג, — האָט זי איצט גערעדט ווי צו זיך אַליין, — איצט הרגעט עס פייגל פין שווילטוג אין שפּעטער וועט עס הרגענען מענטשן פין שווילטוג!

מיר איז געווען ענג און אַנגסטיק פון איר משונהדיק רעדעריי. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס זי וויל פון מיר. איך האָב זי גערופן זי זאָל מיר העלפן, און דאָ שטייט זי איבער מיר און זאָגט גאָר, אַז איך האָב דאָס געטאָן. וואָס וויל זי פון מיר?! האָט זיך אין מיר געריסן אַ געשריי.

געגענדל איז אַלץ געשטאַנען און מיט אַ קאַלטער, גזלנישער שטימע געצויגן פּאַמעלעך די ווערטער: — נאָר וואָרט, די מאַמישי וועט אַהיימקימען וועט זי דיר אַרופלאָזן די הויזן, פאַרשאַרצן דום העמד און דיר אונהאַקן אַ הינטן, אַז ער וועט ווערן אַזוי גע־שוואָלן. — דערביי האָט זי אָנגעוויזן אויף די הויך פון געשווילעכץ וואָס איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרוים ווי איך.

אינעם גאַנצן אומגליק מיטן קאַנאַריק, אין מיטן מיין גרויסער פאַרצווייפלונג, האָב איך דערפילט אַז געגענדל רעדט צו מיר חוצפּה־דיק. עס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן מיין בן־יחידישער שטאָלץ. איך האָב אין אַלעם פאַרגעסן, אין שלמהן, אין גוססדיקן קאַנאַריק, איך האָב נאָר געזען געגענדלען מיטן געשטיפּלטן פּנים, מיטן קאָפּ

ווילדע, האַרטע האָר רעדן צו מיר אַזוי מיאוס און גראָב. איך בין אַראָפּ פון דער שטול און ווי קליין איך בין געווען האָב איך זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און טייטלענדיק מיטן ווייזפינגער אויף דער טיר, האָב איך אַ געשריי אויס געטאָן צו גענענדלען מיט אַלע כוחות — אַראָפּ פון שטיב!

גענענדל האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין כעס. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר מיינע רייד. זי איז עטלעכע מינוט געשטאַנען און געפינטלט מיט אירע ווייסע אויגן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך ווי איינגעקאָרטשעט, צונויפגענומען די פּלייצעס, ווי מ'נעמט צונויף אַן אָרעמען, כמעט ליידיקן זאַק, זיך אויסגעדרייט און אַריין אין קיך.

* * *

ווען די מאַמע איז אהיימגעקומען האָט שוין דער קאַנאַריק נישט געלעבט. ער איז געלעגן אויפן דיל פון דער שטייג און נעבן דער שטייג איז געלעגן מיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף מיין לינקן, איינגעדרייטן ווי אַ בייגל אָרעם, מיינע שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיף העשען און די אויגן זענען געווען געשוואָלן פון וויינען.

די מאַמע האָט קודם-כל מיט אַ בליץ-שנעלער באַוועגונג אַוועקגענומען פון מיר דעם טויטן קאַנאַריק. נישט נאָר אים האָב איך שוין קיין מאָל מער נישט געזען, נאָר אַפילו די שטייג אויך נישט. דערנאָך האָט די מאַמע גענומען מיך באַרויִקן. זי האָט גערעדט צו מיר פאַרשידענע ווערטער, אָבער דאָס וואָרט „קאַנאַריק" האָב איך קיין איין מאָל פון איר מויל נישט געהערט. דאָס וואָס זי האָט גערעדט צו מיר, איז צו מיר נישט דערגאַנגען, איך האָב נאָר געהערט פליסן איר איידעלע, ווייכע שטימע און געפילט ווי אירע צאַרטע פינגער גלעטן מיין קאָפּ און פּנים.

לאַנגע טעג האָב איך באַוויינט דעם קאַנאַריק. אין מיינע

קינדער־יאָרן איז דער פֿאַל מיטן קאַנאַריק געווען דער איינציקער טויט־פֿאַל פֿון אַ נאָנט באַשעפֿעניש פֿון מיין היים. דערפֿאַר האָט זיך דער טרויער נאָך אים אַזוי טיף איינגעזאַפּט אין מיין יונג געמיט.

וואַליזקעס און נסיעות

מיין טאַטע איז אָפּט געווען אומטערוועגנס. אפשר דערפאַר האָט ער אַזוי ליב געהאַט וואַליזקעס, וואָס האָבן אים געטריי באַגלייט אין אַלע זיינע רייזעס.

דער טאַטע פלעגט אַוועקפאָרן שטענדיק אין די פאַרטאָגן. זומער האָב איך זיין אַוועקפאָרן קיין מאָל נישט באַמערקט. אָבער ווינטער פלעג איך טייל מאָל אויפכאַפּן דעם העלן שימער פון דער גאַז-לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אין עס-צימער און אַריינגעלויכטן דורך אַ שפּאַרע פון דער טיר אין מיין צימער אַריין.

דער טאַטע איז דאָרט אין די פאַרטאָגן, פאַר זיין אַוועקפאָרן, געזעסן און געטרונקען טיי. ער האָט זיך קלאַנגלאָז באַוועגט. טייל מאָל געגרעדט עפּעס שטיל מיט דער מאַמען, ווי פליסטערנדיק.

ווען דער העלער שימער פון דער גאַז-לאָמפּ האָט מיך אויפ־געוועקט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז דער טאַטע קלייבט זיך אין וועג אַריין. איך האָב זיך געדרייט אין בעט, געהוידעט מיטן מאַטראַץ, אַ שאַר געטאָן מיט אַ שוך, בכדי געבן דעם טאַטן אַ סימן, אַז איך בין וואַך, אַז איך שלאָף נישט.

אָפּט מאָל פלעגט דער טאַטע אויפכאַפּן דעם שטילן גערודער, וואָס איז געגאַנגען פון מיין שטוב, ער פלעגט דעמאָלט פּאַמעלעך אָפּבייגן די טיר און אַריינקוקן צו מיר. ווען ער האָט מיך געזען אַ וואַכעדיקן, איז ער צוגעגאַנגען און מיך שטיל געפרעגט: — פאַרוואָס שלופסטו נישט? — איך האָב פון זיין נאָענטקייט פאַר־מרוזשעט די אויגן ווי אַ קאַץ. דער טאַטע האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּנים און עס מיט ליבשאַפט צוגעדריקט. דערנאָך

האָט ער אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער מיינע האָר, זיך אָנגעבויגן און מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן. דעמאָלט פלעג איך אַריינכאַפּן אין מיינע ביידע הענט זיין האַנט, זיך איינגראָבן אין איר מיטן גאַנצן פּנים און זי קושן.

* * *

וואַליזקעס האָט דער טאַטע געהאַט אַ סך. אַלע פון לעדער, נאָר טייל פון האַלב-ווייכער און טייל פון האַרטער.

צו עטלעך-טאָגיקע רייזעס האָט ער געהאַט אַ קליינע וואַליזקע, אַ פּירעקיקע, פון האַלב-ווייכער לעדער אין שמאָלע שטרייפעלעך. צו אַ נסיעה אויף אַ גאַנצער וואָך, האָט ער געהאַט אַ גרעסערע פון האַרטער לעדער, מיט אַ ניקלנעם שלאָס אין דער הויך, לענגאַויס דער גאַנצער וואַליזקע. ווען מען האָט זי געעפנט, האָט מען אירע זייטן געקאָנט שטיין מאַכן מיט צוויי אינערלעכע שלעסער. די וואַליזקע האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ הויך קעסטל אָן אַ צודעק. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם איבערצוג פון דינעם ברעזענט, פאַרקנעפּלט אין דער זייט אויף ניקלנע קנעפּלעך.

אַ גרויסע פּלאַטשיקע, פּירעקיקע וואַליזקע אין אַ ברעזענ-טענעם איבערדעק, האָט ער געהאַט פאַר צען-טאָגיקע און אפילו צוויי-וואָכיקע רייזעס. אחוץ דעם, גאָר גרויסע וואַליזקעס צו פאָרן אין די וואַרעם-בעדער און קיין אויסלאַנד און עטלעכע גאָר קליינע פאַר איין-טאָגיקע נסיעות און ווי אַ געהילף צו די גרויסע.

די וואַליזקעס האָבן געהאַט זייער אַ בכבודיק אָרט אין איינעם פון די גרויסע קליידער-שענק, וואָס זענען ביי אונדז געשטאַ-נען אין דער גרויסער שטוב נעבן סאַלאָן. אַ גאַנצע זייט פון אַזאַ שאַנק האָט דער טאַטע פאַרנומען צו דעם צוועק. ווען די דינסט פלעגט, נאָכן אויספּאַקן, אויסשאָקלען און איבערווישן די וואַליזקע, האָט זי דער טאַטע אַליין אַוועקגעשטעלט אויף איר באַשטענדיק

אָרט, ווען אַפילו ער האָט זיך געגרייט ווידער צו מאָרגנס אַוועק־צופאָרן און זי מיטנעמען מיט זיך.

דער טאַטע האָט קיין מאָל נישט איבערגעלאָזט אויף איבער נאַכט קיין נישט אויפגעפּאַקטע וואַליזקע, אַפילו ווען ער איז גראָד אַהיימגעקומען זייער שפּעט, אַרום צוועלף אַ זייגער, אָדער נאָך שפּעטער. ווי נאָר די וואַליזקע האָט געהאַט אָפּגעטאָן איר „אַרבעט", האָט ער זי באַפרייט פון יעדן מינדסטן לאַסט. ער האָט זיך צו די וואַליזקעס באַצויגן מיט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט און איידלקייט, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע וועזנס.

* * *

די שוין אַ ביסל אָפּגענוצטע וואַליזקעס פלעגט דער טאַטע צעבאָרגן אָרעמע חסידים, וואָס זענען געפאָרן אויף די ימים־נוראים צום רבין. נאָכן צוריקקומען פלעגן די חסידים צוריקגעבן די וואַליזקעס. אָבער כמעט שטענדיק פלעגט איינע פון זיי פאַרלוירן גיין, אָדער מען האָט זי ביי יענעם צוגעגנבעט, אָדער סתם, דער וואָס האָט געבאָרגט האָט נישט געהאַלטן פון צוריקגעבן. דער טאַטע האָט גערן אויסגענוצט אַזאַ געלעגנהייט און זיך איינגעקויפט אַ נייע וואַליזקע אויפן אָרט פון דער אַלטער.

קויפן אַ וואַליזקע פלעגט דער טאַטע גיין מיט מיין שוין דערוואַקסענער שוועסטער חיה (העלענאַ). דאָס האָט ער נישט געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אויף זיך אַליין נישט געקאָנט פאַרלאָזן, ניין. ער האָט זיך זייער גוט געקענט אויף וואַליזקעס און סיי ווי סיי געקויפט אַזאַ, וואָס איז אים געפעלן און נישט די, וועלכע איז איר געפעלן. ער האָט זי מיטגענומען, ווייל ער האָט איר געוואָלט אַרויסווייזן אויפמערקזאַמקייט און הייבן איר חשיבות אין אונדזערע אַלעמענס אויגן. מיין עלטסטע שוועסטער האָט שוין געהאַט חתונה־געהאַט און העלענע איז איצט געשטאַנען אויף דער „וואַקאַנדע". האָט דער טאַטע אַזוי אַרום איר אָפּגעגעבן כבוד.

אַחוץ דעם האָט זי דער טאַטע סתם גערן געהאַט. אין שטוב האָט מען זי גערופן „דעם טאַטנס טאָכטער".

* * *

צוריקקומען פון די נסיעות פלעגט דער טאַטע שטענדיק אין די אָוונטן. די מאַמע און אַלע קינדער האָבן אויף אים געוואַרט אַפילו ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער טאַטע פלעגט מכלומרשט מאַכן דער מאַמען פאָרוואורפן פאַרוואָס די ייִנגערע קינדער שלאָפן נאָך נישט. מען האָט אָבער געזען, אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז נאָר לפנים, בכדי וויַיזן, אַז דער עיקר אין דער שטוב איז אָרדענונג און דיסציפּלין, בדיעבד איז ער געווען צופרידן וואָס אַלע וואַרטן אויף אים און ער קאָן אַלע זען וואַכעדיקע.

דער טאַטע האָט יעדעס מאָל געבראַנגט פאַר די קינדער און פאַר דער פאַנגע מאַדזשיע צו פּעקלעך גאַלא-פּעטערס שאָקאָלאַד. דער שאָקאָלאַד איז געווען געפּאַקט אין שוואַרץ, גלאַנציק פּאַפּיר און אין זילבער. ער איז געווען דין און ביטער, און מיר אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט.

דעם שאָקאָלאַד האָט דער טאַטע געטיילט ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין שטוב. ווען אָבער ער האָט געהאַט פאַר עמעצן פון אונדז עפּעס אַ ספּעציעלע מתנה, האָט מען געמוזט אויף איר וואַרטן. די מתנה איז שטענדיק געלעגן די לעצטע, אויפן סאַמע דנאָ פון דער וואַליזקע.

אויפן אויספּאַקן די וואַליזקע האָב איך אַלע מאָל געוואַרט מיט גרויס נייגעריקייט און אומגעדולד. דער טאַטע האָט דאָרט אָפט געהאַט עפּעס אינטערעסאַנטס. ווען אפילו עס איז נישט געווען פאַר מיר, האָט דאָס מיך אויך אינטערעסירט. ווען דאָס איז נישט געווען קיין מתנה, איז עס סתם געווען אַ זאַך, וואָס איז ווערט געווען מען זאָל דאָס זען.

נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט זיך אַ ביסל אויסגערוט, אָרומגעוואַשן און אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי, האָט זיך אָנגעהויבן

דאָס אויספּאַקן. דאָס איז געווען זייער אַ פייערלעכער מאָמענט. דער טאַטע האָט אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב אַ שטול און אויף איר אַרויפגעשטעלט די וואַליזקע, זי זייער פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק געעפנט, געלאָזט זי שטיין עטלעכע רגעס אַ געעפנטע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט ווי אַרום די זאַכן אַרויסצונעמען, דערנאָך האָט ער זיך אַ ביסל איינגעבויגן און... ס'האָט זיך אָנגעהויבן.

צו ערשט האָט דער טאַטע אַרויסגענומען דאָס שוואַרצע, סאַמעטענע זעקל אין וועלכן ס'זענען געלעגן דער טלית מיט צוויי פּאָר תפילין און אַ סידורל. ער האָט דעם טלית-זאַק גענומען מיט ביידע הענט און דערלאַנגט מיר. איך האָב אים גענומען, אַ קוש געטאָן און זייער דעליקאַט צוגעטראָגן צום ספרים-שאַנק ווו דער טלית און תפילין האָבן געהאַט זייער באַשטימטע אָרט. דערנאָך האָט דער טאַטע אַרויסגענומען אַ „חוקל" און דעם „ישמח ישראל" פון מיטעלן אַלעקסאַנדערער רבין, ספרים וואָס דער טאַטע האָט שטענדיק און אומעטום מיט זיך מיטגעפירט. ער האָט זיי מיר דער-לאַנגט. איך האָב יעדעם פון זיי אַ קוש געגעבן און אַריינגעשטעלט אויף זייער אָרט. דערנאָך האָט דער טאַטע אויסגעפּאַקט זיין שלאָף-ראָק, וועלכן ס'האָט אים אַרויסגענומען פון דער האַנט מיין מאַמע, אָדער איינע פון מיינע דערוואַקסענע שוועסטערן. ער האָט אויך אַרויסגענומען איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר אַ פּאָר מאָרגן-לאַטשן און נאָך עפּעס אַ פּעקל, וואָס די מאַמע האָט עס שנעל צוגענומען און אַריינגעוואָרפן אין אַ קויש, וואָס איז געשטאַנען אין אַן אַלקערל.

ווען דאָס אַלץ איז שוין געווען אַרויסגענומען איז ערשט די נייגעריקייט געוואַקסן. וואָס וועט ווייטער זיין? האָבן מיר זיך אַליין געפרעגט. וועלן איצט קומען די פאַרביקע מוסטער-קאָלעק-ציעס, וועלכע דער טאַטע פלעגט געוויינטלעך מיט זיך מיטברענגען פון די מאַנופאַקטור-פאַבריקן, אָדער ס'וועט קומען גאָר עפּעס ספּע-ציעלעס?

די מתנות וואָס דער טאַטע פלעגט ברענגען פון וועג פאַר מיר און פאַר די אַנדערע יונגע קינדער, זענען כמעט אַלע מאָל געווען

קליינע שפּיל־זאַכן, אַממיינסטן קונדסישע שטיק, צי סתם זאַכן צום פאַרווײַלן זיך, צום לאַכן. גרעסערע און טײַערע שפּיל־זאַכן האָט ער שטענדיק געקויפט אין וואַרשע. פון וועג פלעגט ער ברענגען די פאַרשידנסטע „וואַנקע־וסטאַנקעס" און פּאַפּירענע פּאַיאַצן. ווען מען האָט אַזאַ פּאַיאַץ אויפגעהאַנגען אויף אַ טשוואָק און געצויגן בײַ אַ לאַנג שטריקל, וואָס איז אים נאָכגעהאַנגען פון דער לינקער זײַט, האָט ער געמאַכט פאַרשידענע קונצן, זיך געוואָרפן ווי אַ באַנומענער, געהויבן הענט און פיס, געדרייט מיטן קאָפּ און געגלאָצט מיט די אויגן. דער טאַטע פלעגט ברענגען פאַרשידענע מאַלפּעס פון פאַרשידענער גרייס, וואָס האָבן זיך כסדר און משונהדיק געקרימט, אַז ס'איז אַ מורא געווען אויף זיי צו קוקן. ער האָט גע־בראַכט ליאַלקעס מיט דאָפּלטע קעפּ, סתם פאַרזעעניש, גרינע, פּאַפּירענע שלאַנגען, גלאַנצנדיקע, בלעכערנע ווערעם וואָס האָבן זיך לײַכט צוגעהעקלט צום מלבוש און שווער זיך פון דאָרט געלאָזט אַראָפּנעמען, און אַ פּשוט, פון אויסזען, שטיקל וואַטע, נאָר ווען מען האָט עס צעבלאָזן איז אַלץ אין דער שטוב באַדעקט געוואָרן ווי מיט אַ שניי.

איין מאָל האָט דער טאַטע געבראַנגט אַ וווּרשט. מיר זענען געווען זייער פאַרוווּנדערט, ווײַל דער טאַטע פלעגט קיין מאָל אַזעל־כע זאַכן צום עסן נישט ברענגען. אין דער פרי, ווען מיר האָבן גע־געסן פרישטיק, האָט דער טאַטע געגעבן דער מאַמען זי זאָל צעשנײַדן דעם וווּרשט און די פּליטשן אַרויפלייגן אויף די זעמל מיט פּוטער פאַר אַלע קינדער.

מיר זענען געווען איבער זיך. עסן פּוטער מיט וווּרשט ? אַזאַ זאַך האָט זיך קיינער בײַ אונדז גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן. נאָר דער טאַטע האָט געהייסן עסן. מײַן שוועסטער עווא, וואָס איז געווען זייער אַ נײַגעריקע האָט די ערשטע אײַנגעביסן דעם זעמל מיט פּוטער און וווּרשט, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז גאָרנישט קיין פלייש־וווּרשט נאָר מאַרמאַלאַדע.

ס'האָט זיך געטראָפן, אַז דער טאַטע האָט שוין אַלץ געהאַט

אַרויסגענומען פון דער וואַליזקע און קיין שפּיל־זאַכן האָט מען נישט געזען. פון דעסטוועגן האָב איך נאָך אַלץ געגלייבט, אַז ערגעץ ליגט פאַרט עפּעס באַהאַלטן. אפשר אין אַ זייטיקער טאַש פון דער וואַליזקע און אפשר האָט גאָר די וואַליזקע אַ דאָפּלטן דנאָ. מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. ווען דער טאַטע האָט אַריינגעגעבן די וואַליזקע דעם דינסט־מיידל, זי זאָל זי אויסשאָקלען און אויספּוצן, האָב איך נאָך אַלץ געגלייבט אין אַ נס...

דער טאַטע האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרענטפערט פאַר וואָס ער האָט גאָרנישט געבראַכט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ טאַטע דאַרף זיך בכלל נישט פאַרענטפערן.

סטראַזשאַקעס און קוימענקערערס

עס איז נישט געווען קיין גרעסערע אטראַקציע, קיין גרעסער פאַרגעניגן פאַר אַ קינד, ווי זען די „סטראַזש אָגניאָווע" (פייערלעשער) פאָרן צו אַ שריפה. דאָס איז געווען מער און אינטערעסאַנטער, ווי אַ מיליטערישע לוויה מיט מוזיק, מיט רייטער, מיט גלחים און מיט קרענץ. די פייערלעשער האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער גוואַלדיק פלינקען פאָרן, מיטן מעש-גאָלדענעם גלאַנץ פון זייערע קאַסקעס און מיט דעם טרומייטערן אויפן גאַנצן וועג, פון זייערע קאָשאַרן ביזן אָרט פון דער שריפה.

אין דער יידישער געגנט אין וואַרשע האָט מען געקענט די נאַלעווקער אָפּטיילונג פון די פייערלעשער. זיי האָבן געהאַט זייערע קאָשאַרן אויף ראָג נאַלעווקעס און נאָוואָליפּקי. אַנטקעגנ-איבער זיי איז פון איין זייט געווען קראַשינסקים גאָרטן און פון דער צווייטער — די נאַלעווקער קראָמען. קינדער פלעגן דאָרט אָפּשטיין שעהען לאַנג מיט דער טליענדיקער האָפענונג אין זייער קינדישער פאַנטאַזיע און מיט שנעל קלאַפּנדיקע הערצלעך, אַז אָט-אָט וועט אויסברעכן ערגעץ-ווו אַ שריפה און זיי וועלן זען מיט די אייגענע אויגן, ווי אַזוי די פייערלעשער פאָרן אַרויס פון זייער סטאַציע לעשן דאָס פייער.

און אַ מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ קינד האָט געהאַט גליק. פלוצעם האָט עס דערזען, ווי אַ סטראַזשאַק (פייערלעשער) לויפט אין איין אָטעם פון ערגעץ-ווו און פאַלט צו מיט ביידע הענט צו דעם שטריק, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען, ווי אַ לעבעדיקער אָדער, פון דעם האַרץ פונעם אַלאַרם-גלאָק. דער גלאָק איז געהאָנגען אין

דרויסן, נעבן אַריינגאַנג צו די שטאַלן, ווו עס זענען געשטאַנען גוט־אָפּגעוואַשענע און אויסגעבערשטע, אויסגערוטע און זאַטע, גרויסע, הויכע, מעלקענבורגער פערד. ווען דער פייערלעשער האָט אָנגע־כאַפּט די שטריק מיט די הענט, האָט ער זיך מיט איר אַ וויג געטאָן און עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע קלאַנגען פון דעם מעכטיקן אַלאַרם־גלאָק, וואָס פלעגט שעהען און טעג הענגען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ און אַ שטום האַרץ.

תיכף, אין דער זעלבער רגע האָט זיך געגעבן פון די קאַשאַרן אַ שיט אַרויס אַ מחנה פייערלעשער מיט בלאַנקנדיקע מעשענע קאַסקעס אויף די קעפּ. זיי האָבן לויפנדיקערהייט זיך אָנגעטאָן. מיט איין האַנט האָבן זיי פאַרקנעפּלט דאָס אָנטועכץ און מיט דער צווייטער אויפגעפּראַלט די גרויסע, הויכע טויערן פון די שטאַלן, אַרויסגעפירט די פערד, אַרויסגעשלעפּט די וועגענער, מיט די לייטערס, מיט זאַפּאַסאָווע פעסער וואַסער און אַנדערע כלים. אין עטלעכע געציילטע מינוט איז די גאַנצע אָפּטיילונג געווען גרייט אַרויסצופאָרן. מען האָט דערלאַנגט דאָס פערד דעם אויסרייטער און מען האָט געריררט פונעם אָרט.

פאַרויס האָט מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט געצוואַלעוועט אויף אַ טונקל ברוינעם אָגער דער אויסרייטער. ער האָט געהאַלטן אין מויל אַ פּייפערל, וואָס איז געווען באַהאָפטן צום מונדיר מיט אַ געפלאָכטענע רויטע שנור, ער האָט געהאַלטן אין איין פייפן. נישט איבערגעריסן אויף קיין איין רגע. פון זיין צעהיצט מויל האָט ער געבלאָזן מיט אַ צעקאָכטן אָטעם אין פּייפערל אריין און דאָס קיי־לעכל, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען אינעם קעפּל, האָט זיך געוואָרפן מיט אַזאַ האַסטיקייט, ווי אַן אַרבעס אין אַ טאָפּ זידנדיק וואַסער.

די גאַנצע באַוועגונג אויף די גאַסן האָט זיך אָפּגעשטעלט. די טראַמווייען, די דראָזשקעס און די וועגענער זענען אַלע גע־בליבן שטיין, מאַכנדיק אָרט פאַר דעם אויסרייטער און פאַר די וועגענער מיט די פייערלעשער, וואָס זענען געפאָרן נאָך אים. דעם אויסרייטערס פערד האָט געצויגן פייל פון בויגן אין מיטן דער

שטיינגעבליבענער גאַס, און געשניטן דעם שטח פֿאַר זיך אויף צוויי טיילן, ווי מיט אַ שאַרף מעסער. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס פֿערד וואָלט געלאָפֿן נאָר אויף די פֿאָדערשטע פֿיס און די הינטערשטע האָבן זיך אונטערגעגעבן, זיך געהויבן צום טאַקט פֿון די פֿאָדערשטע, נאָר פֿון מורא, אַז זיי זאָלן נישט שטערן.

נאָכן אויסרייטער זענען געפֿאָרן סטראַזשאַקעס אין אַ וואָגן וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט נידעריקע ווענטלעך פֿון אַלע זייטן. צוויי הויכע, טונקל-ברוינע פֿערד, געשפּאַנט אין אַ גוט דורכגעפּעצטן, לעדערנעם געשפּאַן, באַשלאָגן מיט אַ סך בלישטשענדיק מעש, זענען מיט דעם וואָגן געלאָפֿן איבער די גאַסן. די פֿערד האָבן געריסן פֿאָרויס, מיט געוואַלטיקער פֿערדישער גאווה. זיי האָבן געפֿילט, אַז די גאַס גיט זיי אָפּ כבוד, אַז אַלץ האָט זיך פֿאַר זיי אָפּגעשטעלט, אַז דאָראָזשקעס און וועגענער זענען אַוועק פֿאַר זיי אין די זייטן פֿון די גאַסן אַרויפֿפֿאָרנדיק אין דער העלפֿט אויף די טראָטואַרן. פֿון דער רעכטער זייט וואָגן, ביים ווענטל נעבן קאָזיאָל, ווו עס איז געזעסן דער אָנטרייבער, איז געשטאַנען דער פֿאָנען-טרעגער מיט דער בלויער, זיידענער פֿאָן פֿון דער נאַלעווקער אָפּטיילונג אין דער רעכטער האַנט. נעבן אים — דער טראָמביסט, וואָס האָט כסדר טרומייטערט מיטן גאָלד-מעשענעם טרומייטער.

די פֿייערלעשער זענען אַלע געגאַנגען אָנגעטאָן אין מעשענע קאַסקעס און אין העל-גרינע, ברעזענטענע מלבושים. טייל פֿון זיי האָבן שוין פֿאָרנדיק נאָך אַלץ פֿאַרקנעפּלט אין איילעניש אָפּן-געלאָזענע קנעפּלעך, טייל האָבן עפּעס פֿאַרראַכטן ביים ברייטן, ברעזענטענעם פּאַסיק אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַ האַק און רונדיקע אייזנס צוצוהעפֿטן זיך צו די גאָר הויכע לייטערס.

נאָך דעם וואָגן, וועלכער איז געווען דער שענסטער און פֿאַרכאַפּנדיקסטער, איז געפֿאָרן אַ וואָגן מיט הידראַנטן, מיט פּלאַטשיקע ברעזענטענע קישקעס איינגעוויקלטע אין גרויסע רעדער. נאָך דעם, וועגענער מיט רויטע, אייזערנע פֿעסער מיט זאַפּאַסאָווע

וואַסער. דערנאָך — אַ לאַנגער וואָגן מיט לייטערס פון מיטעלער גרייס. נאָך אים אַ וואָגן מיטן גאָר גרויסן לייטער איבערגעדעקט מיט אַ ברוינעם ברעזענט. דער דאָזיקער לייטער איז געווען אַזוי צונויפגעלייגט, ווי מען לייגט צונויף אַ טאַשן-מעסער. ביי די זייטן האָט דער לייטער געהאַט פאַרשידענע רעדער. ווען מען האָט זיי געדרייט האָט זיך דער לייטער אַליין אויפגעשטעלט און גע־גרייכט ביז צום זיבעטן און אַפילו אַכטן שטאָק. נאָך דעם אַלעם איז געפאָרן אַ וואָגן מיט קליינע לייטערס, מיט באַגרעס, העק, קוב־לעס און אַנדערע מכשירים.

אויב די פייערלעשער זענען אַרויסגערופן געוואָרן צו אַ גרויסער שריפה, אין אַ פאַבריק אָדער סקלאַדעס, איז נאָך זיי נאָכ־געפאָרן דער קאָמענדאַנט אַליין. ער איז געזעסן אין אַן אָפענער קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי גרויסע פערד. ער האָט אויך געטראָגן אַ מעשענע קאַסקע, נאָר אַ העכערע ווי די געוויינטלעכע. צו דער קאַסקע איז געווען צוגעפעסטיקט אַ געגילדענער דער רו־סישער מלוכה-הערב און איבער דעם אַלעם האָט זיך געוויגט, ווי אַ געבויגענער רוקן פון אַ חיה מיט אַ הויכער פעל — אַ ווייסע געדיכטע פעדער-קיטע. דער קאָמענדאַנט האָט אויף זיין גראַנאַטע־נעם מונדיר געטראָגן אַ שוואַרצע פעלערינע. לעבן דעם סטראַזשאַק וואָס האָט אָנגעטריבן די פערד פון דער קאַרעטע איז געזעסן אַ טראָמביסט און, — ווי ביים גרויסן וואָגן, כסדר, אויפן גאַנצן וועג געטרומייטערט.

דאָס אַדורכפאָרן פון אַ גאַנצער אָפּטיילונג פייערלעשער האָט געדויערט אין גאַנצן עטלעכע רגעס, אָבער פאַר אַ קינד האָט דאָס אויסגעזען צו דויערן און דויערן. עס האָט נאָך לאַנג אָפּגעהילכט מיט רעש און געשאַל אין זיינע אויערן. עס האָט געדויערט ביז די באַוועגונג אין דער גאַס האָט זיך איינגעשטעלט אין אַ נאָרמאַלן סדר. עס האָט זיך איינגעשטילט דער געקנאַל פון די אייזערנע רעדער פון די שווערע וועגענער אויף די שטיינער פון די ברוקירטע גאַסן. עס האָבן פאַמעלעך אויפגעהערט ציטערן די שויבן אין די

פענצטער פון די הייזער. אָבער די קינדער זענען נאָך אַלץ גע־שטאַנען פאַרגאַפטע און נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס אָרט ווו עס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַזוי פיל פאַרביקייט, אַזוי פיל קלאַנג, גרויל פון שריפות און אַ נישט געשטילטער נייגער דאָס אַלץ צו זען מיט די אייגענע אויגן.

און אַז עס פלעגט אַ מאָל זיך טרעפן, אַז די שריפה וואָס האָט אויסגעבראָכן, איז טאַקע געווען אַ גאָר גרויסע, פלעגט נאָך איין אָפּטיילונג פייערלעשער פאָרן אַ צווייטע, און אַ מאָל אַ דריטע, און אַ פערטע אויך. דאָס איז שוין גאָר געווען אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע און די קינדער פלעגן וועגן דעם רעדן צווישן זיך וואָכן לאַנג און חלומען לאַנגע, שווערע און אַנגסטיקע חלומות...

* * *

איין מאָל האָב איך געהאַט דאָס גליק צו זען די פייערלע־שערס גאָר פון דער נאָענט. ביי די בראָודעס, אונדזערע שכנים, האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה. פּלוצעם האָבן די שטוב־מענטשן באַמערקט ווי פון דער וואַנט אונטער דעם קרעדענס, וואָס איז געשטאַנען אין עס־צימער, זעצט אַ רויך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פון דאָרט באַווייזן אַרויסגעשטעקטע צונגען פייער. מען האָט אַלאַרמירט די פייער־לעשער. זיי זענען אַריין אין טויער פון אונדזער הויף מיט אַזאַ האַסטיקייט, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפן שטורעמען אַ גרויסע פעסטונג. אין עטלעכע מינוט איז דאָס פייער געווען איינגעלאָשן. די העק פון די פייערלעשער זענען געווען אַזעלכע שווערע און שאַרפע, אַז ווען מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אָפּצוהאַקן אַ שטיק פאָדלאָגע, פלעגט זיך דאָס האַלץ שניידן אַזוי ווייך ווי עס וואָלט געווען פּוטער, און דער שניט איז געווען אַזוי גלאַטיק, ווי ער וואָלט געווען געהובלעוועט מיטן שאַרפסטן און דינסטן הובל.

נאָך דער שריפה זענען צו בראָודעס געקומען אַגענטן פון דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז בראָודע געווען אַסעקורירט פאַר גניבה און שריפה. כאָטש דער

שאָדן איז געווען אַ קליינער, האָט מען דאָך אויפֿן הויף געזאָגט, אַז בראָודע האָט אָפּגענומען אַ גרויסע זשמעניע פּייער־קאַסע. די נישט פֿאַרמעגלעכע איינוווינער פֿונעם הויף האָבן געזאָגט, אַז „געלט גייט צו געלט". זיי האָבן מקנא געווען בראָודען מיט דער שריפֿה, פֿאַרגעסנדיק דערביי אַז זיי אַליין זענען דאָך פֿאַר פּייער נישט אַסעקורירט...

* * *

די קריסטלעכע דינסטן, די שיקסעס, פֿלעגן גאָר אַראָפּ פֿון זינען פֿון די „סטראַזשאַקעס". האָבן פֿאַר אַ חתן אַ פּייערלעשער איז געווען פֿאַר זיי אַ גוואַלטיקע קאַריערע.

להיפּוך צו די שקצים און סאָלדאַטן, וואָס פֿלעגן זיך באַגיין מיט די שיקסעס הפקרדיק, זענען די פּייערלעשער געווען זייער סאָליד. די שקצים און די סאָלדאַטן פֿלעגן גיך צווינגען די שיקסעס צו אינטימע באַציִונגען, און ווען זיי פֿלעגן פֿון זיי טראָגעדיק ווערן, פֿלעגן זיי באַלד פֿאַרשווונדן ווערן. נישט זעלטן האָט געטראָפֿן, אַז אַ שיקסע, וואָס האָט שוין לענגער נישט געקאָנט פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר דער באַלעבאָסטע איר מצב, האָט זיך פֿון פֿאַרצווייפֿלונג גע־סמט אויף טויט.

די שקצים און די סאָלדאַטן פֿלעגן אויסנאַרן געלט ביי די שיקסעס און אָפֿט דאָס געלט פֿאַרטרינקען. נישט אַזוי איז עס געווען מיט די פּייערלעשער. אַ פּייערלעשער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אַדרעס. מען האָט געוווּסט ווו און צו וועמען ער באַלאַנגט. ער איז געווען אַ מענטש אַ דיסציפּלינירטער. ער האָט נישט געטאָרט שיכּורן, אַ זאַך וואָס האָט זעלטן געטראָפֿן ביי דער אָרעמער קריסט־לעכער באַפֿעלקערונג. ער האָט געמוזט האָבן אַ ריינע מאָראַלישע פֿאַרגאַנגענהייט. ער האָט נישט געטאָרט האָבן אויף זיך קיין חשד פֿון אַ מאָל נכשל ווערן אין אַ גניבה. אויב ער האָט נישט געהאַט די אַלע קוואַליפֿיקאַציעס האָט מען אים פֿאַר קיין פּייערלעשער נישט אָנגענומען. אַ פּייערלעשער פֿלעגט לאַנג פֿירן אַ ליבע מיט אַ

שיקסע ביז ער האָט זיך צו איר דערנענטערט. און אויב דאָס פלעגט שוין געשען פאַר דער חתונה, פלעגט ער שטענדיק שפּעטער מיט דער שיקסע זיינער חתונה האָבן.

די שקצים און סאָלדאַטן פלעגן די באַלעבאָסטעס, סיי די יידישע און סיי די קריסטלעכע, נישט אַריינלאָזן אין קיך אַריין צו די שיקסעס. זיי האָבן זיך געקאָנט טרעפן ווו זיי האָבן געוואָלט, נאָר אין שטוב האָבן זיי נישט געטאָרט קומען. מען האָט זיי נישט געלאָזט איבערטרעטן די שוועל. ווען ס'איז אַ מאָל געשען, אַז אַ שגיץ פלעגט זיך יאָ אַרויפכאַפּן צו דער שיקסע, האָט זיך נישט איין מאָל שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר געקומען אויסקוקן די שטוב און דערנאָך האָט מען דאָרט אויסגעפירט אַ גניבה.

די פייערלעשער, דאַקעגן, האָט מען נישט נאָר אַריינגעלאָזט, נאָר מען פלעגט זיי גערן פאַרבעטן, אַז זיי זאָלן קומען צו דער שיקסע. מען האָט געוווּסט, אַז אַ שיקסע, וואָס האָט אַ חתן אַ פייערלעשער, וועט שוין במילא אַליין זיך פאַרהאַלטן „סטאַטעטשנע", סאָליד. מען פלעגט איר אַ מאָל דערלויבן דעם חתן אַפילו מכבד צו זיין מיט אַ מיטאָג, אויב די באַלעבאָסטע איז נישט געווען קיין קאַרגע.

די פייערלעשער זענען נישט נאָר געווען באַליבט ביי די שיקסעס, נאָר ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. די קינדער האָבן זיי פאַרערט. פון די שיקסעס, וואָס האָבן פון צייט צו צייט ביי אונדז געדינט, ווי געהילפס-דינסטן, האָט קיין איינע פון זיי נישט געהאַט קיין סטראַזשאַק פאַר קיין חתן. מיר איז נישט אויסגעקומען מיט אַזאַ מענטש, וועגן וועלכן די קינדער האָבן אַזוי פיל גערעדט און געטרוימט, זיך נענטער צו באַקענען, צי כאָטש אים זען פון גאָר דער נאָענט.

* * *

מיט די קוימענקערערס זענען די שיקסעס נישט געווען שטאַרק אַנטציקט. קודם-כל דערפאַר, וואָס זיי זענען שטענדיק

אַרומגעגאַנגען פאַריסטעט מיט דעם קוימען-בעזעם אויף די פּלייצעס. בלויז דער סערזשאַנט זייערער, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ גראַנאַטענעם מונדיר, ווי די פייערלעשערס אין רו צייט, און פונעם לינקן אָרעם האָט אים אַראָפּגעהאָנגען אַן עפּאָלעט אין גראַנאַטענע און אין ווייסע פּאַסן, בלויז ער איז געווען שטענדיק ריין אָפּגעוואַשן, מיט אויסגעפּוצטע אויף גלאַנץ שטיוולעטן. גאָר פייערלעך האָט אויסגעזען דער קוימענקערער-נאַטשאַלניק, ווען ער איז געקומען צו די ווירטסלייט איינמאָנען „פּאָדימנע", אַן אָפּצאָל פאַרן רייניקן די קוימענס. אָבער אַזאַ סערזשאַנט האָט זיך געהאַלטן גרויס און האָט אויף די שיקסעס נישט געוואָלט אַפילו קוקן.

די קינדער האָבן די קוימענקערערס נישט ליב געהאַט. פאַר־קערט, זיי האָבן פאַר זיי מורא געהאַט. מען פלעגט קליינע קינדער סטראַשען מיט קוימענקערערס: „ס'וועט קומען דער קוימענקערער און דיך צונעמען", האָבן מאַמעס און דינסטן געשראָקן די נישט גע־האָרכזאַמע קינדער. „די זעסט דאָך אוים ווי אַ קוימענקערער" — האָבן די מאַמעס געשריגן צו די קינדער, ווען זיי פלעגן ענדלעך אַרויפ־קומען אין שטוב נאָכן זיך אָפּשפּילן עטלעכע שעה אויפן הויף. די קליינע קוימענקערערס, וואָס די עלטערע האָבן זיי געהאַלטן ווי געהילפן צו זיך, האָבן גאָר געשראָקן די קינדער. זיי זענען געווען אָממיינסטן פאַררוסט. זיי האָבן אויסגעזען ווי טייוולאָנים. ווען זיי פלעגן אַדורכגיין נעבן אַ קינד, האָבן זיי ספּעציעל געגעבן אַ דריי מיט די ווייסלען פון זייערע מיט סאַדזעס אונטערגעשמירטע אויגן, אַז דעם קינד פלעגט אַרויספאַלן דאָס האַרץ פאַר שרעק.

די קינדער האָבן געקוקט אויף די קליינע קוימענקערערס ווי אויף גרויסע בעל-עבירות, וואָס די עלטערן האָבן זיי פאַר אַ שטראָף אַוועקגעגעבן פאַר קוימענקערער.

אַחוץ אַלעם האָט מען די קוימענקערערס נישט געהאַלטן פאַר קיין סאָלידע מענטשן. ווען מען האָט זיי געזען אויפן דאַך האָט מען שוין געוווּסט, אַז באַלד וועט אָנהייבן רויכערן פון דער קיך אָדער פון די אויוונס. און אַזוי איז אָפט געשען. זיי פלעגן ספּע־

ציעל אַריינוואַרפן אין דעם „לופט“ אַ שטיין אָדער אַ ציגל און פּלוצעם האָט אָנגעהויבן זעצן אַ רויך, אַז אין די שטובן איז געוואָרן פינצטער און אַלץ וואָס איז דאָרט געווען האָט זיך באַדעקט מיט סאַדזעם...

באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי קוימענקערערס, פון וועלכע איינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בלעכענעם האָן. דער האָן איז געווען פון ווייסער צינק־בלעך, גרויס, ניי און אימפּאָזאַנט. דער קוימענקערער האָט געהאַלטן דעם האָן אָנגעטאָן אויף דער דלאָניע פון זיין לינקער האַנט. ווען ער האָט מיט דער רעכטער האַנט געגעבן אַ פיר איבער זיין קאָם, האָט זיך דער בלעכענער האָן געדרייט מיט שטאָלץ און אַזוי פּאַררעסן, ווי ער וואָלט געווען באמת אַ האָן, אַ לעבעדיקער האָן.

דער צווייטער קוימענקערער האָט אויפגעקלערט דעם עולם אַז אין קוימען איז אַלץ אין אָרדענונג, נאָר דער אַלטער האָן אויפן קוימען איז פאַרזשאַווערט און דרייט זיך נישט. ער לייגט פאָר, אַז די לאָקאַטאָרן זאָלן זיך צונויפלייגן און קויפן אַ נייעם האָן. אָט טאַקע דעם וואָס זיין חבר האַלט אין דער האַנט. די קוימענקערערס האָבן צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט דעמאָלט זיין אין אָרדענונג.

די לאָקאַטאָרן האָבן גערן מסכים געווען צו דעם קוימענקערערס פאָרשלאָג און יעדער פון זיי האָט באַלד איינגעצאָלט זיין חלק פאַר דעם נייעם האָן. ווען די קוימענקערערס האָבן שוין געהאַט איינקאַסירט דאָס גאַנצע געלט, זענען זיי אַרויף אויפן דאַך, אַרויסגעצויגן דעם אַריינגעוואָרפענעם ציגל, מיטגענומען מיט זיך דעם נייעם האָן און אַוועק זוכן נייע בעלנים אויף אים. די קיכן און די אויוונס האָבן טאַקע תיכף אויפגעהערט צו רויכערן, אָבער אויפן קוימען איז געבליבן דער אַלטער פאַרזשאַווערטער האָן, וועלכער האָט זיך געדרייט מיטן לעצטן ביסל כוחות. מיט זיין נעבעכדיקן אויסזען האָט דער האָן געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ווען נישט דאָס, וואָס ער איז געמאַכט פון בלעך, וואָלט ער שוין לאַנג צוגעמאַכט

אַן אויג און איבערגעלאָזט די וועלט מיט אירע קוימענס פאַר ייִנגערע פון אים...

נישט אַלע קוימענקערערס זענען געווען אַזעלכע חברה-לייט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שווער געאַרבעט און אַ גאַנץ לעבן געווען פּאַרריסטט. די פּיפּיקע קוימענקערערס האָבן אויסגענוצט זייערע כיטרע שטיק נאָר אין הייזער באַוווינטע פון ייִדן. פאַר אַ ייִד איז יעדער גוי וואָס האָט געטראָגן אַ מונדיר, מעג זיין אַפילו אַ פּאַרריסטן מונדיר פון אַ קוימענקערער, געווען אַ פאַרשטייער פון נאַטשאַלסט-וואָ, מיט וועלכן ס'איז בעסער געווען נישט איינצורייסן און זיך לאָזן פון אים אַפילו ביודעים אָפּנאַרן. מיט קריסטלעכע איינ-וווינערס וואָלטן די חברה אַזעלכע זאַכן נישט געוואַגט צו טאָן.

איין מאָל אין יאָר האָבן זיך די קוימענקערערס באַוויזן אויפן הויף ריין אָנגעטאָן און אָפּגעוואַשן. דאָס האָט פּאַסירט אין די טעג צווישן „באָזשע נאַראָדזעניע" (ווייִנאַכטן) און נאָווי ראָק (ניי-יאָר), ווען זיי פלעגן אַרומגיין צונויפנעמען ביי די לאָקאַטאָרן נאָוואָ-ראָטשנע (ניי-יאָר-געלט), דעמאָלט איז בכלל געווען אַ צייט פון פּאַרגעבונג. מען האָט זיי אַ סך מוחל געווען. די שיקסעס האָבן אין דער צייט אויך געקוקט אויף זיי לייטזעליקער און די קוימענ-קערערס האָבן אין דעם שעת הכושר נישט איינס ביי זיי געפּועלט...

ג

האנדי!... האנדי!...

כ׳בין געגאַנגען און געגאַנגען איבער די לאָדזשער שטיי־נערנע גאַסן. דעם קאָפּ מיט די אויפגעריסענע אויגן געשיקט פֿאָ־רויס, — און די פֿיס זענען געווען אַ שוואַכער, מידער אָנשפּאַר פֿאַרן פֿאַרמאַטערטן גוף.

לאַנגע טעג בין איך שוין אַזוי געגאַנגען. געגאַנגען און גע־נישטערט מיט די אויגן אין די פּנימער פֿון די אַדורכגייערס. געזוכט אַ פּנים פֿון אַן אייגענעם, פֿון אַ נאָענטן.

טייל מאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכטן, אַז די אַלע מענטשן וואָס גייען אין גאַס, די אַלע מיט די אויסגעראַזירטע גאָמבעס און די מיט די לאַנגע וואָנצעס, די אין די מאַרינאַרקעס מיט קראַטן און די אין מאַרינאַרקעס אין אַ שטרייפּעלע, אַז זיי אַלע זענען יידן. צוזאַמען מיט די יידישע דירות, מיט די יידישע ווערקשטעלן און געשעפֿטן, צוזאַמען מיטן יידישן אָנטועכץ און מיטן גאַנצן יידישן האָב און גוטס, האָבן זיי איבערגענומען אַ ריי יידישע תנועות. זיי האָבן זיך באַוועגט ווי יידן, געשמועסט צווישן זיך ווי יידן, זשעס־טיקולירט ווי יידן, און זייער פּויליש איז געווען מיט אַ ביסל אַ יידישן אַקצענט.

פֿרויען וואָס זענען געשטאַנען מיט זייערע מענער אויף די טראַמוויי־סטאַציעס, געוואַרט אויף די טראַמווייען וואָס האָבן גע־פֿירט קיין אַלעקסאַנדער, פּאַביאַניץ און זגיערזש, ווו זיי האָבן געהאַט, איבערגענומענע נאָך די יידן, פֿאַבריקלעך פֿון זאָקן און מאַנופֿאַקטור, די פֿרויען אין יידישע לאַנגע קאַראַקולענע מאַנטלען, האָבן געהאַט אין זיך עפּעס פֿון דער שווערלעכקייט פֿון יידישע פֿרויען פֿון מיטל־

קלאַס. ס׳האָט זיך אָנגעזען אין זיי אַן אָפּגעלאָזנקייט צוליב פאַר־יאָגטקייט. זיי האָבן גערעדט מיט אַ פאַרטועקייט פון יידישע פרויען־סוהרטעס. איינע פון זיי האָט זיך אָנגערופן צו אַ הויכן, בלאָנדן מאַן:

— יוזעפיע, ניע זאַפּאָמני, זשע יוטראָ מאַמי פּלאַטשיטש וועקסעלעק. (יוזעף, פאַרגעס נישט, אַז מאָרגן האָבן מיר צו צאָלן אַ וועקסעלע).

און דאָך האָב איך געוווּסט מיט אַ פאַטאַל וויסן, אַז דאָס זענען נישט קיין יידן, אַז דאָס זענען פּאָליאַקן, קריסטן.

טייל מאָל, ווידער, האָט זיך מיר אויסגעדוכטן, אַז אַלע, אַלע אין גאַס, אין טראַמוויי און אין די גערטנער, אַז אַלע זענען זיי פּאָל־יאַקן, קריסטן. אפילו די יידן, וואָס איך האָב זיי שוין גוט דערקענט, די יידן, וואָס זענען פון יאָרן שרעק נאָך אַלץ געגאַנגען און געזעסן מיט פאַררימענע קעפּ אין דער הייך, בכדי צו שאַפן כאָטש אַן אי־לוזיע פון אַן אָנזעעוודיקער אויבערשטער ליפּ, וואָס זאָל אָפּטיילן די נאָז פון מויל; אפילו די יידישע פרויען, וואָס כ׳האָב זיי שוין גוט דערקענט צוליב די גרויסע צלמים וואָס זיי האָבן נאָך אַלץ געטראָגן אויף זייערע העלדזער, אַלע האָבן זיי מיר אויסגעזען ווי קריסטן. דער יידישער אומעט פון זייערע אויגן, וואָס האָט זיי אַזוי פאַרראַטן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז איצט נאָך דער באַפרייונג, געהאַט פאַרשוווּנדן, נאָר זייערע פּנימער, זייער צורה איז נישט געווען קיין יידישע.

עפּעס אַ פרעמדקייט איז געלעגן צווישן מיר און זיי. אַן אומפאַרשטענדלעכע פאַר מיר פרעמדקייט.

אַליין אַ רעפּאַטריאַנט, אַ נאַר־וואָס צוריקגעקומענער פון רוסלאַנד, האָב איך קיין באַקאַנטע צווישן די יידישע רעפּאַטריאַנטן נישט געזוכט. כ׳האָב פאַרלאָזט מיין רעפּאַטריאַנטן־עשאַלאָן אין פּויזן און געקומען קיין לאָדזש מיט אַ פּאַסאַזשיר־צוג.

אין וואַרשע, אין מיין וואַרשע, בין איך נאָך נישט געהאַט

געווען. וואַרשע וואָלט באַדייט דעמאָלט פאַר מיר דער סוף פון מיין צוריקקומען פון רוסלאַנד „אַהיים".

און איך האָב נאָך אַזוי נישט געוואָלט האַלטן ביים סוף. איך האָב נאָך אַזוי געוואָלט זיין אין מיטן, אין מיטן דער לאַנגער נסיעה אויף מיין וועג צוריק...

ס'איז שוין געווען אַ יאָר נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה. יעדער וואָס האָט געהאַט אַן איבערגעבליבענעם ביים לעבן קרוב, האָט שוין וועגן דעם געוווּסט.

איך האָב גאָרנישט געוווּסט. גאָרנישט געוווּסט פון קיינעם פון מיין פאַרצווייגטער משפחה, וועלכע איז געהאַט פאַרבליבן אין פוילן.

אָבער פאָרן קיין וואַרשע בכדי געוואָר צו ווערן אויף זיכער, אַז איך האָב נישט קיינעם, האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב פשוט נישט געקאָנט.

* * *

בין איך געגאַנגען און געגאַנגען איבער די לאָדזשער שטיינערנע גאַסן און געגישטערט מיט די אויגן אין די פנימער פון די פאַרבייגייערס. איך האָב געוווּסט אַז מיין בליק איז אַן אומאָנגענעמער, אַ שאַרפער, אַ שניידנדיקער. אָבער איך האָב דערצו גאָרנישט געקאָנט העלפן. מיין שפּיציקער בליק האָט געוואָלט אַראָפּרייסן מאַסקעס, זיך אַריינשניידן און געפינען אונטער די פרעמדע פנימער, אַ פנים פון אַן אייגענעם, פון אַ נאָענטן.

אַ פאַרמאַטערטער פון דעם זינלאָזן גיין איבער די גאַסן, פלעג איך „אַהיימקומען". מיין היים איז געווען אַ ליידיק צימער מיט אַ פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, און אַ ווייסע, האַרטע, צעראַטענע, נאַקעטע קאָזעטקע אויף אונטערצוזוכן קראַנקע.

כ'האָב געהאַט באַקומען צייטווייליק אַן אָרט צו רוען און שלאָפן ביי מיינס אַ פריינד, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אַ דאַנק זיין הויכער מיליטערישער ראַנג פאַרנומען אַ גרויסע דירה אויף דער

פּיעטרעקאָווער גאַס, כאָטש זיין פאַמיליע האָט גאָר געוווינט ערגעץ אַנדערש.

בין איך געלעגן אין דער ליידיקער דירה אויף דער האַרטער, אָפּגעצויגענער, פּלאַטשיקער קאָזעטקע און געהאַט דאָס געפיל, אַז אַליין בין איך אויך אַזוי דין און פּלאַטשיק ווי די קאָזעטקע, אַז כ׳האָב עפּעס לגמרי קיין וואָג נישט.

און געטראַכט האָב איך דעמאָלט וועגן דעם חילוק צווישן „איינזאַם" און „אַליין".

אויפן זכרון זענען מיר געקומען מיינע קינדעריאָרן. ווי אַ קינד האָב איך זיך געפילט מוראדיק איינזאַם. איין יינגל צווישן פינף מיידלעך-שוועסטערן, צווישן קוזינקעס און חברטעס וואָס פלעגן צו מיינע שוועסטערן קומען, צווישן דער מאַמען, גוווער־נאַנטקע, דינסטן, מומעס און סתם ווייבער, האָב איך זיך געפילט פאַרלוירן און אומגליקלעך. דער טאַטע פלעגט אָפט אַרומפאָרן, און איך האָב אים זעלטן געזען, כמעט נאָר שבת און יום-טוב.

שפּאַצירן בין איך געגאַנגען מיט די מיידלעך, שלאָפן פלעגט מען מיך לייגן גלייך מיט די מיידלעך, אויך שפּילן האָב איך זיך געמוזט מיט די מיידלעך. אויפן הויף האָט מען מיך נישט אַראָפּ־געלאָזט. אויפן הויף אויף פּאָקאָרנע האָבן דעמאָלט געקיניגט בראָודעס יונגען, און מיינע שוועסטערן האָבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעפּסקנט, אַז אַלע יינגלעך זענען לאָבוזעס.

די קוזינקעס און מיינע שוועסטערס חברטעס פלעגן מיך אָפט נעמען אויף דער שויס. גלעטן מיינע געדיכטע, שוואַרצע האָר, פאַרריכטן דעם גרויסן זיידענעם שלייף אונטער דעםברייטן פּיקענעם קאָלנער. זיי האָבן מיך געקושט אין קאָפּ און אין די באַקן. אין די אויגן האָט מיין מאַמע מיך נישט געלאָזט קושן. קושן אין די אויגן, האָט די מאַמע געזאָגט, ברענגט טרויער.

אָבער מיר איז אַפילו פון דעם בלויזן קושן אין קאָפּ און אין די באַקן געווען משונהדיק טרויעריק. כ׳האָב געבענקט נאָך אַ

געזעלשאַפט פון יינגלעך, נאָך יינגלערישע שפּילן, און כ'פלעג טייל מאָל, פון גרויס אומעט, וויינען.

פון דעמאָלט, פון די דאָזיקע איינזאַמע קינדעריאָרן מיינע, פולע מיט קלעמענישן, האָב איך זיך דערמאָנט אַזאַ חלום:

מיר חלומט זיך אַז ס'איז מיטאָגצייט. דער טאָג — אַ מיטנ־וואָכיקער. אַלע זיצן ביים טיש אין גרויסן עסצימער. דער טאַטע זיצט אויבן־אָן. ס'איז אַ פייערלעכע שטימונג. אַלע שווייגן און זענען פאַרטאָן אין עסן די יויך און עפּעס אונטער דער יויך. איך בין קראַנק. ליג אין מיין בעטל, וואָס שטייט איצט אין עסצימער, ביי דער וואַנט אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג, נעבן מיין טאַטנס אויבנאָן.

איך עס נישט. האָב הויכע היץ. נאָר די פייערלעכע שטימונג אין שטוב נעמט מיך אויך אַרום. עפּעס איז מיר אַזוי גוט און איינ־צייטיק שרעקעוודיק.

פלוצעם הערט זיך אַ שאַרפער קלונג ביים טויער פון הויז. פון דעם רים מיטן גלאָק טוט מיר אַ טיאָכקע אין האַרצן און איך דערשרעק זיך. די וואַנט פון עסצימער וואָס גייט אַרויס אויפן הויף ווערט דורכזיכטיק און איך זע אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אויפן הויף.

עס פאָרט אַריין אין הויף אַ מתים־עגלה פאַר קינדער. די עגלה קרייזט אַרום דעם גאַנצן הויף און שטעלט זיך אָפּ פּונקט ביים אַריינגאַנג, דאָרט ווו מיר וווינען.

איך ווייס באַלד אַז מען איז געקומען נאָך מיר. איך ווייס עס שוין אויף זיכער. איך פלאַטער אין גאַנצן פון שרעק. איך פיל אַז איך לעב און זע נישט קיין שום סיבה פאַר וואָס מען זאָל מיך האַלטן פאַר אַ געשטאָרבענעם.

דורך דער טיר פון עסצימער קומען אַריין עטלעכע היימישע יידן פון מיין טאַטנס חסידים־שטיבל. זיי ברענגען מיט זיך אַריין דעם אָרון פאַר מתים. זיי שטעלן אַוועק דעם אָרון נעבן מיין בעט און זעצן זיך דערווייל אַוועק אויף דערלאַנגטע זיי שטולן.

מיין טאַטע שמועסט מיט די יידן זייער געמיטלעך. ער איז אויפגערוימט, כמעט פריילעך. ס'זעט נישט אויס אַז איך, זיין בן־

יחיד, מיין טויט, דער אָרון פאַר די מתים, און דאָס וואָס מען גייט מיך אַוועקנעמען, זאָל אים אָנגיין דאָס מינדסטע, כי הוא זה.

אַפילו מיין מאַמע זעט נישט אויס צו זיין איבערגענומען מיט דעם וואָס עס געשעט מיט מיר. מיינע שוועסטערן זיצן ווי פריער ביים טיש און עסן די יויך. נאָר איין שוועסטער מיינע, העלאַ (חיה), וואָס איז שוין אַ דערוואַקסן מיידל און איז זייער אַ סענטימענטאַלע, וויינט שטענדיק ווען אַניעלאַ, דאָס קריסטלעכע דינסטמיידל, זינגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים די ווערטער: „אומאַרל אָיטשעץ אי מאַטולאַ פּאָשלאַ זאַ נים וו׳נעט. (ס׳איז געשטאָרבן דער טאַטע און די מאַמע באַלד נאָך אים). פון דעם לידל „יאַשיאָ קרוווקי גנאַ״ (יאַשיאָ יאָגט די קיעלעך), אָט די שוועסטער מיינע זיצט אַ טרויע־ריקע און טרערן באַגיסן איר פּנים. אָבער אויך זי רייסט נישט איבער דאָס עסן.

איך בין אין גאַנצן אויפגערודערט פון דער גלייכגילטיקייט פון מיינע נאָענטע צו דעם שרעקלעכן וואָס גייט מיט מיר געשען. איך רייד וואָס אַ מאָל העכער, איך הייב אָן כמעט שרייען, אַז איך בין נישט געשטאָרבן, אַז מיר איז גאָרנישט, אַז איך בין נאָר אַ ביסל קראַנק און מאָרגן־איבערמאָרגן וועל איך שוין זיין געזונט.

אָבער קיינער נעמט נישט ערנסט מיינע פאַרצווייפלטע טענות. די יידן, וואָס האָבן אַרויפגעבערענגט דעם אָרון, ווינקען זיך איבער און שמייכלען. זיי שמייכלען אַפּנים פון מיינע קינדישע, נאַיווע טענות.

פון גרויס ייאוש, פון געוואַלדיקן פּחד, פון שרעקלעכער אויסערזיכקייט, גיב איך זיך מיט איין מאָל אַ רייס אַרויס פון חלום. איך כאַפּ זיך אויף.

ס׳איז טאָג. דורך די שטאָרן פון באַנאַנען־קאָליר צעגייט זיך אַ מילד, גאָלדיק ליכט איבערן צימער. איך ליג אין מיין ניקלנעם בעטל צוגעדעקט מיט אַ בלויער קאָלדרע. אויף די ווענטלעך פון בעטל הענגען בלויע פאַרהענגלעך, און אין דער הייך זענען די ניקלנע גאַלקעס פון בעטל אַרומגענומען מיט בלויע קאָקאַרדעס.

אַנטקעגן איבער מיר שלאָפֿט אין אַזאַ בעטל מיין שוועסטער עווא (חוה). זי איז עלטער פֿון מיר מיט אַנדערטהאַלבן יאָר. זי איז צוגעדעקט מיט אַ ראָזע קאָלדרע. אויף די וואַנטלעך פֿון איר בעטל הענגען ראָזע פֿאָרהענגלעך און די ניקלנע גאַלקעס זענען אַרומגענומען מיט גרויסע ראָזע קאָקאַרדעס.

זי ליגט מיטן רוקן צו מיר. אירע שוואַרצע האָר זענען אויף ביי נאַכט פֿאַרפּלאָכטן אין צעפּלעך און פֿאַרנומען אַרויף איבערן קאַרק. זי איז אַלט אַכט יאָר, און שוין איז אין איר אַפּגעדעקט שטיקל פֿלייצע פֿאַראַן אַ פֿאַררונדיקטקייט, אַ פֿרויענהאַפֿטיקייט.

מיר איז אַזוי גוט פֿון דעם, וואָס איך לעב. וואָס דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ בייזער חלום. באַלד וועט אַריינקומען די מאַמע און אונדז העלפֿן זיך אָפּוואַשן און אָנטאָן. אַפֿילו די פּאַננע מאַדזשיע וואָס זאָגט אויף אַלץ „מען טאָר נישט", זעט מיר איצט אויס צו זיין מילד און נאָכגיביק. אַפֿילו מיין רבי, ר' ניסן, וואָס קומט מיט מיר אָפּלערנען און דערציילט מיר וועגן אַ קאַנטשיק מיט אייזערנע ריטלעך און שמייכלט דערביי אַזוי מאָדנע צו מיר מיט זיינע שפּיציקע ציין, וואָס זעען אויס ווי קליינע אייזצאַפּנס, אַפֿילו ער איז מיר איצט נאָענט, און כ'פֿאַרשטיי, אַז מיטן קאַנטשיק מיינט ער זיכער נישט מיך.

פֿון גרויס דאַנקבאַרקייט צו דער מילדקייט פֿון טאָגליכט, צו דער שיינער שטוב, צו מיין טאַטן, וועלכן כ'זע אַזוי זעלטן, צו דער מאַמען וואָס וועט באַלד אַריינקומען אַ צעשמייכלטע, צו מיינע שוועסטערן, וואָס צערטלען מיך אַזוי, גיי איך אַראָפּ פֿון מיין בעטל, גיי צו צו מיין שלאָפֿנדיק שוועסטערל און גיב איר אַ קוש אין קאַרק.

זי שלאָפֿט טיף און רויִק. מיין קוש האָט זי נישט אויפֿגעוועקט. זי ליגט אין איר אַכטיאָריקער רחבותדיקער ווייבלעכקייט, די שיינע שוועסטער מיינע, וועלכע כ'האָב אַ גאַנץ לעבן ליב געהאַט מיט אַ כמעט זינלעכער ליבע.

* * *

איצט, האָב איך געטראַכט, בין איך אַליין. אַליין, אָן טאַטע־מאַמע, אָן מיינע שוועסטערן, אָן זייערע מענער, מיינע שוואָגערס, אָן זייערע קינדער און אָן מיינע עלטערנס ערשט אוראייניקל, וואָס איז געבוירן געוואָרן עטלעכע וואָכן פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה און וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן און קאָן זיך ביזקל היינטיקן טאָג נישט דערמאָנען.

כדי צו פאַרשאַרפן דאָס געפיל פון אַליינקייט, צו פילן עס בולטער, כדי זיך צו פייניקן מיט דעם אַליין, רוף איך אַרויס אין דמיון די געשטאַלטן פון מיינע נאָענטע. יעדע געשטאַלט באַזונדער. געשטאַלט נאָך געשטאַלט. איך קוק זיך גוט איין אין יעדנס פנים. כ׳קוק צודרינגלעך און שאַרף אַריין אין יעדנס אויגן. באַטראַכט זייערע פאַרבן ביי דער דינסטער ניואַנסירונג. קוק נאָך יעדנס תנועות, יעדנס באַוועגונגען. כ׳רוף אַרויס אין מיין געהער־דמיון דעם קלאַנג פון יעדנס קול. כ׳באַטראַכט יעדנס הלבשה אין פאַרשיידענע צייטן פון טאָג און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

כ׳זע מיין טאַטן זומער אין דער פרי אין זיידענעם געבלימטן שלאַפראָק, און ווינטער אין דער פרי אין אַ וואַלענעם. כ׳זע אים אין פאַרשיידענע אָנצוגן, העלע און טונקעלע. אין לאַנגע, ווען ער איז אין דער היים און אין דריי־פערטלדיקע און קורצע, ווען ער פאָרט אין די וואַרעמבעדער און נאָך אויסלאַנד. כ׳זע אים אין אַ שוואַרצער טוכענער קאַפּאָטע מיט זיידענע קלאַפּעס, ווען ער גייט אויף אַ פרעמדער שימחה, און אין אַ זיידענער, צי אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט סאַמעטענע סטראָקעס, ווען ער איז אויף אַן אייגענער שימחה, צי שבת און יום־טוב.

כ׳זע די מאַמע מיינע אין אַ ברייטער ווירטשאַפט־שירץ, ווען זי פאַרעט זיך אין שטוב, צי אין קיך. כ׳זע זי אַן אָנגעטוענע אין אַ זיידן צי וואָלן קלייד ביים טיש און נאָר מיט אַ קליין זיידן פאַרטעכל מיט אַ מערעזשקע, אַרום די לענדן. כ׳זע זי אין אַטלאַס

און אין שיפאָן, אין סאַמעט און אין וועלוועט, אויף פאַרשידענע אויפנאַמעס און שימחות. כ'זע מיינע שוועסטערן אין זייערע שול-מונדירן, אין גראַנאַטענע קליידלעך מיט ווייסע, פיקענע קעלנערלעך און מאַנקעטן און אין שוואַרצע אַלפּאַגענע פאַרטעכער מיט הערצע-לעך און מיט אָרעמבענדער, פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען און פאַר-בונדן אַרום די לענדן. כ'זע זיי שוין אונטערגעוואַקסענע אין זיידנס און אין שיפאָן, אין טיול און אין קאַשמיר. אין חופּה-קליידער און אין צומאָרגנס-קליידער. כ'זע דאָס נאָר-וואָס געבוירענע קינד מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר און אין אַ פּיצינק וויים העמדעלע מיט אַ קאַפּטאַניקל, מיינע עלטערנס ערשטע אוראייניקל, וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן און קאָן זיך ביזקל היינטיקן טאָג נישט דער-מאָנען.

כ'רוף אַרויס אין מיין דמיון די געשטאַלטן פון מיינע נאָענטע און באַטראַכט לאַנג און געניי יעדן פון זיי באַזונדער. ווען כ'האָב זיך שוין גוט איינגעקוקט און אָנגעקוקט מיט איינעם, רוף איך אַרויס אַ צווייטן. ביי יעדן דערווייטערן זיך פון אַ נאָענטן פיל איך ווי מען וואָלט פון מיר אָפּגעשניטן אַן אבר. אַזוי גייען געשטאַלטן נאָך געשטאַלטן, אבר נאָך אבר. און ווען אַלע געשטאַלטן פון מיינע נאָענטע האָבן זיך שוין דערווייטערט פון מיין דמיון, בלייב איך ליגן: אַ שטיק לעבעדיק אינגעווייד וואָס וואַרפט זיך אויף דער אָנגעצויגענער, האַרטער און קאַלטער קאַזעטקע.

* * *

איין מאָל, ווען איך בין אַזוי געלעגן פאַר נאַכט צו, נאָך אַ טאָג אַרומדרייען זיך איבער די לאַדזשער שטיינערנע גאַסן, און זיך געפּייניקט מיטן געפיל פון אַליין, האָב איך דערהערט אַ וויינע, בנעימותדיקע שטים אויסרופן דעם יידישן: — האַ-נג-די! האַ-נג-די! מיט אַ לאַנגן אַקצענט אויף דעם אות: נון.

אַ שרעקעוודיקע פרייד נעמט מיך אַרום און האַלט מיך אין קלעם. איך הער זיך גוט איין. און ווידער דערגייט צו מיר דער

האַ-נג-די! האַ-נג-די! נאָך ווייכער און בנעימותדיקער ווי פריער, און פול מיט יידישן טרויער.

כ׳דערזע דעם הויף אויף פּאָקאָרנע, דעם הויף אויף מוראַנאָוו. מיטלוווקסיקע יידן, מיט געלע פּנימער, מיט ברוינע, קליינע בערד־לעך, זומער אין ציינענע כאַלאַטלעך און ווינטער אין גרויע, אָדער אין ברוינע פּאַלטענעס, מיט זעקלעך אונטער די אָרעמס, שטייען אויפן הויף און זינגען אוים מיט דערוואַרטונג און בטחון דעם — האַ-נג-די! האַ-נג-די!

זיי קומען אַריין אין די יידישע הייף מיט פּאַמעלעכע טריט, זינגען אַפּ זייער קורצן געזאַנג, וואָס זיין באַטייט איז: נויט און ברויט. קוקן זיך אום איבערן הויף, צי ס׳עפּנט זיך נישט קיין פענצ־טער און גייען אַוועק נאָך פּאַמעלעכער, ווי זיי זענען געקומען.

אונדזער דינסט האָדעס, צי געגענדל, רופט טייל מאָל אַרויף אַזאַ ייד, כדי אים צו פאַרקויפן די אַלטע מלבושים צי די אַלטע שיך, וואָס מיין מאַמע האָט זיי געגעבן צו פאַרקויפן און דאָס געלט זאָלן זיי נעמען פאַר זיך.

דער ייד קומט אַריין שטיל, גייט אַריין אין קיך, לייגט אַרוים דאָס זעקל פון אונטערן אָרעם, באַקוקט די זאַכן האַלטנדיק דעם קאָפּ אין אַ זייט, חצי־ערנסט, חצי־איראָניש, ער לייגט צונויף דאָס מלבוש, צי די פּאָר שיך, לייגט זיי אַריין זיך אין זעקל, נעמט אַרוים דעם לעדערנעם בייטל און ציילט אָפּ עטלעכע זילבערנע מטבעות.

די שטילע האָדעס זאָגט: ר׳ ייד, ס׳איז ווייניק. דעמאָלט נעמט דער ייד ווידער אַרוים דעם בייטל, עפּנט אים אויף און לייגט צו נאָך אַ מטבע צו די, וועלכע ער האָט שוין אַוועקגעלייגט אויפן טיש. די היציקע געגענדל זאָגט: — ר׳ייד, ווּס האָט איר זיך שוין אָנגעפּאַקט די זאַכן ווי זיי וואָלטן געווען אייערע. נעמט צו אייערע פּאַרדוסטע פּור גראָשן! דעמאָלט עפּנט דער ייד צוריק דאָס זעקל, נעמט אַרוים צוריק די זאַכן, לייגט זיי אַוועק אויף דעם קיך־בענקל, זאָגט „אַ גיטן־טוג״ און וויל אַוועקגיין.

און ס׳קומט שוין אַלע מאָל אַזוי אויס, אַז די שטילע האָדעס באַקומט מער, ווי די שרייעוודיקע גענענדל.

די דאָזיקע גאַנצע זעאונג געדויערט נישט מער ווי אַ רגע. פונעם הויף דערטראָגט זיך ווידער דער מילדער און טרויעריקער:

—האַ־נג־די! האַ־נג־די!

איך וויל דורכוים זען דעם ייד. כ׳קריג מורא, טאָמער גייט ער אַוועק. איך שפּריג אַראָפּ פון דער קאָזעטקע, לויף צו צום פענצטער און עפן עם אויף.

אין מיטן הויף שטייט אַ קריסט, אַ פּאָליאַק, מיט אַ פּאָר לאַנגע, געדרייטע וואָנצעס, ווי ביי אַ שלאַכטשיץ. פון זיינע הויזן, אַרומגענומענע מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק, שפּאַרט אַרויס אַ גרויסער בויך. ער טראָגט אַ גראַנאַטענע מאַרינאַרקע. זי איז אויפגעקנעפּלט. ס׳זעט זיך זיין ראָזאַ העמד אין ווייסע פּאַסיקלעך. ער טראָגט דאָס העמד צעכראַסטעט און ס׳זעט זיך אַרויס זיין מעכטיקע ברוסט.

זיין פּנים איז אויסגעראַזירט, קייַלעכיק און פול. די אויגן קוקן צודרינגלעך און פאַרשייט. און פון זיינע דיקע ליפּן גייט דאָס אַרויס דער מילדער, בנעימותדיקער געזאַנג מיטן יידישן:

— האַ־נג־די! האַ־נג־די!

ביכער פון דעם זעלבן מחבר

לידער פון דער נאַכט — **פאַרלאַג א. ב. צעראַטא, פאַריז,** 1950

מיינע וואַרשעווער הייף:

אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1) — **פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב,** 1959

אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2) —

(מיט צייכענונגען פון אַ מערזער)

אויספאַרקויפט.

ר׳ זלמן (מיט צייכענונגען פון אַ. קאַלניק) —

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1960

מיינע וואַרשעווער הייף:

אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1) —

אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2) —

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1962

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען

פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאָטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווײי און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
אַ. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר׳ זלמן
א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר הירדן
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
יחיאל האפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (2 בענד)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט — אַלבאָם
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
נוסיאַ — איניאַ שיפּמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש־העברעיש־ענגליש)
ש. זאראמב	אויסדערוויילטע שריפטן
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
איציק מאנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאַלאַדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש—תש״ה, אַנטאָלאָגיע
מ. י. שעליובסקי	אין יאָרן אַרום
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל (אַפאָריזמען, מאמרי חז״ל און גלייכווערטער)
ל. פאַפּיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
יהושע אַלקאָן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאָמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
נחמן מייזיל	צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס
נ. ראפּפּ	אַ קרוג מיט וויין (לידער)
נ. דראזדאוו	אחד העם (ענגליש)
יעקב גלאטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער
ישעיהו שפּיגל	די בריק (נאָוועלן)
מאַני לייב	לידער און באַלאַדן — יידיש־עברית
אפרים אויערבאַך	וואָך איז דער סטעפּ (לידער)
ב. עפּשטיין	דורך דעם גרינעם טויער
ש. וואַרזאַגער	זאַמד
מ. פולאָווער	געווען איז אַ געטאָ (לאָדזש)

נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער (עסייען)
ד״ר ח. שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה וויסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאַרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)
א. סוצקעווער	אָאַזיס (לידער)
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט (לידער)
ל. אליצקי	מיין האַרץ־רייזע (לידער)
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־טן געבוירנטאָג
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר (לידער)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 1)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 2)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
יוסף ראָטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ש. פּאָליאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
יוסף גאָר	ווידערקלאַנגען
ארגון יוצאי בארשטשיוו	ספר בארשטשיוו
מרים ריינעס־מלצר	צום קוואַל
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען

יעקב פרידמאַן	נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)
י. זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק
ב. שפּינאָזע	עטיק (איבערזעצט: ש. ווינער)
יאָסל צוקער	שריפטן
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג
י. פּעטערזייל	אָנדענק־בוך
מ. קוטשינסקי	נוסח בראַזיל
חיים בעז	אונדזער דור מוז אנטשיידן
יוסף ארליך	וואָלבראָם
י. גויכבערג	מיט לייב און לעבן (לידער)
י. גויכבערג	מיט אַ שמייכל (לידער)
מאַטעס דייטש	יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד

בעברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבאך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קביאטקובסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (עברית־יידיש)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
אליעזר ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן (מסות)
י. שטיינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
י. פריליך	מצדה ורומי
א. מנור	פרופ׳ אריה טרטקובר
מאַני לייב	שירים ובלדות (עברית—יידיש)
יוסף ארליך	וואָלבראַם